פערלאג
מענדעלע
ווארשע

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

פערצעהנטער באנד

נייע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאפט „צענטראל", ווארשא, נאָוואָליפּקי 7

1 9 2 8

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

אין א שטורם-צייט

און אנדערע ערצעהלונגען

פערלאג „מענדעלע", ווארשא

1 9 2 8

פערצענטער באַנד

אין דעם באַנד XIV געהען אַריין פאָלגענדיגע דריי זאַכען: „אין אַ שטורם-צייט", „אין דער ישיבה של מעלה און ישיבה של מטה" און „אַ סגולה צו יודישע צרות".

די ערשטע צוויי זאַכען זענען געשריבען דורך מענדעלען אין העברעאיש און איבערגעזעצט אין יודיש דורך ם. אָלגין.

„אין אַ שטורם־צייט" (אין העברעאישען—„בימי הרעש") איז צוערשט געדרוקט געווען אין העברעאישען „פרדס" (אין יאָהר 1894), „אין דער ישיבה של מעלה און ישיבה של מטה"-אין דער זעלבער צייט אין „לוח אחיאסף".

אין די ביידע ערצעהלונגען שילדערט מענדעלע אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער די יודישע פאָגראָמען פון די 80־טער יאָהרען, די עמיגראַציע־בהלה און די נאַציאָנאַלע שטימונגען, וועלכע האָבען בעהערשט דאַן די יודישע פאָלקס־מאַסען.

אין „אין שטורם־צייט" פיהרט מענדעלע אַרויס מייסטעריש צוויי טיפען, מענדעלען און ר' לייבען, וואָס דערמאָנען די קינסטלערישע טיפען פון „מסעות בנימין השלישי" מיט זייער האַרציגקייט, תמימות און אומבעהאָלפענקייט. דער זיבעטער יודישער חן איז אויסגעגאָסען אויף זייער יודישלעכע בעוועגונגען, יודישע פשטותדיגע בעגלויבקייט. משונה־ווילד און גלייכצייטיג-קינדעריש איז די בהלה, דאָס לויפעניש, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יודישע שטעדטלעך. מענדעלע אַליין שרייבט: „אַז איך דערמאָן מיר יענע צייטען, שוועבט אַ שמייכעל נישט ווילענדיג אויף מיינע ליפען, אָבער אינעווייניג וויינט די נשמה; איך לאַך מיט טרערען, און דאָס האַרץ טהוט אַזוי וועה".

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 12667
76060
i 49792878

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

מענדעלע קארגט נישט, ווי זיין שטייגער איז, קיין פארבען אָבצומאָהלען וואָס שוידערלעבער די יודישע אָרעמקייט, די יודישע נויט, די יודישע פארוואָרלאָזיקייט, וואָס נאָר ער איינער איז געווען דערויף אזא מייסטער! אָט קוקט ער אויף דעם טראַגישען, אומגליקלעכען ר' לייב דעם מלמד, וואָס האָט זיך געלאָזט צוגלייך מיט אלע קיין אדעס צו פאָהרען קיין פאלעסטינא צו ווערען א יודישער ערד־ארבייטער; מענדעלע קוקט זיך גוט איין אין איהם און זאָגט: „אַז אָך און וועה איז צו דיר. און אַז אָך און וועה איז מיר און אַז אָך און וועה איז אַלע קאַבצאנסקער יודען!...“

אין „אין דער ישיבה של מעלה און ישיבה של מטה“ חזרען זיך ווידער איבער די זעלבע שילדערונגען, מאָטיווען, וואָס אין „אין א שטורם־צייט“. אין די ביידע ערצעהלונגען ווערען אַריינגעפיהרט א רייה נייע געשטאַלטען פון די חובבי־ציון. זיי ווערען ביי מענדעלען וועניגער געמאָלט, זיי רעדען ביי מענדעלען פיעל, האַלטען פייערדיגע דרשות. קינסטלעריש זענען די געשטאַלטען, פיעל שוואַכער ווי די עלטערע, פשוטע אוממיטעלבאַרע קאַבצאנסקער יודען. אין דער ערצעהלונג „אין דער ישיבה של מעלה“ איז צווישען אַנדערע פיין געמאָלט דער ווארשעווער רייכער חסיד ר' שמשון.

„א סגולה צו יודישע צרות“ איז מענדעלע׳ס א פרייע יודישע בעאַרבייטונג פון לעאָן פינסקערס בעריהמטער דייטשער בראָשור „אויטאָעמאַנציפאַציאָן“, וואָס איז ערשיענען אין בערלין, אין 1882 אַנאָנים, אונטערן נאָמען: „מאהנרוף אַן זיינע שטאמעסגענאסען פאָן איינעם רוסישען יודען“. מענדעלע האָט די בראָשור שטאַרק פעריודישט, צוגעגעבען אַן אייגענע הקדמה, דעם סוף שטאַרק מקצר געווען און דעם גאַנצען אינהאַלט איבערגעשריבען אויף א אייגענעם יודישלעכען שטייגער. „א סגולה צו יודישע צרות“ איז צוערשט געדרוקט געווען אין גרשון באדערס „יודישער פאָלקס־קאַלענדאר“, אין יאָהר 1889.

נ. מ.

אינהאַלט:

1) אין א שטורם-צייט.

2) אין דער ישיבה של מעלה און ישיבה של מטה.

3) א סגולה צו יידישע צרות.

אין אַ שְׁטוּרֶעם-צַייט.

א.

דאָס איז געווען אין יענע צייטען, ווען מיר האָבּען זיך אַלאָז געטאָהן, ניט היינט געראַכט, פון דער היים און האָבּען אָנגעשפּאַרט אַזש אין אָדעס — איך און נאָך אַ גאַנצע חאָפּטע קאַבּצאַנסקער יודען. אָנגעקומען אַהינצו און דערזעהען, אַז אָדעסער יודען זענען אונז גאָר ניט אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגען צום וואָקזאַל, ווי מיר האָבּען גערעכענט לכתחילה, ניט אויפגענומען אונז פאַר טייערע געסט און ניט פערבּעטען יעדערען אין אַ בּעל-הבּת'ישע שטוּב, — האָבּען מיר, בּמחילה, געמוזט נעהמען די קלומקעס מיט די זעקלעך אויף די פּלייצעס און אַוועק אין שטאָדט אַריין. אין שטאָדט איז די קאָמפּאַניע זיך בּיסלעכווייז צע-קראָכען, ווער אַהין, ווער אַהער: מע מוז דאָך פּאָרט אין זינען האָבּען אַ נאַכטלעגער. נאָר איך און ליבּ דער מלמד האָבּען זיך געהאַלטען אינ-איינעם, וואָרום נאָך איידער מיר זענען אַרויסגעפאָהרען פון דער היים האָבּען מיר אָבּגערעדט, אַז מיר'ן זיין שותפות: מיר האָבּען אפילו אָנגעשריבּען אַ שותפות-כּתב און זיך געגעבּען תקיעת-כּף. מיט מיה און מאַטערניש האָבּען מיר זיך אָבּגעזוכט אַ אַכסניה, ווערליג אונזער גראָד— אַנ'ענג פינסטער חדר'ל ערגעץ גאָר אויבען, אונטער'ן דאָך.

דער דאָזיגער ליבּ דער מלמד, אַנ'עלטערער מענש, איינער פון די קאַבּצאַנסקער מכובּדים, איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אַ גרויסער עני ואביון און דערצו אַ מטופּל מיט קינדער. אַ חוץ, וואָס ער האָט געלערענט

פון ביאור ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט יודישע קינדערלעך כּתּות'ווייז
אַ כּתּה נאָך אַ כּתּה, האָט ער נאָך געהאַט עטליכע אַנדערע מע־נה'דיגע
פּרנסות: געווען אַ שדכן, אַ בעל=תּוקע, אַ געמאַכט שמעק=
טאַבּאַקע פאַר יודישע נעז, און נאָך אַלע זאַכען איז ער געווען אַ קבצן
אין זיבען פּאָלעס; ווי זאָגט מען דאָס — אַ סך פּרנסות און ווייניג
ברכות. פונדעסטוועגען האָט ער, חלילה, צו גאָט קיין טענות ניט גע=
האַט, פערקעהרט, ער פלעגט נאָך אָבגעבען אַ דאַנק און אַ לויב זיין
ליעבען נאָמען פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס מע לעבט. איז אָבער גע=
קומען אַ צייט, וואָס פון דער דאָזיגער געמיינער פּרנסה זיינער איז
אויך געוואָרען אַ תּל. גאָט'ס צאָרען האָט זיך אויסגעגאָסען פּלוצלונג
אויף קאַבּצאַנסק און אויף די אַרומיגע שטעדט. ס'האָבען זיך אָנגעהוי=
בען פּאָגראָמען מיט שלעק מיט אימגליקען — ממש מעשה סדום. יודישע
פּרנסות זענען געוואָרען געשלאָגען, יודישע געשעפטען געפאַלען, יודען
זענען געבליבען אָהן ברויט. נו, אין אַ כּלל איז, אַז ווען מ'איז הונ=
געריג, רחמנא ליצלן, ווערט מען אָן דעם יושר, דאָס עהרליכקייט,
קריכט מען איינער דעם אַנדערען אין גרגרת, רייסט מען זיך און
מע בייסט זיך, ווי די הינד איבער אַ טרוקענעם ביין. דאַכט זיך,
וואָס קען שוין זיין ערגער ווי מלמדות, אַז אַך און וועה צו אַזאַ ליעב=
האַרציג „געשעפט", האָט זיך דאָ אויך אָנגעהויבען קנאה מיט שנאה
מיט מחלוקת, סע זענען געפלויגען דאָנאָסלעך און איינער דעם אַנדערען
האָט גע'רודפ'ט ביז גאָר. דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ליב דער
מלמד, לא די וואָס ער האָט אָנגעוואוירען זיין מעמד, האָט ער נאָך
געמוזט בעצאָהלען שטראָף אויך, וואָרום מ'האָט איהם גע'מסר'ט, אַז ער
לערענט אָהן אַ בלעטעל. — אַ וואָלף, אַ שטייגער, אַז ער איז הונגעריג,
קלאָגט ער, וואָיעט ער אין וואַלד אינמיטען דער נאַכט, גיסט ער אויס
זיין שווער געמיט אין אומעטיגע קולות; אַ יוד אָבער, אַזוינער ווי רב
ליב, אַז סע דערגעהט איהם דאָס וואַסער ביז'ן האַלז, שווייגט ער,
טראָגט ער שטילערהייט זיינע וועהטאָגען און לאָזט פון זיך קיין פאַרע
ניט הערען, נאָר ער זיצט טאָג ווי נאַכט איבער'ן משניות, אָדער ער
שטילט זיך דאָס האַרץ מיט אַ קאַפּיטעל תּהלים. אמת, פון ליב'ס צד
וואָלט גאָר קיין מניעה נישט געווען, ער זאָל בעקומען עפּעס אַ שטעלע
אין דער האַנדעלס=וועלט, אַ שטייגער ווערען אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסער
קלייט, אַ „מענש" אין אַ פאַבּריק, אין אַ באַנק, אין אַ קאָנטאָר, פאַר
וואָס ניט? אַ יוד טויג צו אַלצדינג, אַבי נאָר מזל. אַז גאָט וויל שיסט

אַ בעזעם, — איז דאָ אַ יודיש ווערטעל. האָט זיך אָבער, מעשה שטן,
ניט געטראָפען אַזאַ מין שטעלע: די מניעה איז, פערשטעהט איהר מיך,
געווען אינ'ם אַנדערען צד; ליב דעם מלמד האָט אַלע זיינע יאָהרען
ניט געשפּיעלט דאָס גליק, חאָטש צעריים זיך. דעריבער, אַז ס'איז גע=
וואָרען אַ געשריי: יודען, אין די קאָלאָניעס! — אָט ווי מע רופט אַ שטיי=
גער: אין באָד אַריין, יודען! — האָט זיך ליב דער מלמד אויפגעהאַפּט
מיט אַנ'אימפּעט און געענטפערט: הנני! איך בין אָנגעברייט, איך בין
מוכן ומזומן מיט אַלע מיינע רמ"ח אברים.

און בעונותינו הרבים איז מיר דעמאָלט אויך נעגאַנגען, ווי זאָגט
מען דאָס, מיט דער פּוטער אַראָב. דער מסחר מיט ספרים איז געוואָרען
וואָס אַ טאָג ערגער. דער „קורא נכבד" האָט אויסגעזעהען ווי אַ חולה,
וואָס ס'איז איהם פאַסקודנע אין מויל, סע נודיעט איהם אויפ'ן האַר=
צען; ער וויל עפּעס אַ דערקוויקעניש, עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז גאָר
אויף דער וועלט ניטאָ. און וואָס מע זאָל איהם ניט געבען, איז איהם
פע, מיאוס, חלשות. דערלאַנגסט איהם אַ לשון=קודש'דיגע פּאַטראַווע,
שרייט ער: „געה! געה! ס'איז טרוקען, האַרט, ניט צו פערדייען".
טראָגסט איהם אונטער אַ שפּאָגעל נייע זשאַרגאָנישע פּרעזשעניצע, וואַרפט
ער זיך: „עט, בלאָטע שבבלאָטע... גיט מיר בעסער עפּעס אַזוינס...
אַזוינס ווי אַ זעלעכס... אַז ס'זאָל נעהמען, ס'זאָל קוויקען!" — וואו
בעקומט מען אָבער אַזאַ מין סחורה, אַז אַלצדינג, וואָס איך פערמאָג
אין מיין בּיידעל, איז זיי פּריקרע, פון אַלצדינג קרימען זיי מיט דער
נאָז. גאָט אין הימעל! ניטאָ קיין ערגערע יסורים, ווי האָבען צו טאָן
מיט אַ קבצן אַ בעל=גאוה, וואָס השגות האָט ער גרויסע, ווערען וויל ער
דוקא זעהר אַ סך, נאָר אויספיהרען — לא מיט אַנ'אַלף. בעטראַכט,
אַ שטייגער, מיך אַליין. לא די, וואָס איך האָרעווע פאַר זיי אַזוי פיעל
יאָהרען, לא די, וואָס איך האָב אַריינגעבראָכט אין דעם געשעפט
אַ מטמון מיט געלט, אַוועקגעלעגט אַ כּח, אַ צייט, אָבגעגעבען, דאַכט
זיך, דאָס בלוט פונ'ם האַרצען און קיין מזל=ברכה דוקא ניט געזעהען,
קומט מיר נאָך איצט אויסהערען אַלערליי שטעכווערטלעך, טענות, זיד=
לערייען; זעהען, ווי יודען=חולאים קוקען אויף מיר בייז, אַקוראַט ווי איך
האָב זיי געטאָן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ רעה. איז מיר טאַקי דעמאָלט
געווען ביטער און פינסטער, ס'איז מיר פּשוט נמאס געוואָרען דער
גאַנצער עסק. וואָס טויג מיר, טראַכט איך מיר, דער גאָלדענער מסחר
מיט די בריליאַנטענע געשעפטען? וואָס טויג מיר דאָס גע=ונד זיין, דאָס

אַרומשלעפּען זיך בכל תפוצות ישראל? וואָס טויג מיר דאָס האָבען צו טאָן מיט אונזערע ליעבהאַרציגע יודעלעך?

אין יענע שווערע טעג איז מיר פּלוצלונג נמאס ומאוס געוואָרען אַלצדינג: אי די אָרימע שמעדטלעך, אי די משונה'דיגע יודען, וואָס וואוינען דאָרט, אי דער גאַנצער וועג, וואָס איך האָב זיך געשלעפּט אויף איהם אַזוי פיעל יאָהרען. אַלצדינג האָט אין מיינע אויגען בעקומען אַנ'אַנדער צורה, אַלצדינג איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען פרעמד, — נאָר ניט דער וואַלד, נאָר ניט די פעלדער, וואָס פריהער. פּלוצלונג איז גאָט'ס וועלט מיט מיר געוואָרען אוים חבר, אַקוראַט ווי אַלצדינג אַרום און אַרום וואָלט געשעפּטשעט: ניט פון דיינעטוועגען, יוד, סוד'ען זיך דאָ די בוימער, וואַקסען די גראָזען, בעדעקען זיך מיט תבואה די פעלדער, צייטיגען זיך די פרוכטען; ניט פון דיינעטוועגען זינגען די פויגעלעך, וואָרקען די טויבען; ניט דיר שמעקען די קוויטען, גיסען זייער ריח אַלערליי בשמים! אפילו די זון, אוי ווע, וואַרימט אויך ניט ווי אַמאָל. דעריבער, אַז ס'איז אַרוים אַ קלאַנג וועגען יודישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, איז דאָס מיר שטאַרק אַריין אין דער מחשבה; דערצו האָבען נאָך אונזערע קאַבצאַנסקער יונגע-לייטלעך געהאַלטען וועגען דעם ענין פייערדיגע דרשות, אָנגעשפּיגעוועטע מיט מליצות און צוגעשמאָלצענע מיט פּסוקים און טרייסט-ווערטער פון דער תורה און די נביאים, האָבען מיר די דרשות אויך אונטערגעגעבען חשק. די פאַנטאַזיע האָט מיר אָנגעהויבען פליהען, איך האָב שוין געזעהען פאַר זיך דאָס הייליגע לאַנד, וואו עס רינען טייכען פון מילך און האָניג און ציגען עסען באָקסערען און פייגען. וואָס איז דער חדוש? אַזוי איז דאָך די טבע פון אַ מענשען, אַז אין אַ עת-צרה הויבט ער אָן האָפען אויף נסים. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין פערדעל: הויט און ביין, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין איהם, סע האָט שוין, נעבעך, קיין כח ניט צו פּלאָנטען מיט די פיס. טראַכט איך מיר: וואָס איז שולדיג אָט דאָס אומגליקליכע גאָט'ס בעשעפעניש? וואָס האָב איך צו איהם? וואָס מוטשע איך עס מיט טענתים און מיט דער שווערער משא פון יודישע ספרים אומזיסט-אומנישט? ביז וואַנען איז דער שיעור — ביז סע וועט שוין גאָר אינגאַנצען אומפאַלען און איינגעהמען אַ מיתה משונה? ניין, גענוג, טראַכט איך מיר, גלעטענדיג דעם אָדלער מיינעם פון הינטען, נעבען דעם אויסגעקראָכענעם ווידעל — גענוג שוין, שוין צייט, מיר זאָלען זיך צעשיידען, און לאָז דיר גאָט העלפען אַ בעסערען עסק, איידער יודישע ספרים!...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך שוין פערקויפט דאָס פערדעל פאַר אַ באַר קערבלעך איינעם אַ וואַסער-פיהרער. מסתמא איז דער קליאַטשע שוין בעשערט געווען צו האָבען צו טאָן מיט וואַסער: ווי עס איז ידוע, איז אין אַ סך יודישע ספרים אויך מעהר ניטאָ ווי וואַסער.

אַז איך בעטראַכט איצט דאָס לויפעניש, וואָס מיר זענען דעמאָלט געלאָפען, שטעלט זיך מיר פאַר אַזאַ מין בילד: אַ מהומה, אַ יריד אין קאַבצאַנסק! יודעלעך, צאן קדשים, שטופּען זיך, יאָגען זיך, קריבען זיך צונויף אין טשערעדעס; ס'איז אַ געוואַלד, אַ געשריי, אַ געפילדער, אַז סע דערגרייכט עד לב השמים. עטליכע באַראַנעס, וואווילע יונגען, וואָס ס'האָט זיך זיי עפּעס אויסגעדאַכט, זיי ווייסען אַליין ניט וואָס, שפּרינגען אַרוים, שטעלען זיך פאָרענט, לאָזען זיך געהן, — די טשערעדע נאָך זיי. גאַנצע וואָלקענס שטויב הויבען זיך פון אונטער די קאָפּיטעס, שפּרייטען זיך, פערבלענדען די אויגען, אַזוי אַז קיינער זעהט ניט דעם וועג. אַלע יאָגען, לויפען, איילען אין גרויס אימפּעט מיט פאַרמאַכטע אויגען, אַקוראַט ווי עמיצער שלעפּט זיי, ווי עמיצער שמייסט זיי פון הינטען, און איך, אַ מטער צאַפּ, בין איך בתוכם. די שאָף רוישען, מעקען, ברומען — וואָרום זיי זענען נעבעך הונגעריג; זיי לויפען אין איין אָטעם, וואוהין די פיס טראָגען, וואָרום זיי רעכענען: אפשר וועלען זיי פאָרט געפינען אַזאַ שטיקעל אָרט, וואו ס'איז דאָ אַביסעל פּאַשע...

אַז איך דערמאָן מיר יענע צייטען, שוועבט אַ שמייכעל ניט ווילענדיג אויף מיינע ליפּען, אָבער אינווענינג וויינט די נשמה; איך לאַך מיט טרערען און דאָס האַרץ טוט אַזוי וועה.

דאָס רוב טשערעדע זענען געווען אַלטע צאַפּעס, דאַרע, קוואַרע, וואָס אפילו צו דער שחיטה טויגען זיי אויך ניט, ס'זאָל זיי צו קיין בזיון ניט זיין. די ציקעלעך — די יונגע לייטלעך מיט די פלאַמענדיגע דרשות — האָבען זיך דוקא פונ'ם אָרט ניט גערידהרט; ס'טייטש, זיי האָבען דאָך געדאַרפט מונטערען אַנדערע, איינרייִדען דעם עולם, אַז ס'איז ניטאָ קיין בעסערס, ווי נעהמען די פּעקלעך אויף די פּלייצעס און געהן; זיי האָבען געדאַרפט מזכה זיין דעם כלל מיט זייער שליחות. גערעדט האָט מען, אַז אין אָדעס איז דאָ מיליע-מיליאַסען גאָלדענע רענדלעך: פון קערות, פון צדקה-פּושקעס, פון אתרוגים וכדומה. געלט איז דאָ אַריבער גענוג, מע זיצט נאָר און מע וואַרט, סע זאָלען קומען יודען, נעהמט מען באַלד און מע שיקט זיי אָב קאָמפּאַניעס-וויז מיט'ן ים און מיט דער יבשה, מע גיאַנטשעט זיך מיט זיי אין וועג און מע ברענגט זיי

בשלום אל המנוחה ואל הנחלה. פון די קלאַנגען האָט זיך דאָס געגומען די גאַנצע מהומה: גיכער, גיכער! — האָבען יודען געשריען איינער צום אַנדערען, — ס'איז טייער יעדע מינוט: טאָמער וועט נאָך חלילה פאַר אונז ניט בלייבען קיין אָרט.

אָט אין יענער צייט האָב איך זיך דאָס צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט ליב דעם מלמד. מיר האָבען אָבגעמאַכט צווישען אונז, מיט אַ תקיעת־כף און אַ נקיטת־חפץ, אַז אַלצדינג, וואָס דער אויבערשטער וועט אונז צושיקען, סיי אין זיין זכות, סיי אין מיינעם, זאָל זיין אונזער ביידענס, און אַ תנאי האָבען מיר אויסגענומען, אַז מיר זאָלען לעבען דוקא אינאיינעם, זיך ניט שיידען איינער פונ'ם אַנדערן. איך בין מיט דעם שותפות אויסען געוועז צוויי זאַכען: ערשטענס איז גלאַט גוט, אַז מ'האָט אין דער פרעמד אַ היימישען מענשען, מיט וועמען אויסצורייד'ען אַ וואָרט; צווייטענס איז דעמאָלט יודישקייט שטאַרק אַריין אין דער מאָדע, האָב איך מיר געטראַכט: מיט אַזוינעם ווי רב ליב ווערט מען ניט פערפאַלען. ער איז דאָך אַ מלמד, אַ כשר'ער יוד לכל הדעות, וועט ער אונז בייזשטעהען אין אונזערע נויטען. אַזוינעם ווי רב ליב פּאַסט זעהר גוט אויסצושטרעקען אַ האַנד נאָך אַ נדבה, מאָהנען וואָס סע קומט פון צדקה, וויאָרום יודישקייט — דאָס איז דאָך זיין אַרטיקעל. אַז סע שטייגט אַ סחורה, ווערט געהויבען דער סוחר, וואָס האַנדעלט מיט איהר. מאַך איך, הייסט עס, אַ גוט געשעפט, וואָס איך נעהם רב ליב'ן פאַר אַ שותף. היינט גלאַט, וואָס אַרט מיך אַ שותפות אין אַזאַ מין עסק, וואו ביידע צדדים לעגען ניט אַריין קיין צעבראַבענעם גראָשען און זענען זיך נאָר מתחייב צו טיילען די כשר'ע מציאות, וואָס וועלען זיך זיי, אם ירצה השם, טרעפען.

אין גרוים אַיילעניש זענען מיר אָנגעקומען קיין גלופסק. דאָרט האָבען מיר זיך אַריינגעזעצט אין דער באַהן און מיט אַ טראַסק אַריינגעפאָהרען קיין אָדעס.

וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? סע טרעפט זיך אַמאָל אַ מגפה, אַ אָנשיקעניש ניט נאָר אויף דעם גוף, נאָר אויך אויף דער נשמה פון די מענשען. אַמאָל מאַכט זיך, אַז די מגפה ווייזט זיך אַרויס אין אַזוינע סמנים, ווי ביי משוגענע הינד, רחמנא ליצלן: פונ'ם מויל רינט אַ גיפטיגע סלינע, דער כעס ברענט מיט סכנות נפשות, סע ווילט זיך אָנכאַפּען יענעם און בייסען, און צופּען... און אַמאָל מאַכט זיך, אַז דער שכל ווערט געשלאָגען — זעהט מען אַן איבערגעקעהרטע וועלט,

אַ תהו ובוהו: דער קאָפּ אינטען, דער ווייד'על איבען, דאָס גוטע קומט אויס שלעכט, דאָס פינסטערע — ליכטיג, דאָס ווייסע — שוואַרץ; דער וואָלף ווערט אַ צדיק, דאָס שעפּעלע — אַ רשע מרושע; אַלצדינג יוילד, קאַפּויר, איבערגעדרעהט, אָהן אַ טאָלק, אָהן אַ סדר. אויף אונז אין יענע טעג האָט גאָט, ברוך הוא, אָנגעשיקט אויך אַזאַ מין קרענק: ס'האָט אונז, לא עליכם, געשטופּט, געהויבען אין דער לופטען, ניט געלאָזט אונז רוהען אַ רגע. דער מוח איז אונז געפּרייגען, די פאַנטאַזיע האָט אונז געטראָגען פּייל אויס'ען בויגען. איבערפאָרדען דעם ים איז ביי אונז דעמאָלט געווען אַ קליינינקייט, אַ קינדער־שפּיעל, ניט ווערט אַ שמעק־טאַבאַקע.

נאָר וואָס מיר זענען אַריין אין דער אַכסניה, מיעד און אויסגעמוטשעט פון דער נסיעה, דערפיהלען מיר: אַהאַ, סע טאָרקעט שוין, סע שטופּט אונז — זיצט ניט, פּעטערס, געהט, מוט, זייט זיך משתדל, — ס'איז אַ רענדעל אַ מינוט.

— רב מענדעלע, — זאָגט ליב דער מלמד, — לאָמיר ניט וואַרטען, לאָמיר אַריבערגעהן טאַקי תיכף ומיד!

וואוהין געהן, צו וועמען געהן? דאָס האָב איך אַליין אויך געוואוסט זעהר גוט, דאָס האָב איך פערשפּאָרט צו פרעגען. ס'איז דאָ, האָט מען געשמועסט, אַזוינע מינע חברה־לייט, וואָס זענען פריהער געווען אַפּיקורסים און איצט האָבען זיי פּלוצלונג דערפיהלט אין זיך אַ יודישע נשמה — אין אונזערע מקומות האָט מען זיך אָנגעדערצעהלט וועגען זיי גאַנצע פּעק מיט מעשות, איינע וואונדערבאַרער פון דער אַנדערער, — אָט די בעלי־תשובה בענקען שטאַרק נאָך אַ יודען, זיי געהען פּשוט אויס נאָך אַ יודענ'ס טריט. זיי וועלען זיך דאָס מרחם זיין איבער אונז כרחם אב על בנים. זיי האָבען שוין אָנגעגרייט פאַר אונז אַ מקום מנוחה, זיי וועלען אונז פערזאָרגען, אַבי מיר זאָלען נאָר פאָרגען, וואָס זיי וועלען הייסען!.. דעם אמת זאָגענדיג, האָט זיך מיר אַליין אויך שטאַרק געגלוסט זיך זעהען מיט זיי וואָס גיכער און איבערגעבען אונזער בקשה, נאָר פאַר רב ליב'ן האָב איך זיך געקנייטשט, געמאַכט אַ מינע, אַקוראַט ווי איך וויל זיך פריהער אַביסעל אויסרוהען פונ'ם וועג.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — פרעג איך איהם, — וואָס איז דאָס אַיילעניש מיט אונז? וואָס וועלען מיר אָנווערען, אַז מיר וועלען געהן אַביסעלע שפּעטער?.. ווייסט איהר גאָר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, רב ליב? ווען נאָט העלפט מיר בעסער אַ רעכט מרחץ,

אי וואָלט איך דאָס אַרויפגעקראָכען אויף דער אויבערשטער באַנק און וואָלט זיך אויסגעצייגען, ווי איך בין גרויס, און וואָלט זיך אָבגעשמיסען מיט אַ גוט בערעזעווע בעזעמעל, וואָלט איך זיך, כלעבען, אויסגעגלייכט מיינע אַלטע ביינער! דאָס וואָלט געוועזן טאַקי באמת פקוח נפש!...

— ניין, רב מענדעלע, — ענטפערט מיר רב ליב מיט זיינע גלאַטע ריידעלעך, — ראשית חכמה דאַרף מען אין זינען האָבען געשעפט, פרנסה איז קודם צו אַלצדינג. אַ מרחץ וועט פון אייך ניט אַנטלויפען, אָבער דער ענין, וואָס מיר זענען אין איהם עוסק, קען נאָך, חלילה, ווערען עבר זמנו. דאָס איז ניט קיין שפּילכעל, רב מענדעלע! איהר פרעגט: וואָס ווערען מיר אָן? אודאי און אודאי ווערען מיר אָן! איך זאָג אייך, רב מענדעלע, איך בין דאָך עפּעס ניט קיין נעכטיגער, איך האָב שוין פערזוכט אין מיין לעבען אַלצדינג, ווייס איך פון מיין אייגענער פּראַקטיקע: אַ מלמד, אַז ער פערחאַפּט ניט דעם בין-הזמנים, איז פערפאַלען, קימט אַנ'אַנדער מלמד און נעהמט צו דאָס יונגעל — און אויס! והילד איננו!... ביי אונז איז היינט בין הזמנים; פון אַלע זייטען יאָגען זיך מלמדים, וואָס זענען גרייט צו אַקערען די ערד אַפילו מיט דער נאָז. יעדער איינציגער וויל פערחאַפּען אַנ'אָרט, בעקומען אַ שטיקעל נחלה דאָרט, אינ'ם לאַנד פון די אבות. אַ קאַטאָוועס עפּעס?... ניין, רב מענדעלע, קומט, אָבער קומט טאַקי וואָס גיכער.

פון די קאַבצאַנסקער יונגע לייטלעך האָבען מיר געהאַט בשותפות עטליכע בריעף צו אייניגע פון די היגע חברה-לייט. האָב איך געפאָלגט רב ליב'ן און מיר זענען קודם-כל אַוועק זיך זעהען מיט זיי.

ב.

געמיינט האָבען מיר, אַז די דאָזיגע לייט זענען ווער ווייסט ווער — חשוב'ע מענשען, גדולי הדור, וואָס די איבעריגע אָרעמער יודען קומען אויס אַנטקעגען זיי, ווי קאַרליקעס אַנטקעגען אַ ריעז, ווי קליינע זעמליאַנקעס אַנטקעגען אַ הויכען מויער. מסתמא, האָבען מיר גערעכענט, קען ווי דאָ דאָס מינדסטע קינד, מסתמא וועט יעדערער, וועמען מיר'ן

אַ פרעג טאָן, באַלד אָנווייזען אויף זיי מיט'ן פינגער. היינט מאַלט אייך אויס, ווי אַזוי מיר האָבען זיך גע'חדוש'ט, אַז מיר האָבען אַ פרעג געטאָן איין דורכגעהער, דעם אַנדערען, דעם דריטען: וואו וואוינט דער און דער — און קיינער ווייסט ניט! מיר פרעגען און פרעגען, מיר לאָזען שוין ניט דורך קיינעם — אָבער סע העלפט ניט. מע קוקט נאָך אויף אונז מיט חוזק, מע לאַכט, חאָטש נעהם בעגראָב זיך פאַר בושה. פערטראַכט איך מיר: אַ שענע שטאָדט, אַז אָך און וועה! געהערט אַ קהלה, וואו קיינער קען ניט די חשוב'סטע מענשען, די שענסטע מנהיגים. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דאָס איז אַנ'אויסגעלאַסענע שטאָדט, אַ פערשייטע, אָהן אַ פיצעל דרך-ארץ פאַר עלטערע! דערווייל איז אונז טאַקי גוט נמאס געוואָרען זיך אַרומדרעהען אין די גאַסען, מ'איז שוין געוועזן מיעד אויך, אַ גליק, וואָס גאָט האָט אונז צוגעשיקט אַ בעקאַנטען. וועלכער האָט אויף אונז רחמנות געהאַט און אונז צוגעפיהרט בשלום צו דעם הויז, וואו איינער פון אונזערע אדונים האָט געוואוינט.

נאָך פונ'ם ערשטען קוק אָן איז מיר ניט געפעלען ניט דער ענגער בלאָטיגער הויף, ניט די שטוב, וואָס אַפילו צווישען אונזערע קאַבצאַנסקער חורבות וואָלט זי געוועזן אַנ'אויסנאַהם מיט איהר משונה'דיגער געשטאַלט, ניט די הויכע שמאָלע טרעפּ, וואָס האָבען אונז געפיהרט צו דער נידעריגער דירה דאָרט אין עק בוידעם. נאָר פונדעסטוועגען בין איך ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען. מאַלע וואָס, — האָב איך מיר געטראַכט, — קאַרג יודישע גבירים איז דאָ, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט געלט, ווי קורח, און לעבען לעבען זיי אין שטיקעניש און אין עפּוש, ווי די חזירים. אַז מיר זענען אָבער אַריינגעקומען אינווייניג, איז מיר געוואָרען זעהר קאַלעמוטנע. אינווייניג האָבען מיר דערזעהען אַ יונגען-מאַנטשיק פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, אַ דאַרען און אַ לאַנגען, מיט שיטערע האָר און אַ קורץ בערדעל; דאָס פנים איז ביי איהם געוועזן בלייך, קראַנק, ווי ביי איינעם, וואָס איז נאָר וואָס איבערגעקומען דעם פריזיוו.

— דאָ וואוינט רב גימפּל ב"ר זרח? — פרעג איך.

— רב גימפּל ב"ר זרח וואוינט דאָ? — פרעגט מיט מיר אינאיינעם רב ליב דער מלמד, כדי צו ווייזען, אַז ער איז אַ שותף, אַז ער טוט אויך עפּעס אין אונזער עסק.

— יאָ, — ענטפערט דער יונגער מאַן, — וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען?

— מיר דארפען האָבען צו אייער טאַטען, — זאָג איך, און רב ליב דער מלמד חזר'ט נאָכדעם איבער דאָס איינענע וואָרט אין וואָרט.

— איך האָב ניט קיין טאַטען. דאָס דאַרפט איהר, מסתמא האָבען צו מיר אַליין טאַקי — ענטפערט דער יונגער מאַן מיט אַ פריינדליכען שמייכעל.

— דאָס זענט איהר טאַקי אַליין! — זאָג איך און גיב אַ מאָרנע דרעה מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט: זאָלסט דערלעבען אַנזאָגען שענערע בשורות.

— איהר אַליין זענט דאָס טאַקי, פאַני! — זאָגט מיר נאָך רב ליב, נאָר מיט אַ מאָדנער, התלהבות און מיט אַ שיינענדיג פנים. פאַר גרויס שמחה רוקט ער זיך אַרויס אַ פריהער און שיסט אויס:

— מיר האָבען אַ בריעף... אַ בריעף האָבען מיר צו אַייך, פאַני!

דער יונגער מאַן לייענט איבער דעם בריעף, נאָכדעם דרעהט ער זיך אויס צו אונז, גיט אונז אָב שלום, דערלאַנגט אונז בענקלעך און זאָגט מיט אַ פרעהליך פנים:

— זיצט, ליעבע יודען. מע שרייבט מיר דאָ אין בריעף, וואוהין איהר קלויבט זיך פאָהרען. וואויל, זעהר וואויל! שוין לאַנג צייט. דאָס וויסטע לאַנד, די פערלאָזטע אַלמנה, וואָס קוקט שוין אַזוי פיעל יאָהרען אַרויס אויף איהרע פערטריבענע קינדער. רופט איצט צו אַייך, שטרעקט אויס איהרע אָרעמס. וואויל איז אַייך, וואָס איהר קעהרט זיך אום צו איהר מיט אייער איינענעם גוטען ווילען. אַזוינע יודען, ווי איהר, מעג מען רופען גבורי הדור, גבורים זענט איהר, וואָס האָבען בכח אויפצוטאָן גרויסע, וואונדערליכע מעשים לכבוד אונזער פאָלק ישראל.

— מיט דעם אויבערשטענ'ס הילף! ער, ברוך הוא, איז אַוראי דער גרויסער בעל־יכולת, ער האָט דעם כח און מיר די גוטע כונה, — זאָגט רב ליב דער מלמד מיט גרויס נחת־רות און ענדיגט מיט אַ פסוק: — רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו. אודאי ווילען מיר בעקומען אַ נחלה אין ארץ ישראל.

— מיט דעם אויבערשטענ'ס כח און מיט יודיש געלט, — מיש איך זיך אַריין, כדי צו געבען אָנצוהערעניש, אַז מע מיינט דאָ טאַקי די קלינגערס, וואָס מע דאַרף האָבען צום ענין.

— דערפאַר זאָלט איהר גאָר ניט האָבען קיין דאגה, ס'וועט שוין זיין רעכט, אם ירצה השם, — זאָגט דער יונגער מאַן און שמייכעלט

דערביי ווי, איינער, וואָס ווייסט אַ סוד, נאָר ער טאָר איהם ניט אויסזאָגען. — געלט וועט זיין. כלל ישראל איז ניט אָרים, און מע טוט טאַקי, ברוך השם, אויך. מע אַרבייט אין דעם עסק באמונה.

בשעת מיר זענען אַזוי געזעסען און געשמועסט וועגען אונזער ענין, איז אָנגעקומען נאָך אַ יונגער מאַן און נאָך איינער, ביז ס'האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעקליבען אַ שטאַרקער מנין. אויך חברה־לייט פון איין קלייזעל, מיט איין הארץ און איינע דבורים. אַ קוק טאָן אויף זיי, האָט מען באַלד דערקענט, אַז סע טוט זיי שטאַרק הנאה, זיי קוועלען ממש אָן... די אַלע יונגע לייט האָבען אונז אָבגענעבען דעם שענעם ברוך הבא און האָבען זיך אַריינגעלאָזט מיט אונז אין אַ ברייטען שמועס וועגען ישוב. ביסלעכווייז האָבען זיי זיך צעהיצט, פערפלויגען גאָר הויך, אָנגעהויבען שיטען מיט נבואות: נאָך אַביסעל וועט געהאָלפען ווערען יהודה, און דאָס פאָלק ישראל וועט רוהען, ווי פריהער, אויף זיין ערד, יעדער יוד אונטער זיין וויינשטאָק און זיין פייגענבוים, מיט דעם אויבערשטענ'ס הילף. מ'האָט געקלעהרט, געקליגט זיך, וואו נעהמט מען געלט. יעדערער האָט געהאַט זיין פלאַן, זיינע פראָיעקטען, מ'האָט געצעהלט, נע'חשבונ'ט, און ס'איז אויסגעקומען גאָר אַ שלל, עפּעס גאַנצע בערג מיט נאָלד. ווער סע וויל זיך בעקענען מיט די אַלע עצות און פלענער און גרויסאַרטיגע חשבונות בפרטות, — פערשפאָר איך איהם דאָס דערצעהלען: מע קען זיי אַלע געפינען אין די וואונדערבאַרע מאמרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרען אַביסעל שפּעטער אין די יודישע גאַזעטען.

אַרום האַלבע נאַכט זענען מיר געקומען צוריק אויף דער סטאַנציע. איך זיץ און שווייג, ס'איז מיר דוקא ניט שטאַרק אויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען; רב ליב, פערקעהרט, איז זעהר קאָנטענט און האַלט אין איין דיידען. סע שיט זיך פון איהם, ווי פון אַ זאַק, ער קען זיך ניט איינהאַלטען פאַר גרויס הנאה, וואָס ער האָט פון זיך אַליין. ער איז מיט אַמאָל געוואָרען חשוב'ער ביי זיך אין די אויגען, אַקיראַט ווי ער וואָלט באמת געווען איינער פון די אַמאָליגע גבורי ישראל, אַקוראַט ווי ער וואָלט פון אַ מלמד געוואָרען פלוצלונג אַ פריץ, אַ פאַמיעשטשיק. ער פּאַפּעלט, וואָס סע קומט איהם אויף דער מחשבה.

— וויפיעל, האָט ער געזאָגט, איז דאָ ביי אונז יודען? — פרעגט מיך ליב און קוקט מיט אַזוינע אויגען, ווי אַ מענש, וואָס איז פערטאָן אין אַ טיעפען ענין.

— איך געדענק ניט, וואָס ער האָט דאָרטען געבעבעט. — ענטפער

איך קאַלט און לאַז אַרויס אַ געניץ. — וואָס דאַרפט איהר אַ שטייגער וויסען, וויפיעל יודען ס'איז דאָ? זאָל גאָט העלפען, ס'זאָל זיין נאָך טויזענט מאָל מעהר. אייער דאגה...

— מיר דאַכט, יאָ... אַזוי, אַזוי. ער האָט אויסגערעכענט עפּעס אַ פינף מיליאָן, — זאָגט רב ליב, פערבייסענדיג די אויבערשטע ליפּ און קנייטשענדיג דעם שטערען, — וועדליג איך פערשטעה, דאַרף זיין נאָך מעהר. נאָר לאָמיר רעכענען אויפ'ן ערגסטען פאַל — פינף־זעקס מיליאָנען, שטעלט אייך פאָר, אַז יעדער יוד צאָהלט אַלע יאָהר נאָר איין קערבעל, האָט איהר זעקס מיליאָן קערבלעך אַ יאָהר, אין אַ משך פון פופציג יאָהר — דרייהונדערט מיליאָן, היינט פּראָצענט פאַר דער גאַנצער צייט, האָבען מיר אַ קיטאַ־לן אפשר פון טויזענט מיליאָן. ס'איז דאָך אַ פּשוט'ער חשבון, קלאָר ווי דער טאָג. וואָסער אַ יוד וועט זיך דאָס אָפּזאָגען צו געבען אַ קערבעל אויף אַזאַ גרויסען ענין? האַ? איך בין בטוח, אַז אונזערע גבירים וועלען דוקא געבען הונדערט מאָל אַזוי פיעל. וואָס זשע דאַרפט איהר נאָך, רב מענדעלע? — וואָס שווייגט איהר, רב מענדעלע? רעדט ווערטער!

— איהר קלויבט זיך, ווייזט אויס, אויף זיין היינטיגע נאַכט, — ענטפער איך. — איהר האָט ניט קיין אַנדער אַרבייט, ווי בערעכענען דעם כלל־ישראל? פאָלגט מיך. לאָמיר זיך בעסער לעגען שלאָפען. איך בין מיעד און ס'איז שוין טאַקי שפּעט. אויך מאָרגען דאַרף מען פריה אויפשטעהן און זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

— וואָס זאָגט איהר, רב מענדעלע? מיר וועלען ענדיגען מאָרגען אונזער עסק? — פרעגט מיך רב ליב. נאָר איך ענטפער איהם ניט, פערדעק זיך מיט דער קאָלדרע און שלאָף.

ג.

אויף מאָרגען, אַז רב ליב דער מלמד איז אויפגעשטאַנען, איז ער געווען זיבער, אַז היינטיגען טאָג ווערט ער פאַרטיג מיט'ן גאַנצען ענין און אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום קלויבט ער זיך איבער אין אַ גוטער שעה צו דיך אין דער נייער נחלה און הויבט אָן צו לעבען אין עושר און אין

כבוד, ווי אַ בן־מלך. מיט אַ לויטערען קאָפּ און אַ רוהיג געמיט, ווי אַ פריץ, אַ בעל־הבית פון מאַיאָנטקעס, האָט ער זיך גענומען זיינע אינסטרומענטען, דאָס הייסט דעם טלית מיט די תפילין, און איז אַוועק צו דער אַרבייט, דאָס הייסט צום דאַווענען — שיקען אַ שבח און אַ לויב זיין ליעבען נאָמען אינאיינעם מיט אַנדערע יודען, און אַנב טאַקי בעקעגען זיך מיט געוויסע מענשען, וואָס מיר האָבען זיי גערדאַרפט האָבען צו אונזער עסק. מיך, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאַר די זינד, — האָט ניט שטאַרק געצויגען אין בית־מדרש אַריין, האָב איך מיר מתיר געווען צו דאַווענען ביחידות און עס דוקא געמאַכט בקיצור, ווי מיין שטייגער איז. דערפאַר האָב איך נאָכדעם מאריך געווען אין דער מצוה פון איבערבייסען. איך האָב מיר געקויפט פירות פון ארץ־ישראל — באָקסערען און פייגען און אונטערגעפוילטע פּאָמעראַנצען, — אַ סחורה, וואָס מע קריעגט אין אָדעס בחצי חנם, און האָב זיך גענומען צו דער אכילה מיט דער גרעסטער כונה. איך בין נאָך ניט געווען פאַרטיג, ווען רב ליב דער מלמד האָט זיך אומגעקעהרט און מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז ער ווייסט שוין אויף געוויס, מיט וועמען מיר דאַרפעןריידען און וואָס מיר האָבען צו טאָן. קודם כל, זאָגט ער, דאַרפען מיר זיך זעהען מיט דעם קאַרלינער — דאָס איז דער אַרי שבחבורה, דער קאָפּ, דער מנהיג. ער איז אַ גרויסער געלערענטער, בקי אין אַ סך חכמות און האָט דערצו אַ יודיש האַרץ. אָן איהם ווענדט זיך אַלצדינג: וואָס ער וועט זאָגען, אַזוי וועט זיין.

— אָט וועט איהר זעהען, רב מענדעלע, אַז מיר'ן נאָך היינט, מיט דעם אויבערשטענ'ס הילף, קאָנטשען אַלע אונזערע געשעפטען. וואָרום פאַר וואָס טאַקי ניט? אויב דער קאַרלינער האָט נאָר איין פונק פון יודישקייט אין האַרצען, מוזען מיר דאָך געפינען חן זיין ביי איהם אין די אויגען. וואָס זאָגט איהר? וואָס פאַר חסרונות קען מען, חלילה, געפינען און אַזוינע יודען ווי מיר? — אַזוי זאָגט רב ליב דער מלמד און גלעט זיך דערביי די באָרד און די פאות און בעקוקט זיך פון אַלע זייטען. — מיר דאַכט, אַז קיין בעסערע יודען דאַרף מען גאָר ניט. אַלצדינג וואויל און פיין, ווי סע געהער צו זיין. נאָר וואָס דען? איך האָב מורא... איך זאָל עס גאָר ניט אויסריידען אין אַזאַ שעה... אפשר וועלען דערווייל אונזערע קאַבצאַנסקער יודעלעך... איהר פערשטעהט דאָך אַליין, וואָס איך מיין.

— איהר האָט מורא, אַז אונזערע קאַבצאַנסקער זאָלען ניט קומען

פריהער און ניט פערחאַפּען, — פאַל איך איהם אריין אין די רייד.

— איך האָב מורא פאַר אַנ׳ערגערער צרה — ענטפערט ליב דער מלמד און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. — איך האָב מורא, אַז ס׳וועלען קומען די קאַבצאַנסקער מלמדים — איהר פערשטעהט, וואָס איך מיין?... וועלען זיי דאָך, מסתמא, וועלען אויסחאַפּען דאָס יונגעל, וועלען זיי אָנריידען אויף אונזער חדר ווער ווייסט וואָסערע פּאַסקודסטווע, קענען מיר נאָך, חלילה, בלייבען אָהן אַ קנעלונג... איהר קענט דאָך אונזערע יודעלעך...

— איהר מיינט, הייסט עס, דאָנאָסען, מסירות? — ענטפער איך. — ניין, רב ליב, דערפאַר איז ניטאָ, וואָס מורא צו האָבען. אמת, אונזערע יודען האָבען ליעב אָנצוריידען איינער אויפ׳ן אַנדערן. און די קאַבצאַנסקער האַלטען פון דער מדה זעהר און זעהר. סע גלויבט זיך אָבער ניט, אַז איצט אָ, ווען מיר הויבען אָן אַ נייעם ענין, זאָל מען באַלד טאַקי זיך נעהמען צו די אַלטע מנהגים. עסט בעסער איבערבייסען, רב ליב, ס׳איז שוין צייט.

רב ליב וואַשט די הענד און עסט מיט אַפּעטיט די ארץ-ישראל-פירות. ער קומט ביסלעכווייז צו זיך און הויבט אָן דערצעהלען נסים ונפלאות, ווי גוט און וואויל עס וועט אונז זיין, אם ירצה השם, אין אונזער נחלה, וואָס פאַר אַ גליק סע וואַרט דאָרט אויף אונז. ער קוועלט פאַר נחת, ער שמעלצט זיך ממש, ריידענדיג.

היכף נאָכ׳ן עסען לאָזען מיר זיך אין שטאָדט אַריין. אין איינער פון די גאַסען זעהען מיר אַ שפּייכלער פון תבואה. נעבען איהם שטעהען עטליכע מענשען און רייניגען ווייץ. רב ליב שטעלט זיך אָב, נעהמט אָן אַ פולע זשמעני ווייץ און קוקט זיך אַיין, ווי אַ בקי, וואָס בעטראַכט אַ פּראָבע כדי צו וויסען, וויפיעל מע מעג צאָהלען פאַר אַ פּוד. אין דער מינוט שפּרינגט אונטער אַ יודעל:

— ווייץ ווילט איהר? איהר ווילט קויפען ווייץ? קומט, איך האָב אַנ׳אָרט, וואָס מע קען קויפען בזול הזול. איך בין אַ מעקלער בין איך.

רב ליב שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין און פערדרעהט די נאָז. רב ליב, דאַרפט איהר וויסען, האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען קויפען ווייץ. נאָר וואָס דען? אַזוי ווי ער האָט זיך שוין געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל פּאָמיעשטשיק, אַ יוד פון אַ נחלה, מוז ער דאָך האָבען עפּעס אַ שיכות צו תבואה. היינט אַז ער האָט אויפ׳ן וועג צו זיין נחלה דערזעהען אַ קופּע מיט ווייץ, האָט ער זיך בכיון אָבגעשטעלט און אַ קוק

געטאָן, כדי ער זאָל נאָכדעם קענען זאָגען: ווייץ? אָהאָ! אויף ווייץ פרעגט מיך. איך האָב זיך אין מיין לעבען גענוג אָנגעזעהען מיט ווייץ.

— אויב איהר קויפט ניט, מאָ אפשר פערקויפט איהר טשאַסאָם? — פרעגט דער מעקלער און חאַפּט אָן רב ליב׳ן פאַר דער פּאָלע. — רעדט ווערטער, פּאַני. איך האָב גראָד אַ קונה אויף ווייץ, אויף מיינע נאמנות.

רב ליב לאָזט זיך געהן, שטאַרק צופריעדען, וואָס מע האַלט איהם פאַר אַ סוחר, און ענטפערט קיין וואָרט ניט. דער מעקלער טרעט פון אונז אָבער ניט אָב, ער געהט אונז נאָך, ווי אַ קוה אַ קאַלב, און האַלט אין איין ריידען: ענטפערט, רב יוד! וואָס אַרט אייך, אַז איהר וועט ענטפערן, וואָס? איהר גלויבט מיר אפשר ניט, האַ? מאָ דערפרעגט זיך אויף מיר, אדרבא, פרעגט וועמען איהר ווילט, וועט מען אייך זאָגען, אַז איך, חייקעל דער מעקלער, בין אַ קאָראַנטנע מענש, מע מעג זיך אויף מיר פערלאָזען. ביי מיר אַ וואָרט איז הייליג, גערעדט איז גערעדט, ניט ווי די איבעריגע מעקלערס, די זשוליקעס, די בייטעלשניידערס, וואָס ס׳איז אַ סכנה אַריינצופאַלען אין זייערע הענד. איך, פּאַני, בין אַליין געוועזן אַ סוחר בין איך. נאָר וואָס קען מען טאָן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מזל?... איך בעט אייך, רב יוד, זייט ניט קיין עקשן, זאָגט, אפשר האָט איהר צו פערקויפען?

— וואַרט אַביסעל, וועלען מיר מיט אייך מאַכען געשעפטען, אם ירצה השם, — ענטפער איך, כדי פּטור צו ווערען פון אַ שלאַק, אַנ׳אָנשיקעניש. אין האַרצען טראַכט איך מיר: וועסט שוין זעהען אונזער ווייץ, ווי דו זעהסט דיינע אויערען. — וואַרט אַביסעלע, רב יוד. איצט האָבען מיר זעהר קיין צייט ניט. מיר לויפען צוליעב אַ ספּיעשנע עסק.

— איהר לויפט? זאָגט זשע מיר, ליעבע יודען, וואוהין לויפט איהר? — פרעגט דער מעקלער אויפ׳ן יודישען שטייגער. וועגען אָבשעפּען זיך פון אונז טראַכט ער נאָך אַלץ ניט.

לכתחילה האָב איך בדעה געהאַט איהם גאָר ניט אָבצוענטפערן אויף אַזאַ נאַרישער קשיה. נאָר נאָכדעם האָב איך זיך מישב געווען: לאָמיך איהם בעסער אויסזאָגען, וואוהין מיר געהען, וועט ער טאַקי מוחל זיין אונז אָבפיהרען צום קאַרלינער, וואָרום ניט איך, ניט רב ליב וויסען ניט דעם וועג אַ הינצו. אַזוי אַזוי, רב חייקעל, ביסט טאַקי אַ גרויסער חכם, ווילסט וויסען אַלע סודות, מענדעלע איז אָבער קליגער

פון דיר. ער וועט דיך אין אַ גוטער שעה אײַנשפּאַנען, און דו וועסט איהם דיענען ווי אַ כשר'ע בהמה! — איך פערדרעה די נאָז, פערקנייטש דעם שטערן און ענטפער מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע — אויך אויפ'ן יודישען שטייגער:

— און אַז מיר געהען צום קאַרלינער, איז וואָס? אפשר ווילט איהר אויך געהן מיט אונז?

— אַודאי געה איך מיט אייך! ווי דען? דער קאַרלינער! איך בין דאָך ביי איהם אַנ'אײַנגעהער, אַ שטיק חשוב, — ענטפערט דער מעקלער מיט שמחה, און תּוך כדי דבור שפּרינגט ער אַרויס פאָרענט און לאָזט זיך געהן. אַלע מינוט קוקט ער זיך אום, מאַכט צו אונז פון דער ווייטענס מיט די הענד, אַז מיר זאָלען נאָכגעהן נאָך איהם.

וואָס אמת איז אמת, די כשר'ע בהמה, וואָס גאָט האָט אונז צוגעשיקט, האָט אונז געדיענט באמונה. חייקעל דער מעקליער האָט אונז אַזוי לאַנג געפיהרט דורך גאַסען און פּלעצער, ביז ער האָט אונז געבראַכט בשלום צום קאַרלינער'ס הויז.

— אָט דאָ וואוינט ער! זאָגט חייקעל אַ פערסאָפּעטער, אַ צעהיצטער פונ'ם ווייטען וועג, און ווישט זיך דעם שוויים מיט'ן עק פּאָלע.

— אַ דאַנק אייך! — רוף איך זיך אָן. — איצט וועלען מיר שוין אַליין געפינען די טהיר.

דער מעקלער בלייבט שטעהן, ווי מטושטש. ער מאַכט עפּעס מיט די ליפּען, דרעהט מיט די פינגער, נאָר איך מאַך זיך ניט וויסענדיג. איך נעהם רב ליב'ן און מיר לאָזען זיך ביידע געהן אויף די מירמעלשטיינענע טרעפּ.

מאָלט אייך, ס'איז מעשה נסים, וואָס מיר זענען ניט געפאַלען אויף די טרעפּ. איהר דאַרפט ניט פערגעסען, אַז פון קינדוויז אָן זענען אונזערע פיס געוועהנט צו טרעטען דאָס מיסט און די בלאָטעס פון קאַבצאַנסק און פון אַנדערע אַזוינע יודישע שטעדטלעך; דאָרט זענען זיי אויסגעוואַקסען, דאָרט האָבען זיי בעקומען זייער בעזונדערע צורה. הײנט אַז זיי האָבען פּלוצלונג דערפיהלט אונטער זיך אַ גלאַטע, ציכטיגע, אָבגעוועקסעלטע שטיינערנע פּאָדלאָגע, האָבען זיי זיך נעבעך געגליטשט, גערוקט זיך, ניט געקענט אײַנשטעהן. ווען ניט זכות אבות, וואָלטען מיר צעהן מאָל געפאַלען און געבראָכען, חלילה, האַלז און נאַקען.

דער פאָדער=צימער איז געווען פול מיט מענשען, וואָס האָבען געהאַט בקשות צום קאַרלינער: איינער געהט אַרויס, דער אַנדערער אַריין,

און אַלע אָהן היטלען. השם יתברך איז יודע דעם אמת, ווי שווער ס'איז אונז געווען אָבצודעקען אונזער קאָפּ, וואָס זינט מיר לעבען, זינט מיר זענען אַרויס פון דער מאַמע'ס בויך, איז ער ביי אונז געווען צוגעדעקט אי ביי=טאָג, אי ביי=נאַכט. נאָר וואָס האָבען מיר געוואָלט טאָן, אַז דער משרת, דער צורר, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט עס אונז פערזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט. אפילו די יאַרמעלקע האָט ער אונז געהייסען אויסטאָן! אָהן היטלען האָבען מיר זיך געפיהלט זעהר לא עליכם'דיג, אָט אַשטייגער ווי מע זאָל עמיצען פּלוצלונג אויסטאָן נאַקעט צווישען אַ עדה מיט מענשען. רב ליב איז געשטאַנען, ווי אַנ'איינגעפּאַטשטער, אַז ס'איז געווען אַ בזיון און אַ האַרץ=וועהטאָג אויף איהם צו קוקען. אָט אַזוי האָבען מיר געוואַרט אַ שטיקעל צייט אין איינע יסורים, ביז מ'האָט אונז געהייסען אַריינגעהן צום קאַרלינער אין קאַבינעט. איצט האָב איך דוקא אָבגעטרעטען דעם כבוד רב ליב'ן: איך האָב איהם ביי דער טהיר אַ שטופּ געטאָן, ער זאָל געהן פאָרענט, און איך בין געגאַנגען נאָך איהם.

ס'איז דאָ מענשען, וואָס אַז מע זעהט זיי איינמאָל, קען מען זיי שוין קיינמאָל ניט פערגעסען. זיי ווערען דיר ווי אײַנגעבאַקען אין האַרצען. זיי בעקומען אַ שליטה איבער דיינע געדאַנקען און דיינע געפיהלען; אַז דו קלייבסט זיך עפּעס טאָן, דערמאָנסטו זיך אין זיי און דו סטאַרעסט זיך, ווי אַ יונגעל פאַר'ן רבי'ן, אַז דיין אַרבייט זאָל זיין אָבגעטאָן וואָס בעסער. איך געדענק נאָך איצט אויך דעם קאַרלינער, ווי אַ לעבעדיגען: אַ שענער מענש, ניט זעהר קיין הויכער. אַ שטילער אומעט דוהט אויף זיין בלייכען פּנים, און אַז ער רעדט מיט עמיצען אין טוט אַ שמייכעל, איז דאָס ווי דער מאָרגענשטערן, וואָס שיינט אַרויס פון צווישען די וואָלקענס. מע פיהלט, אַז דער אומעט א'ז ניט קיין סימן פון אַ בייזען כאַראַקטער צו פון אַ קאַפּריז, נאָר ער נעהמט זיך פון אַ סך טראַכטען און קלערען איבער טיעפע ענינים. ער רעדט וועניג, אָבער ער קוקט אַ סך. ער פערקוקט אייך, דאַכט זיך, טיעף אין האַרצען. זיינע אויגען דערצעהלען די עדעלקייט פון זיין נשמה, די קנייטשען אויפ'ן שטערן זאָגען אויס זיינע הויכע מחשבות, אפילו די גראָהע האָר געבען איהם צו אַ בעזונדערען חן.

דער קאַרלינער האָט אונז אויפגענומען, שטעהענדיג נעבען אַ שרייב=טיש מיט אַ סך שרייב=געצייג. אויף יענער זייט טיש איז געזעסען איבער אַ פּאַק מיט בריעף איינער אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג מיט

א לאנגער באָרד, ווייזט אויס, אויך אַן׳עדעלער נפש, א קאָפּ־מענש — דאָס האָט מען דערקענט אין זיין פּנים און אין זיינע אויגען. דער קארלינער האָט זיך אין אונז איינגעקוקט און ווינקט אונז, מיר זאָלען זאָגען, וואָס מיר דאַרפען.

— מיר זענען קאָבּצאַנסקער זענען מיר, און ווילען פאָהרען אין די קאָלאָניעס. — זאָגט רב ליב און פערנויגט זיך דערביי משונה׳דיג און דאָס פנים ווערט ביי איהם מאָדנע אויסגעקרימט, ווי ביי א יודענע.

— און וואָס האָט איהר געטאָן ביז אַהער?

— א מלמד בין איך געווען, געלערענט יורישע קינדער האָב איך.

— ווילט איהר, הייסט עס, זיין א מלמד אין די קאָלאָניעס? — זאָגט דער קארלינער און בעטראַכט רב ליב׳ן מיט איין אויג פון׳ם קאָפּ ביז די פיס. — די קאָלאָניעס זענען נאָך ערשט א פּראָיעקט, זיי זענען נאָך גאָר ניטאָ אויף דער וועלט, און מלמדים קומען שוין זיי מזכה זיין מיט זייערע ח ד ר י ם!...

— די תורה איז געווען פאַר בריאת עולם, א כל שכן פאַר די קאָלאָניעס, — רופט זיך אָן דער, וואָס זיצט ביי׳ם שרייב־טיש און הויבט אויף דעם קאָפּ פון די בריעף און בעטראַכט מיך פון דער ווייטען.

— ניין, פאַני, — ענטפערט רב ליב און קוועטשט דעם „ניין" מיט׳ן נוסח פון א שלשלת. — איך וויל ניט זיין קיין מלמד, איך וויל בעקומען אַן׳איינענע נחלה אין ארץ־ישראל.

— געהט אייך בעסער צוריק צו דער תורה און צום טייטעל, — ענטפערט דער קארלינער מיט א שמייכעל. — כּאַר אייך איז, דאַכט זיך, ניטאָ קיין בעסערער מקום, ווי קאָבּצאַנסק.

— איך שווער אייך, פאַני, אַט האָט איהר מיין הן צדק, אַז איך בין מוכן ומזומן אוועקצוגעבען מיין נשמה פאַר דעם פאָלק ישראל, איך וויל זיך מפקיר זיין פאַר זיין כבוד, אַבי מע זאָל מיר נאָר געבען א שטיקעל פעלד מיט א וויינגאָרטען אין ארץ־ישראל.

דער קארלינער פערבייסט די ליפּען און קוקט אויף רב ליב׳ן מיט שפּאָט, ווי איינער רעדט: וואָס טוט מען מיט אזא שלאַק? ער שווייגט א ווייַלע, נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו מיר:

— און וואָס זענט איהר? אויך א מלמד?

— איך בין א יוד. — פּלאַפּעל איך א צעטומעלטער און א דערשראָקענער פון דעם קוקען, וואָס דער קארלינער און דער אנדערער האָבען

אויף מיר געקוקט. איך פיהל אליין, אַז ס׳איז נאַריש, און לאָז פאַר חרפּה אראָב דעם קאָפּ. ווען די ערד עפענט זיך אונטער מיר און שלינגט מיך איין אויפ׳ן אָרט, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז ס׳וואָלט מיר דעמאָלט געווען מעהר ניחא, איידער שטעהן און פיהרען אָט דעם שמועס.

— דאָס פרעג איך אייך ניט, — ענטפערט דער קארלינער, — דאָס האָט מען אין אייך. איך וויל וויסען, וואָס איז אייער פּרנסה.

— ער איז מיין שותף! — העלפט מיר רב ליב ענטפערן דעם קארלינער. רב ליב, זעה איך, האַלט זיך פאַר וועלטליכער פון מיר, פאַר מעהר מעורב עם הבריות. — דער יוד איז מיט מיר שותפית אין דער נחלה, וואָס מיר וועלען, אם ירצה השם, בעקומען. מיר האָבען אפילו א שותפית־כתב כתוב וחתום.

זינד איך לעב האָט מיר קיינער ניט אָנגעטאָן אַזוי פיעל יסורים, ווי רב ליב מיט אָט דעם ענטפער. איך בין מבולבל געוואָרען נאָך מעהר ווי פריהער, טראָפּענס קאַלטען שווייס זענען מיר אַרויסגעטרעטען אויפ׳ן פּנים. ווען מע ניסט אויף מיר אויס א זודיגען אָקראָפּ, וואָלט ביי מיר געווען בעסער, איידער דער געלעכטער, וואָס דער קארלינער, ווי איך האָב געמיינט, וועט פון מיר לאַכען. דאַנקען גאָט, וואָס ס׳איז דערצו ניט דערגאַנגען. דער קארלינער האָט א טיעפען זיפץ געטאָן און געפרעגט מיט רחמנות:

— וואָס זשע ווילט איהר, רבותי?

— מיר זענען געקומען אייך בעטען, אַזוי ווי איהר זענט דער בעל־הבית פון די קאָלאָניעס, זאָלט איהר אונז אויסהעלפען מיט געלט, וויפיעל מיר וועלען דאַרפען. ביי אייך איז דאָס דאָך א קלייניגקייט, און אונז וועט איהר טאָן די גרעסטע טובה, — זאָגט רב ליב מיט׳ן נוסח פון „יקום־פורקן": ער הויבט אָן מיט א בקשה און לאָזט אויס מיט א דאַנק. — דער אויבערשטער וועט אייך דערפאַר געבען אריכת־ימים און וועט אייך העלפען, וואו איהר וועט זיך קערען און ווענדען.

— איך קען אייך איצט ניט העלפען, זאָל אייך גאָט העלפען, — ענטפערט דער קארלינער מיט א זיפץ און טוט א מאַך מיט דער האַנד, מיר זאָלען אַרויסגעהן.

רב ליב מאַכט זיך אָבער ניט ווויסענדיג און רירט זיך ניט פון׳ם אָרט. ער גרייט זיך ערשט פערפיהרען א לאַנגען שמועס, ווישט די נאָז, דרייבט דעם שטערען. איך נעהם איהם אָן פאַר דער פאָלע און שלעפּ

איהם צו דער טהיר. אזוי געהען מיר ארויס: איך פריהער, ער נאך מיר.

בשעת מיר זוכען אין פאדער-צימער אונזערע היטלען און דרעהען זיך פון איין ווינקעל צום אנדערען, קומט ארויס יענער, וואס איז געוועז ביי'ם טיש. ער דערזעהט מיך און מאכט צו מיר:

— דאכט זיך, איך האב אייך אמאל געזעהען אין גלופסק אדער אין אנ'אנדער שטעדטעל פון יענעם קאנט. אויב איך האב קיין טעות ניט זענט איהר מענדעלע מוכר ספרים.

— יא, איהר האט ניט קיין טעות. ווער זשע זענט איהר.

— איך בין.... סע פרעהט מיך צו זעהען אזא וואוילען גאסט. איצט קען איך מיט אייך קיין סך ניט ריידען, ווייל איך בין שטארק פארנומען. אבער איך האף, אז מיר וועלען זיך נאך זעהען און וועלען נאך שמועסען באריכות. האט מיר א גוטען...

אז דער מעקלער האט אונז דערזעהען ארויסגעהענדיג פונ'ם קארלינער, האט ער זיך א לאז געטאן צו אונז מיט א הכנעה'דיג שמייכעלע און געקוקט אונז אין מויל אריין, געחאפט איטליכע תנועה אונזערע, געבויגען זיך אין דרייען, און יעדער אבר זיינער האט געזאגט: הנני! איך בין אנגעברייט! שיקט מיך, וועל איך לויפען אין פייער און אין וואסער!... מיר אבער האבען זיך געמאכט ניט וויסענדיג און זענען געגאנגען שטילשווייגענדיג, וועלענדיג פטור ווערען פון איהם. יענער איז אבער קיין נאר ניט און האט דוקא בעשלאסען נאכצוגעהן נאך אונז, און בשום אופן ניט געוואלט אבטשעפען זיך. אז ער האט דערזעהען, מיר געהען אלץ און שווייגען און קוקען זיך ניט אום, האט ער אנגעהויבען זיך בעטען:

— האט רחמנות, יודען! מאכט דורך מיר א געשעפטעל, וועט איהר, מיט דעם אויבערשטענס הילף, ניט דערלעגען. איך בין. ניט פאר אייך גערעכט, א גרויסער אביון און א מטופל מיט קינדער. האט רחמנות, זאל א יוד דורך אייך פערדיענען א גראשען.

מחמת ס'איז מיר דענסטמאל געוועזען זעהר אנגעזאלצען אויפ'ן הארצען און איך האב שטארק געוואלט פטור ווערען פון דער זלודניע, האב איך שטיל א זאג געטאן צו רב ליב'ן:

— דאס זענט איהר שולדיג, וואס ס'האט זיך צו אונז צוגעקלעפט אזא פארשלעפטע קרענק. א מאכער פון ווייץ זענט איהר מיר

געווארען אינמיטען דערינען. א פיינער מאכער! ענטפערט איהם שוין איך בעט אייך, און זאל ער געהן צו אלדי רוחות.

— אומזיסט אייער טרחה, פעטער, — האט ר' ליב זיך אנגערופען צום מעקלער. — איצט וועט ניט זיין גאר ניט, איך שווער אייך אויף מיינע נאמנות! איבער א יאהר, אם ירצה השם, לשנה הבאה...

— איבער א יאהר מעגט איהר איבערנעהן אויף מיין פערמעגען, א רוח אין אייער!... האט דער מעקלער אנגעהויבען שעלטען מיט טויטע קללות. נעבעך! ער האט אלץ געהאפט, אז ער וועט מאכען א געשעפטעל, און דא זעהט ער די סוחרים אנטלויפען גאר פון איהם. מען שטעלט פיס און מען קוקט זיך ניט אום — און פונ'ם גאנצען מסחר לאזט זיך אויס א בוידעם, א נעכטיגער טאג.

~~~~~~~~

ד.

אומעטיג און קאלעמוטנע איז מיר געוועזען אויפ'ן הארצען נאכ'ן שמועס מיט'ן קארלינער. א וואלקען פון טרויער האט זיך אנגערוקט אויף מיין נשמה — און די פליגעל פון מיין האפנונג זענען געלעגען מאט, ניט צו קענען פליהען הויך ווי פריהער. ר' ליב דער מלמד האט זיך געטאן זינגם, ווי עס פאסט פאר א כשר'ן יודען, ער איז זיך געגאנגען מיט א קאלטער לעבער אין בית-מדרש אריין, דאווענען מעריב בצבור. מיך האט אבער די גאנצע מעשה ניט געלאזט רוהען. איך האב מיר געוואלט אביסעל צושלאגען די געדאנקען, האב איך זיך געלאזט אין שטאדט אריין, שפאצירען. איך האב זיך ארומגעבלאנקעט א פארטראכטער עטליכע שעה און בין ערשט געקומען צו זיך, ווען ס'האט אנגעהויבען געהן א רעגען און האט מיר געגעבען אנצוהערעניש, אז ס'איז שוין צייט צו געהן אהיים. אויפ'ן גאס איז שוין ניט געוועזען קיין לעבעדיגער נפש.

אויף דער סטאנציע האב איך דערזעהען: ר' ליב ליעגט אויפ'ן בעטעל און שלאפט, און די פערדריפעטע קאפאטע זיינע טריקענט זיך נעבען דער הרובע. איך האב זיך אנידערגעזעצט ביי'ם טיש, א פארזארגטער, א צעטראגענער, שטארק איינגעבראכט אויף מיר טאקי אליין. ר' ליב איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען, געחראפעט, געבלאזען תקיעות מיט זיין לאנגער ק־ומער נאז, ווי א שופר, און איך האב געקוקט אויף
~~~~~~~~

איהם, ביי דער שיין פון א חלב'דיג ליכטיל, בעטראכטענדיג דעם נפש פונ'ם קאפ ביז די פיאטעס. א שענער נפש! דער גוף דאר, קוואר, טרוקען, ווי א שפיינדעל, און א לוים פלייש אויף די ביינער; די הענד — לאנגע, דינע צוים-שטעקלעך, כמו בלאהע אנגעשוואלענע אדערען, וואס סטארטשען ארויס פון אונטער דער געלער הויט. דאס פנים — א וויסטע חורבה, איינגעשרומפענע באקען, איינגעפאלענע אויגען. א לאנגע הארבאטע נאז שטעקט אינמיטען, ווי א קוים, אין א אפגעברענט הויז, ביי דער זייט א אלטער אויסגעפליקטער בעזים — דאס איז ר' ליב'ס זקנה. איך קוק אויף איהם מיט א שמייכעל פון צער אויף די ליפען און טראכט מיר: א פיינער פ ו ע ל, א שעהנער ערד-ארבייטער, משטיינס געזאגט!.. און ד א ס רייסט זיך אב פון א היים, פון ווייב און קינדער, און זוכט זיך נייע גליקען מיט נייע פרנסות, וואס ער האט פון זיי ניט די מינדסטע השגה. פיין, כ'לעבען!... און טאקי באלד האב איך א קלייהר געטאן: און דו, מענדעלע? ווי קומסט ד ו צו אזא נארישקייט, צו אזא גראבען טעות? — א שטארקער פארדראס האט זיך אויפגעהויבען אין מיין נשמה, איך האב אנגעהויבען מוסר זאגען מיר אליין און דעם גאנצען כלל ישראל: וואו איז אייער הכמה, וואו איז אייער אויסגערעכענטקייט, יודע'לעך? רק איהר האפט זיך, רק איהר יאגט זיך, אומעטום זענט איהר מקדים נעשה לנשמע, קיינמאל בעטראכט איהר ניט, צו טויגט איהר צו דער ארבייט, וואס איהר נעהמט זיך, צו וועט איהר ניט קאליע מאכען דעם גאנצען עסק. וואלט נאך דאס האפעניש זיך גענומען נאר דערפון, וואס מיר רעכענען ניט אויס א פריהער — וואלט נאך געווען צו דערליידען. איך האב אבער מורא, אז דא שטעקט א סך א גרעסערער אומגליק. אדרבא, מיר האבען דוקא יא א חשבון, א אויסרעכענונג, מיר האפען זיך און יאגען זיך טאקי, ו ו י י ל מיר האבען שטענדיג א בעהאלטענעם מיין. אונז איז דער עיקר ניט דער ענין, נאר אונזער אייגען פערדיענסטעל, ניט די זאך גופא, נאר אונזער פרנסה. אונז הויבט ניט אן צו ארען, וואס מיט אונזער לויפעניש און שטופעניש וועלען מיר ברייננען א שאדען דער ארבייט, אבי מיר אליין זאלען דא אבלעקען א ביינדעל. כל זמן ס'איז דא א שפאלט, א שפארונע — רוק זיך, בן אדם, שפאר זיך און גנב'ע זיך אריין!... כל זמן ס'איז דא א טראפען מילך ביי דיין קוה אין די אייטער — קוק ניט, וואס זי איז הונגעריג, מעלק! איי טאמער וועט דורך דיין שטופעניש חרוב ווערען דער גאנצער בנין, — ס'א דאגה דו האסט, זאל ער חרוב ווערען, נו וועט זיין ניט

מיר, ניט דיר. פון צוויי וועגען איז דער בעסטער דער, וואס טויג מיר; אויב אבער איך קען פון איהם קיין נוצען ניט האבען, מעג ער זיך אפילו בעצם זיין זעהר א גלייכער וועג, — מ י ר איז ער קרום, וועל איך אויף איהם שפייען קלעק. אזוי פיהרען מיר זיך, אזוי איז אונזער שטייגער: אלצדינג נאר די אייגענע טובה, אנדערש ווערט א יוד ניט קיין חובב... איהר פערשטעהט דאך, וואס איך מיין.

אט אזוי האב איך גע'טענה'ט, געאמפערט זיך מיט מיר אליין, געזוכט אלץ חסרונות. ר' ליב איז דערווייל געשלאפען, געחראפעט און געפייפט מיט דער נאז. נאכדעם האט ער אנגעהויבען זיפצען און קרעכצען פונ'ם שלאף, דער הוסט האט איהם געמוטשעט, געשטיקט דעם אטעם, די ליחות האבען זיך געשטעלט אין האלז, געבולבעט און זיך איבערגעקייקעלט ארויף און אראב, און הארצען האט ביי איהם געסווישטשעט, געריפעט, געסקריפעט, ווי א גאנצע קאפעליע כלי-זמר. מיך האט דערקלעמט ביי'ם הארצען און איך האב א טראכט געטאן: אז אך און וועה איז איהם! ער ווייסט דען, נעבעך, פון א לעבען, ער האט דען פערזוכט אמאל א גוטען טאג! אוי, רבונו של עולם! וויפיעל יודען מוטשען זיך אזוי אב אלע זייערע יאהרען, ווערען פארשווארצט, פארפינסטערט, אויסגעריסען פון דער יוגענד ביז דעם סוף פון זייער ביטערען לעבען! ס'ווערט געבוירען א נייער נפש, א לעבעדיגע נשמה נעהט ארויס פון דעם אויבערשטענ'ס הענד און בעקליידט זיך מיט הויט און פלייש. צוליעב וואס? כדי צו הנאה האבען פון גאט'ס וועלט, כדי מיט אלע חושים צו געניסען די שפע, וואס דער בורא האט אויסגענאסען אויף דער ערד. וואס זשע טוען מענשען? מע לעגט ארויף אויפ'ן יונגען נפש א שווערען יאך, מען בינדט איהם, מע פענטעט איהם הענד און פיס, מע זאגט איהם: אזוי און אזוי, אט דאס טארסטו ניט, אט יענס איז דיר פערבאטען; ביסט א יודעלע, א לייבעלע ביסטו, א גאנצער פאק גזרות און חומרות איז פאר דיר אנגעשריבען, אנגעגרייט פון פריהער, און דו מוזט פאלגען. און אט אזוי וואקסט א נייער נפש, פערוויסט און פעראומערט, פערקלאגט און פערצארענט, שטענדיג הונגעריג און דארשטיג, אהן ליב, אהן לעבען, אהן זאפט און אהן חיות, ווי א קארטאפליע, וואס וואקסט אין א פינסטערן פערשטונקענעם קעלער, וואו די זון שיינט אריין נאר דורך א קליין שפעלטעל. און אט שטעהט ער פאר דיר א פארטיגער — א בינדעל ביינער ארומגעפלאכטען מיט שס"ה גידין!... דער קראנקער פנים, טויט ווי אלע טויטע, דערצעהלט, און

אַ שום תּרעומות, חס ושלום, זיינע צרות און וועהטאָגען און בעט דאַבט זיך, רחמים; זיינע טרוקענע ביינער ריידען, טענה'ן: זעהט, וואָס פון אַ מענשען קען ווערען! יעדער הוסט, יעדער זיפץ, יעדער קרעכץ איז אַ ביטערער געשריי, דאָס בעקלאָגט זיך אַ מענש אויף זיין וויסט לעבען, וואָס איז ניט מעהר ווי איין לאַנגע גסיסה. ווי זשע קען מען האָבען צו איהם טענות, וואָס ער וואַרפט זיך, זוכט, נישטערט, אפשר וועט ער אַביסעל גרינגער מאַכען זיין וועהטאָג? וואָס פאַר אַ אויסגערעכענטקייט קען מען פערלאַנגען פון אַ מענשען, וואָס איז גאָר ניט ביי די חושים, וואָס געהט אוים פאַר יסורים? ווי קען מען גאָר האָבען די העזה צו אָבלאַבען פון איינעם, וואָס חאַפּט זיך אָן פאַר אַ שטרוי בשעת ער טרינקט זיך? ווער וועט דאָס געהן זידלען אַ הונגעריגען, וואָס ער טראַכט נאָר וועגען דער אכילה, וואָס ער איז גרייט צו לויפען אפילו קיין בויבעריק צוליעב אַ שטיקעל לחם? — אַז אָך און וועה איז דיר, ליב מלמד, אַז זינט דו לעבסט האָסטו סך-הכּל געהאַט נאָר איין געדאַנק, איין כּונה, איין פערלאַנג: איבערחאַפּען אַ כּזית, כּדי דו זאָלסט ניט אויסגעהן פאַר הונגער. אַז אָך און וועה איז דיר און אַז אָך און וועה איז מיר און אַז אָך און וועה איז אַלע קאַבצאַנסקער יודען!...

— דאָס זענט איהר, ר' מענדעלע?! — האָט מיך אַ פרעג געטאָן ר' ליב, וועלכער האָט זיך אָקאָרשט אויפגעחאַפּט פונ'ם שלאָף. אויף זיין פּנים איז געוועזען אַ שמייכעל און אַליין האָט ער בשעת מעשה געקרעכצט פון טיעפען האַרצען.

— וואָס קרעכצט איהר אַזוי? — האָב איך איהם געפרעגט מיט גרויס רחמנות. — איהר זענט חלילה קראַנק?

— חס ושלום! סע קרעכצט זיך עפּים אַזוי... גלאַט אין דער וועלט אַריין... אַזאַ טבע ביי מיר... דאָס מאַכט ניט אוים, דערצעהלט בעסער, וואָס הערט זיך עפּים נייעס?

— וואָס זאָל זיך הערען? גאָר ניט! — האָב איך איהם געענטפערט מיט אַ טיעפען זיפץ.

— איהר נעהמט זיך אַלץ צום האַרצען, ר' מענדעלע, און מיר האָט זיך גע'חלום'ט אַ טייערער חלום, — האָט ר' ליב געזאָגט מיט אַ זיסען שמייכעל. — מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז איך שפּאַציר זיך מיר אַרום, ווי אַ בעל-הבּית, צווישען אַ וויינגאָרטען און גיב אַכטונג אויף די פּועלים. זיי אַרבייטען, און איך טרייב זיי אונטער: פולט זיך ניט,

יודען, אַרבייט, אַרבייט, דער טאָג שטעהט ניט! זיי ענטפערען מיר אָב: האָט קיין דאגה ניט, בעל-הבּית, מיר טוען אונזער אַרבייט בשלמות, קוקט זיך בעסער אום אויף אייער אייגען געזונד, סע זאָל אייך, חס ושלום, ניט שאַדען, וואָס איהר בויגט זיך; מיר זענען אייערע קנעכט, מיר זענען גרייט צו האָרעווען, צו אַקערען מיט דער נאָז, אַבי איהר זאָגט אונז זיין געזונד און שטאַרק און זאָלט פאַר אונז תּפלה טאָן. — איך געה מיר אַזוי אַרום איבער'ן וויינגאָרטען און איבער'ן פעלד, איך מאַך אַ בּרכה און בין טועם פון די פייגען און טייטלען און באָקסערען, און איך קוויק מיך מיט וויינטרויבען און מיט מילגראָמען און שטופּ מיר אָן פולע קעשענעס מיט ארץ-ישׂראל-אויבס. — הא, וואָס זאָגט איהר, אַ וואוילער חלום?

— אויב אַזוי, שלאָפט אייך געזונטערהייט... לעגט זיך, רב ליב, וועלען זיך אייך אפשר חלומ'ן נאָך שענערע חלומות, אויב איהר האָט פון זיי אַזאַ נחת-רוח, — האָב איך איהם געענטפערט און זיך אויך געלעגט שלאָפען.

אין דער פריה, אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך זיך געפיהלט, ווי אַ שכּור, וואָס אַז ער חאַפּט זיך אויף נאָך אַ שווערען שלאָף, איז ער בייז, צושויבערט, אַלצדינג זעהט ביי איהם אוים קאַפּויר, אַלצדינג רייצט איהם די געבליטען און אַליין ווייסט ער ניט, וואו ער זאָל זיך אהינטאָן פאַר גרויס עגמת נפש. ר' ליב דער מלמד איז זיך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און אַוועק אין זיין וועג אַריין — דאַוונען בצבור, איבערשמועסען מיט מענשען און זיך משתדל זיין וועגען אונזער ענין. ער האָט זיך אַזוי געחאַפּט, אַז ער האָט ניט אוסגעפייעט אָברייניגען די בלאָטע פון זיין בגד, אַקוראַט ווי עס וואַרט אויף איהם ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מציאה און ער האָט מורא, מע וועט זי ביי איהם ניט איינחאַפּען. — וועט איהר דאָך פרעגען, פון וואָס לעבט אַ שטייגער אַזאַ יוד, אַז אין קעשענע איז שוין ניט געבליעבען קיין צובראָכענער גראָשען? עט! אַ קשיא אויף אַ יודען! אַ יוד לעבט דאָך שטענדיג מיט נסים, ער לעבט בעל-כּרחו, מיט'ן כּח פון דעם שטוים, וואָס מ'האָט איהם געגעבען, בשעת ער איז אַרוים פון דער מאַמעס בויך; אַ יוד לעבט מיט אמונה און בטחון — און אַז וואויל איז דעם, וואָס ער פערמאָגט חאָטש אַזאַ קאַפּיטאַל. אָבער וואָס קען זיין פון אַזוינעם ווי איך, וואָס דער שׂכל האָט איהם שוין איבערגערעדט, ווי די שלאַנג האָט איבערגערעדט אונזער מוטער חוה'ן, און ער האָט זיך שוין אַריינגעלאָזט

אין פרעגענישען און חקירות? אזוינער וועט שוין האבען יסורים און קלעמענישען אויפ'ן פוד. ציווי וועגען זענען אפען פאר דעם מענשען: אדער זיי א יוד, ווי אלע יודען, לעב מיט בטחון, געה מיט פערמאכטע אויגען אהין, וואוהין דער ווינט טראגט דיך, פרעג ניט קיין קשיות און האב ניט קיין טענות — און לעב! אדער, אז דו ווילסט זיין א רכס, איבערקלעהרען, שטעלען קלאץ-קשיות: דאס לעגט זיך דיר אויפ'ן שכל און דאס ניט, דאס געפעלט דיר און דאס איז חוץ מדרך הטבע — טא נעהם און לעג זיך אוועק אין שטארב. דיינע טענות זענען בלאטע, קיינער דארף זיי ניט האבען... בלינדע אמונה און בטחון זענען נאך א גליק פאר'ן יודען, זיי העלפען איהם נאך אין זיינע נויטען, ווי דאס שלאף-געטראנק, וואס מע גיט איין א מסוכנעם חולה, העלפט איהם, ער זאל ניט פיהלען דעם וועהטאג בשעת מע שניידט איהם, אניט וואלט דער וועהטאג געווען צו גרויס, ניט צום איבערטראגען. ניטא אויף דער וועלט קיין אומגליקליכערעס בעשעפעניש, ווי א יוד וואס הויבט אן קלערען. אזוינער פיהלט שוין די בראדיוועקע אויף זיין נאז, ער שעמט זיך שוין פאר זיך אליין, און ווי טיטוס'עס פליעג לעבערט איהם זיין מח די שאלה: וואס וועלען לייט זאגען? ס'איז ממש א הארצוועהטאג אנצוקוקען, ווי אזוינער האלט מלחמה מיט זיך אליין, ווי ער וויל פערלייקענען זיין אייגענעם „איך" און וואלט א בעלן געווען אריינקריכען אין א פרעמדער הויט. איז שוין, כ'לעבען, טייזענטמאל בעסער אזוינעם, ווי ר' ליב דער מלמד. וואס פעהלט איהם? ער פיהלט נאר ניט, אז ער האט א בראדיוועקע אויף דער נאז, ער געהט זיך פאוואלינקע, מיט אנאנגעבויגענעם קאפ, ווי א ניונקעלע, און פרעגט ניט קיין קשיות. ער איז מקיים אלע תרי"ג מצות, ווי גאט האט געבאטען, און פערלאזט זיך אויף נסים.

אין שוהל אריין, מענדעלע! — האב איך נע'טענה'ט מיט זיך אליין. — צו עבודת הבורא, מענדעלע! בטחון איז א יודישע זאך. גענוג שוין פילאזאפיע! ווי קומט גאר א קאבצאנסקער יוד צו פילאזאפיע? א קבצן, אז ער הויבט אן חקירה'ן, איז דאס פאר איהם די גרעסטע סכנה. ס'טייטש דו, מענדעלע, ביסט דאך אוועק פון דער היים, ווי אנ'אמת'ער יוד, האסט גענומען די פיס אויף די פלייצעס און האסט זיך אלאז געטאן, צוזאמען מיט אלע קאבצאנסקער יודען, אין דער ווייטער וועלט אריין מיט א גרויסען בטחון אויף זיין ליעבען נאמען, האסט ניט איבערגעקלעהרט און ניט איבערגעפרעגט און ביסט געלאפען —

אין פלוצלונג פרעגסטו גאר קשיות און שארפסט זיך א מח! וואס איז? עמיצער האט אויף דיר א קיק געטאן, ווי אויף א טפש, און האט אביגעלאכט פון דיר און פון דיינע בטלנ'ישע דרכים? איז זשע וואס? א יוד טאר ניט זיין אזא גרויסער גדלן, אז מע דארף — בויגט מען אן במחילה דעם קאפ און מע געהט נאך אמאל און ווידער אמאל און אבער אמאל און מע בעט און מען מאנט און מע דערקוטשעט — און מע נעהם שוין בפירוש ניט אוועק מיט לעדיגע הענד. ווען עמיצער וועט דיר זאגען: כ'האב געזעהען אנ'ארימאן א בשת-פנים, וואס יודען בני-רחמנים האבען זיך אויף איהם אליין אומגעקוקט און איהם געגעבען א מתנת-יד מיט זייער גוטען ווילען — זאלסטו ניט גלויבען. שקר וכזב! מיט'ן גוטען ווילען וועט א יוד קיינמאל ניט געבען; זיינער א קאפיקע איז אזוי שווער זיך צו שיידען מיט דער קעשענע, ווי, להבדיל, דער נשמה צו פערלאזען דעם גוף, און געהט זי שוין יא ארויס, די קאפיקע, פון א יודישען ביטעל, ווערט דערביי אזא געוודער מיט א געשריי מיט א טראסקע-ייי, אז סע הערט זיך פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערען, און דער געבער בעקומט זיין שכר דוקא אויף דער וועלט: כבוד און גדולה און חניפה אונטער די אויגען און אין די אויגען. אזוי איז שוין, ברודער, דער סדר העולם.

די דאזיגע געדאנקען האבען מיך ביסלעכווייז בערוהיגט. איך האב מיר געזאגט: איך בין א יוד, ווי אלע יודען, איך מוז זיין א עניו, ניט מקפיד זיין זעהר שטארק אויף מיין כבוד און זיך פארלאזען אויפ'ן רבונו של עולם: זאל ער פיהרען, ווי ער פערשטעהט.

ה.

אויסגעקומען ווי עס איז מיט זיך אליין, האב איך. ווי אנ'אמת'ער יוד, זיך גענומען צום געהן און צום ריידען. איך בין פלוצרונג געווארען א משונה'דיגער בעל-דברן און א געהער — איינס אין דער וועלט. איך האב שוין ניט געקענט איינזיצען קיין מינוט אויף אנ'ארט, איך האב זיך כסדר געשלעפט פון בוני'ן צו שמוני'ן — ניין, וואס זאג איך „געשלעפט": געלאפען, געאיילט זיך מיט גרוים אימפעט,

גענאַרבייט מיט אַלע אברים, ווי דער שטייגער איז ביי אונז יודען — און דערביי אַלץ גערעדט, געשיט מיט ווערטער, ווי ניט אין זיך, גע׳דרשנ׳ט וועגן אַזוינע זאַכען, וואָס איך הויב זיי ניט אָן צו פערשטעהן. וואָלט קאַבצאַנסק געווען דאָס אַמאָליגע קאַבצאַנסק און די יודען וואָלטען געזעסן, ווי אין די גוטע יאָהרען, אין בית־מדרש אונטער דער הרובע, איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז איך וואָלט דאָרטען געוואָרען דער ראש המדברים און וואָלט דערצעהלט גאַנצע פעק מיט מעשיות פון פּאָליטיקע און פון מלחמות. איצט פלעגען מיר זיך אָפּט צונויפקלייבען ביי איינעם פון יענע יונגע־לייטלעך און מיר פלעגען שמועסען וועגען ערד־אַרבייט, וועגען פלאַנצען בוימער, וועגען הלכות וויינגאָרטען וכדומה. אַלצדינג האָבען מיר, פערשטעהט זיך, געוואוסט, וועגען אַלצדינג געהאַט אַ ידיעה, יעדערער איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענער שטה, געהאַט זיינע אייגענע חשבונות — און ניט, חלילה, ווייל מיר האָבען ווען עס איז געפּרובט זיך פערנעהמען מיט אַזוינע זאַכען. פערקעהרט, קיינער פון אונז האָט אין די אויגען ניט געזעהען קיין וויינגאָרטען זינט ער לעבט. נאָר וואָס דען? מיר האָבען זיך געקלינגט מיט אונזערע גמרא־קעפּלעך, מיר האָבען בעשאַפען סברות, איינע שאַרפער פון דער אַנדערער, געבויעט גאַנצע בנינים אויף אַזוינע פונדאַמענטען, וואָס מיר האָבען זיי געפונען פאַרטיג אין אונזער פאַנטאַזיע אָדער אויסגעזויגען פונ׳ם פינגער. איך, הקטן מענדעלע, בין דוקא ניט אַראָבגעפאַלען פאַר׳ן איבעריגען עולם. איך האָב אויך גע׳דרשנ׳ט וועגען פלאַנצען און זייען און קלויבען פרוכטען, ווי עס שטעהט געשריעבען אין משניות סדר זרעים, און ווי איך האָב געדענקט נאָך פון יונגעלוויז, ווען איך האָב געלערענט אין חדר.

אַזוי זענען אַוועק עטליכע טעג און איך האָב אַלץ פערבראַכט צווישען גוטע פריינד און געבויעט לופט־שלעסער מיט דער הילף פון אמונה און בטחון, ווען דער יצר־הרע, דער ימח־שמו׳ניק, האָט מיך ווידער גענומען צום סמיק און האָט אָנגעהויבען מיר פּיקען אין מח: זעה, מענדעלע, וואָס פאַר אַ צורה דו האָסט! בעטראַכט זיך נאָר, וואוהין דו ביסט פערקראָכען. דיין קישקע מאָנט דיך: עסען — און דו האָדעוועסט זי מיט הבטחות! זי בעדאַרף ברויט — און דו טרייסטט זי מיט גליקען, וואָס זענען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. וואָס קומט דיר אַרויס פון די אַלע טייערע שמועסען, אַז דיינע חברים ר ע ד ע ן נאָר, אַז טוען טוען זיי ניט אַ האַנד אין קאַלט וואַסער און האָבען ניט בכח

דיר צו העלפען, אפילו ווען זיי זאָלען ו ו ע ל ע ן. היינט די פרומקייט דיינע, בעטראַכט זיך נאָר, וואָס זי האָט פאַר אַ פּנים. פרימקייט איז טאַקי אַ גוטע רפואה געגען אַלערליי צרות און שלעק. נאָר ווען זשע איז דאָס גערערט געוואָרען? ווען זי שטעהט איין ביי אַן אמת׳ן הניאָק, ביי אַ שוטה בן פּיקהאָלץ. דו ביסט דאָך אָבער בטבע גאָר ניט קיין נאַר, ביי דיר איז דאָך בעסער איין חיי־שעה פאַר׳ן גוף איידער אַל׳ע תענוגים פון דער נשמה, דו ווייסט דאָך אָבגעבען אַלע דיינע פאַנטאַזיעס פאַר אַ שטיקעל ממשות׳דיגע טובה. היינט גלאַט נאַרסטו דאָס גאָר זיך אַליין, פערשלאָגסט זיך האַקע־באַקע, כדי דו זאָלסט פערשפּאָרען טראַכטען — און דאָס, זעהסטו, איז שוין גאָר ניט פיין, דאָס פּאַסט גאָר ניט פאַר אַזאַ אַלטען יודען, ווי דו — פע, מיאוס, מענדעלע! לא די, וואָס דו ביסט אַ ק ב צ ן, ווילסטו נאָך זיין אויף דער עלטער אַ רמאי אויך! איך האָב זיך דאָס, כ׳לעבען, אויף דיר ניט געריכט...

איהר זעהט, רבותי, וואָס פאַר אַ מאָדנעם יצר־הרע איך האָב: ער קומט, כלומרש׳ט, אינ׳ם נאָמען פונ׳ם אמת. ער נעהמט מיך דורך מיט אויסגערעכענטער מיושב׳דיגע ווערטער, ער רעדט מיך איבער מיט זיין קלאָרען פערשטאַנד און איך קען איהם ניט ביישטעהן. שלעכט! פערפאַלען מיין גאַנצער בטחון! דער יצר־הרע האָט פון איהם געמאַכט אַ בערגעל אַש. אוים! איך האָב ווידער דערפיהלט מיינע אַלע וועהטאָגען. דער עסק איז קיין עסק ניט, די צייט געהט אַוועק אומזיסט־אומנישט און וואָס וועט זיין דער תכלית! איך בין פאַר עגמת נפש געוואָרען אַ שטיק אַפּיקורס און האָב אָנגעהויבען געפינען חסרונות אין אַלע אונזערע גאָלדענע פלענער.

איינמאָל זיץ איך מיר אַזוי אויף דער סטאַנציע אין געהאַקטע וואוגדען, — איך גיב אַ קוק דורכ׳ן פענסטער און טו מיך אַזש אַ טרייסעל. ר׳ ליב דער מלמד, מיין טייערער זווג, געהט זיך פראַנק און פריי איבער דער גאַס מיט עפּים אַ פּריצה פון איין זייט און אַ פּריצ׳ל אין אַ קאַפּעלוש פון דער אַנדערער. אַלע זענען זעהר שטאַרק אויפגעלעגט, מע רעדט און מע לאַכט און מע קוועלט כמש פאַר נחת. די פּריצה איז שטאַרק צעקאָכט, רעדט עפּים און שטורכעט ר׳ ליב׳ן פון איין זייט און דער קאַפּעלוש פון דער אַנדערער, און מיין רב ליב דער מלמד איז שטאַרק בגלופין, ער בעבעט עפּים מיט גרויס התלהבות, דרעהט מיט׳ן גראָבען פינגער און שטורכעט זיי ביידע מיט די עלענבויגענס. די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע זענען ביי איהם צעפלויגען, איינע אַהין,

איינע אַהער, און פון אינמיטען קוקען אַרויס אַ פּאָר פּיס אָנגעטאָן אין ווייסע גאַטקעס, במחילה. אַ שעהנע קאַרטינע! ס'האָט בּיי מיר נעהאַט אַ פּנים, אַקוראַט ווי ער איז אַראָבּ פון'ם זינען, איך האָבּ פּשוט אויפן ניט געקענט פערשטעהן, וואָס דאָ טוט זיך. תּחילת האָבּ איך אַ טראַכט געטאָן, אפשר איז דאָס נאָר אַ חלום, איך האָבּ זיך אָבּער אַ קניפּ געטאָן און האָבּ דערפיהלט, אַז ס'איז וואָהר, יאָ, ס'איז אַנ'אמת: ליבּ דער מלמד געהט אינמיטען גאַס מיט עפּיס אַ נפקא — ליבּ דער מלמד, ער אַליין בּכבודו ובעצמו. ווי געפעלט דאָס אייך? רבונו של עולם, האָבּ איך מיר אַ טראַכט געטאָן, אפשר איז טאַקי אמת, וואָס מע זאָגט, אַז דאָ, אין אָט דער שטאָדט, איז דער טויער פון'ם גיהנם און אַז דער שטן שפּיעלט זיך דאָ מיט יודישע נפשות. אָבּער געוואַלד! דער שטן, האָבּען מיר אַ קימא לן, איז דאָך אַ דורכגעטריבּענער, אַ יונג אַ כוואַט, ווי זשע קומט ער צו אַזאַ ווילדער נאַרישקייט ווי פערפיהרען עסקים מיט רבּ ליבּ'ן? וואָס, ער האָט שוין קיין בּעסערס, ווי רבּ ליבּ, נאָר ניט געקענט געפינען!?

אַ פערבּיטערטער, אַ דערצאָרענטער, האָבּ איך זיך אויפגעהויבּען פון'ם בּענקעל און גענומען אַרומשפּאַנען איבּער'ן חדר. נאָכדעם האָבּ איך זיך אַנידערגעלעגט אויפ'ן בּעטעל און בּין געלעגען אַ שטיקעל צייט — אפשר וועט מיר ווערען אַבּיסעל רוהיגער אויף דער נשמה.

ווי איך ליעג אַזוי, עפּענט זיך די טהיר און ס'קומט אַריין ר' ליבּ דער מלמד מיט אַזאַ פּנים. ווי אַ יוד קומט, אַ שטייגער, צו זיינעם אַ פריינד גוט יום־טובֿ בּיטען. ער שיינט ממש, די אויגען לייכטען, אויף די ליפּען אַ זיס שמייכעלע — מע זעהט, סע טוט איהם שטאַרק הנאה. ער קוועלט אָן פאַר נחת. איך האָבּ אומיסנע פערמאַכט די אויגען, געמאַכט זיך, אַז איך שלאָף, און דערווייל בּעטראַכט דעם טייערען נפש מיט אַלע זיינע פּאָסטעמקעלעך. ר' ליבּ איז צוגעגאַנגען צו מיין בּעטעל, נאָר אַז ער האָט דערזעהען — איך שלאָף, האָט ער זיך אָבּגערוקט און גענומען אַרומגעהן איבּער'ן חדר שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער. שפּעטער האָט ער אויסגעטאָן די וואָכעדיגע קאַפּאָטע און אַראָבּגענומען פון'ם פּלעקעל די שבּת'דיגע, אַרומגעקוקט זי פון אַלע זייטען און אָנגעטאָן אויף זיין דאַרען גוף. נאָכדעם האָט ער זיך אַרומגעטאַפּט די פּאות, די בּאָרד, פערריכט דאָס היטעל אויפ'ן קאָפּ און אָנגעהויבּען זיך פּער'גנבּ'ט און געחאַפּט אַ קוק אינ'ם שפּיגעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. פון זיין שמייכעלע האָט מען געקענט

פערשטעהן, אַז ער איז מיט זיך זעהר צופריעדען, אַז ס'איז איהם גוט אויפ'ן האַרצען. אפשר האָט ער טאַקי געפונען חן און לייטזעליגקייט אין זיינע אייגענע אויגען, ווי אַלע מיאוס'ניצעס, וואָס אַז זיי פּוצען זיך פאַר'ן שפּיגעל, רעכענען זיי, אַז זיי זענען פאַרשוינען, שעהנקייטען איינס אין דער וועלט. דעם אמת מוז איך זאָגען, אַז מיר איז ר' ליבּ דוקא ניט אַזוי געפעלען, פערקעהרט: דאָס פּוצען זיך האָט איהם נאָך געמאַכט מנושם'דיגער, ווי ער איז געוועהנליך. איך האָבּ ניט ווילענדיג אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם יונגען יוסף'ן מיט פּוטיפר'ס וויבּ זליכה — און אַז איך האָבּ זויעדער אַ קוק געטאָן אויף מיין ליעבּהאַרציגען שכן אין זיינע שבּת'דיגע בּגדים, איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען, איך האָבּ זיך פערשעמט פאַר זיך אַליין — און איך האָבּ ניט געוואוסט, וואָס פריהער: חוזק מאַכען אָדער זיין אין כּעס. נאָר וואָס מיין בּן־זוג איז אַרויסגעגאַנגען, בּין איך אַראָבּ פון'ם בּעטעל און האָבּ זיך צעלאַכט מיט אַ בּיטערען געלעכטער.

עס טרעפט זיך אַמאָל, איך פיהל, אַז אין מיר לעבּען צוויי מענדעלעך, צוויי בּעשעפענישען, יעדע פערשיעדען פון דער צווייטער; זיי וואוינען בּיידע אין איין דירה, נאָר זיי קוקען אויף אַלצדינג מיט פערשיעדענע אויגען, זיי האַלטען כּסדר מלחמה און קענען איינע ניט גובר זיין די צווייטע. אַז איין מענדעלע וויינט, ווילט זיך דעם אַנדערען לאַכען. און וואָס איינער לויבּט, איז בּיי'ם אַנדערען ניט ווערט אַ דריי־ער. איין מענדעלע איז אַ שוטה, אַ פּתי יאמין לכל דבר, אַז ער זעהט מענשען פיינען זיך פאַר איהם אויס מיט ווערטער, ריידען שעהנע מליצות, מיינט ער: ס'איז תּורת לאָקשען. זאָגט מען איהם עפּיס אַ גוט וואָרט, איז דאָס בּיי איהם אַ כּשר'ע מטבּע. ער גלויבּט בּאמונה שלמה, אַז אַלע האָבּען איהם ליעבּ, אַז אַלע זענען מוכן ומזומן צו העלפען איהם אין זיינע נויטען. דער אַנדערער מענדעלע איז גראָד אַ חכם, אַנ'איבּערגעשפּיצטער; ער פיהלט שטענדיג, וואו דער שוך קוועטשט, ער ווייסט, אַז ניט אַלצדינג, וואָס סע בּלישטשעט, איז גאָלד, און אַז אַ חזיר בּלייבּט אַ חזיר, חאָטש ער מעג אפילו אַרויסשטעלען דאָס הינ־טערשטע פיסעל. בּשעת הדחק, ווען די תּוכחה האָט זיך אויסגעגאָסען אויף די קאַבּצאַנסקער יודען — „ויסעו", און מ'האָט גענומען לויפען, האָט דער ערשטער מענדעלע געפיהרט די געראָלדיע, ער איז געווען דער גאַנצער כּל ולך, ווי, אַשטייגער, דער גבּאי, אַז סע קומט ראש חודש. ער האָט דאָס זיך אָנגעחאַפּט מיט הענד און מיט פיס פאַר

די קאָלאָניעס און האָט זיך אויסגעמאָלט אין דער פאַנטאַזיע אַ נייַ לעבען אויף רער עלטער; ער האָט דאָס געחאַפּט און פערקויפט דאָס פערדעל, אַוועקגעוואָרפען דעם מסחר מיט ספרים, געמאַכט שותפות מיט ר׳ ליב׳ן און אַוועק מיט איהם צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, זוכען אין די ווייטע מקומות מזל-ברכה; ער, דער ערשטער מענדעלע, איז געווען בטוח, אַז מיט דעם וואָס לעבט אייביג׳ס הילף און מיט יודיש געלד וועט ער זיך בּזעצען אין אַ רוהיגען מקום אונטער זיין ווייַנשטאָק און זיין פייגענבוים. איצט האָט דער צווייטער מענדעלע איבערגענומען די ממשלה, ער האָט אָנגעהויבען אויסרעכענען דעם ערשטען מענדעלע אַ צעטעל חטאים, דערוויזען איהם זיין נאַרישקייט און געמוסר׳ט אין איין אָטעם: ס׳טייטש, אַנ׳אַלטער יוד, אַ צעבראָכענער שאַרבען, הויט און ביין, ווי קומסטו גאָר טראַכטען וועגען אַזוינע זאַכען, אויסמאָלען דיר אַזוינע מינ׳ע פייגעלעך, וואָס ס׳איז גאָר ניט נאָך דיין כח און נאָך דיינע יאָהרען? ווי קומסטו גאָר וועלען זיך פערשטעלען פאַר אַ יונגען מאַן?... וואוהין טראָגט דאָס דיך, שוטה איינער, ווילסט פערזוכען דעם טעם פון אַ צדקה-פּושקע?... פערגעס זשע ניט, אַז דערמיט שאַדסטו אַנדערע יודען, וואָס פאַר זיי איז די צדקה-פּושקע מעהר אָנגעמאָסטען ווי פאַר דיר, און זיי האָבען זי טאַקי כשר פערדיענט. וואָס זשע וואַלגערסטו זיך דאָ אין דער אַכסניא, פוילע בריאה? וואָס וועסטו אויסליגען אין אַזאַ לאָך?

מילא, כל זמן דער צווייטער מענדעלע האָט נאָך אַלץ גע׳טענה׳ט אַזוינע מינ׳ע טענות, האָט דער ערשטער נאָר צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און אַמאָל אַריינגעשטעלט אַ וואָרט צוליעב יוצא וועגען. אַז יענער האָט זיך אָבער גענומען צו זיין יודישקייט אויך און האָט איהם אָנגעהויבען בעווייזען מיט אותות ומופתים, אַז זיין יראה, זיין אהבה און זיין פרומקייט זענען נאָר לפנים, אַז דאָס איז גאָר אַ מאַניפאָרגע, אַנ׳אָנשטעל, אַז ער מיינט גאָר ניט די הגדה, נאָר די פּאַלירטשיקעס, רעט שכר אויף דער וועלט, — איז דער ערשטער מענדעלע געוואָרען מלא חימה און האָט אויפגעהויבען אַ געוואַלד: אַזוי, שייגעץ, דו קריכסט מיר שוין נאָר אין די גרגרת, דו פערקלייבסט זיך צו מיר לפני ולפנים אין ווילסט אויסזאָגען פונ׳ם חדר, אַז מיין ליעבשאַפט און מיין איבערגעגעבענקייט זענען נאָר מיט אַנ׳אויסוועניגסטער פּניה — פע! אַזאָס! דאָס וועסטו ביי מיר ניט פּועל׳ן בשום ענין ואופן!

ויתרוצצו... האָבען זיך די צוויי מענדעלעך געבוצקעט אינוועניג.

געריסען זיך און געפּליקט, ווי די הענער, דערביי האָבען זיי געמאַכט אַזוינע קולות, אַז ס׳האָט מיר געלעכערט דעם מוח. איך האָב מיר געטראַכט, אפשר וועלען זיי שטילער ווערען, ווען איך וועל אַראָב אין גאַס אַריין, ס׳האָט אָבער געהאָלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס, זיי האָבען זיך אַלץ געווערטעלט, געקראָכען איינער דעם אַנדערען אין די לעבער, געצופּט מיך דער אַהין, דער אַהער, אַז איך האָב ניט געוואוסט, וואוּ טו איך זיך אַהין. דער שוטה מיינער טאָרעט מיך: צוריק, מענדעלע, צו דיינע יודעלעך, צו די פערוויסטע, פער׳חשכ׳טע, פעראומערטע יודעלעך, וואָס האָבען זיך, ווי דו, אַוועקגעלאָזט אויף קדוש השם; דאָרט וועסטו אויסרוהען דיין פערמאַטערטע נשמה! אָבער דער חכם מיינער האָט זיך אָן מיר געהאַלטען שטאָל און אַייזען — און האָט געשריגען אויף אַ קול: שוטה שבעולם! וואוהין געהסטו? וואָס וועסטו דאָרט טאָן?.. וואָס פאַר אַ רוה וועסטו געפינען צווישען אָט די קראַנקע, צעבראָכענע, פערוויינטע נשמות, וואָס ווייסען אַליין ניט, ווער ס׳האָט זיי פערשלייערט?.. אָט אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרעהט איבער׳ן שטאָדט, די פיס האָבען מיך געטראָגען אַהין, אַהער און דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט, ווי אַ ווינד-מיהל.

— רבי מענדעלע! — האָט פּלוצלונג אויסגערופען איינער אַ יוד, וואָס פאַר גרויס אַיילעניש האָב איך זיך אָן איהם אָנגעשטויסען אינמיטען גאַס, אָבער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס׳האָבען מיר אָנגעהויבען וועה טאָן די זייטען. איך גיעב אַ קוק: דער יוד, וואָס איז דעמאָלט געזעסען ביי׳ם קאַרלינער!

— וואוהין לויפט איהר אַזוי אָהן אַנ׳אָטעם? — פרעגט מיך יענער און האַלט מיך אָהן ביי דער פּאָלע.

— איך לויף דען? — ענטפער איך — דאָס הייסט אַזוי געגאַנגען. אַ יוד, פערשטעהט איהר מיך, האָט קיין צייט ניט, אַ יוד יאָגט זיך שטענדיג... דאָס האַרץ ציהט, די מחשבות פליהען, די אברים אַלע געהען חאָדראָם, דער מוח ברענט און די פיס לויפען...

— אַ יוד איז דאָך אָבער אַ מענש, אַ בר-דעת — האָט יענער געענטפערט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל, — און אַ מענש דאַרף וויסען, אַז אויף אַלצדינג איז דאָ אַ צייט.

— אויף אַלצדינג איז דאָ אַ צייט, אָבער ניט ביי יודען — האָב איך געענטפערט מיט אַ ביטער געפיהל — אַ יוד, ווי איהר זעהט איהם, לעבט קיינמאָל ניט צו דער צייט: ער עסט ניט און טרינקט ניט צו דער

צייט, ער צאָהלט זיינע חובות און קומט מיט בקשות און טוט תשובה און האָט חרטה — נאָך דער צייט. ער נעהמט אַ ווייב און האָט קינדער און ווערט געעלטערט און שטאַרבט — פאַר דער צייט... די גאַנצע יודישע היסטאָריע, פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף, איז איין לאַנגער צעטעל פון צרות מיט וועהטאָגען מיט שלעק מיט פורעניות, וואָס האָבען זיך געטראָפען אונזערע ברידער — אין די ערשטע דורות, ווייל זיי זענען צופריה געקומען אויף דער וועלט, און אין די לעצטע דורות, ווייל זיי זענען, ווי די שונאים זאָגען, צו-שפעט, צו-לאַנג פערבליעבען אויף דער וועלט. געהמט בעטראַכט אפילו איצט, וויפיעל נאַראָנים איז דאָ צווישען אונזערע יודעלעך, וואָס ווילען איבערדרעהען דאָס רעדעל אויף צוריק, מיהען זיך אויפצוטאָן אַזוינע זאַכענישען, וואָס ס'איז שוין לאַנג עבר זמן. איך זאָג דאָס פּאַני, טאַקי אַנטקעגען מיר אַליין: מיר האָט זיך אויך געטראָפען אַ מכשול — איך האָב זיך בענאַרישט און אויף דער עלטער זיך גענומען צו אַזאַ עסק, וואָס ס'איז שוין פאַר מיר ניט די צייט. ניטאָ דערצו ניט דער כח, ניט די יאָהרען.

— איך פערשטעה, ר' מענדעלע, אוי, פערשטעה איך, וואָס איך קוויטשעט. איהר טוט זיך אַליין אַ ביס און אַנדערע דערפיהלען איהם איך, דעם ביס. איך וואָלט אייך געקענט אָבענטפערען אויף אייניגע פון אייערע רייד, איך זעה אָבער, איהר זענט שטאַרק צוטראָגען, וויל איך זיך מיט אייך איצט ניט אַריינלאָזען אין וכוחים, — האָט יענער געענטפערט און האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט ליעבשאַפט און רחמנות. איך האָב זיך אויך איינגעקוקט אין זיין פּנים און האָב דערזעהען, אַז אין איהם לעבען אויך צוויי נשמות, צוויי בעזונדערע מענשען. מיר זענען געשטאַנען אַ ווייַלע און געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען, מיין חכם האָט געקליעבען נחת פון זיין חכם, און מיין נאַר האָט זיך שטילערהייט געסוד'עט מיט זיין נאַר, און ביידע האָבען מיר בשעת מעשה געפיהלט, אַז מיר האָבען אַלץ איינע גע-דאַנקען און אַז קיין מחלוקת וואָלט צווישען אונז ניט געקענט זיין, סיידען מע זאָל פערדרעהען די יוצרות, אַזוי אַז איינעמ'ס שוטה זאָל מלחמה האַלטען מיט'ן אַנדערענ'ס חכם אָט פונקט ווי די צוויי האַלטען מלחמה אין יעדען פון אונז ביידע.

יענער האָט ווידער אָנגעהויבען רעדען:

— הערט, ר' מענדעלע, איך האָב שוין עטליכע מאָל געשמועסט וועגען אייך מיט דעם קאַרלינער. ער וואָלט אייך זעהר אַ בעלן געווען

זעהען, נאָר מחמת איך האָב אַלץ קיין צייט ניט, האָב איך אייך וועגען דעם ניט געקענט איבערגעבען. גוט, וואָס מיר האָבען זיך בעגעגענט. איך וועל נאָך היינט טאַקי בעטען דעם קאַרלינער, ער זאָל מיר זאָגען בעשטימט, ווען איהר זאָלט צו איהם קומען. און איך גיעב אייך מיין עהרען-וואָרט, אַז איך וועל אייך וועגען דעם מודיע זיין צו דער צייט און וועל ניט פערשפעטיגען, חאָטש איך בין אַ יוד מיט אַלע יודישע תנועות. און איצט האָט אַייך אַ־וטען... איך מוז געהן ווייטער!

איידער איך האָב אויסגעפייעט ענטפערען אַ האַלב וואָרט, איז יענער שוין ניט געבליעבען. איך בין געשטאַנען אינמיטען נאַס און האָב ביי מיר אַליין געהאַט אַ פּנים ווי יענער חסיד, וואָס מ'האָט איהם אָנגעזאָגט אַ בשורה: היינט געפינסטו אַג'אוצר.

* * *

ו.

יענע נאַכט בין איך געשלאָפען זעהר שלעכט. די געדאַנקען האָבען זיך מיר געפּלאָנטעט אין קאָפּ, געטאַנצט און געדרעהט זיך און געזשומעט, אַזוי ווי די פליגען, אַז זיי דערשמעקען דעם ריח פון האָניג. דער האָניג, פערשטעהט איהר דאָך, דאָס איז געוועזען די טייערע בשורה, אַז דער הערר קאַרלינער וויל זיך מיט מיר זעהען. נאָר וואָס זאָג איך: „האָניג"! די בשורה האָט ביי מיר געהאַט אַלערליי טעמים, איך האָב אין איהר געשמעקט אַלע ריחות פון גן-עדן. אַ קאַטאָוועס! דער הערר קאַרלינער וויל מיך זעהען! מיין נאַר איז ווידער עולה לגדולה געוואָרען, ער האָט זיך אָנגעהויבען פשט'לען, דרשנ'ען אַלערליי סברות און האָט מיר צוגעזאָגט ישועות ונחמות, הלואי אויף אַלע יודען. ס'איז שוין אַריבער האַלבע נאַכט, און איך בין נאָך אַלץ ניט געשלאָפען. ר' ליב איז ניט געוועזען אין דער היים, און מיר איז דאָס גאָר ניט קשה געוועזען, וואָרום איך בין, לא עליכם, געוועזען שטאַרק פער'טרוד'ט מיט מיינע אייגענע געשעפטען. אינדערפריה, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזעהען, ר' ליב איז אַלץ ניטאָ. דאָ איז מיר שוין געוואָרען פריקרע. היתכן? זעלט'ס אַנדערש זיין, אַז ער איז געקימען, בשעת איך בין שוין געשלאָפען און איז אַוועקגעגאַנגען דאַוונען גאַנץ פריה, איידער

איך בין נאָך אויפגעשטאַנען, וואָלט ער דאָך געדאַרפט מיטנעהמען דעם טלית און תפילין — און דאָ זעה איך, זיין טלית־זאַק ליעגט זיך אויף זיין געוועהנטליכען אָרט — אויף דער קאָמאָדע. וואָס זשע דען, מוז מען זאָגען, אַז ר' ליב האָט ניט גענעכטיגט אין דער היים, איז דאָס דאָך טאַקי זעהר מיאוס, וואָס מיאוס הייסט, סע שלאָגט טאַקי חלשות צום האַרצען! ניט אומזיסט האָט ער נעכטען זיך אַרומגעשפּאַצירט מיט אַ פּ־יצה אינמיטען גאַס, מסתמא איז דאָס ניט גלאַט... און דאָס, וואָס ער האָט זיך נעכטען געפּוצט אַנטקעגען שפּיגעל און געטאַפּט די פּאות אין צורעכט געמאַכט די קאַפּאָטע, מוז דאָ אויך, פערשטעהט זיך, עפּיס שטעקען... ווי איך ליג אַזוי און טראַכט, וואָס קען דאָס בעדייטען, קומט אַריין דער משרת פון דער אַכסניה און פרעגט מיך: „וואו איז אייער יוד, פּעטער, אייער שכן, מיין איך? עפּיס אַ באַרישנע פרעגט זיך אויף איהם, זי האָט שטאַרק חשק איהם צו זעהען". איך האָב איהם געענטפערט, אַז ר' ליב איז ניטאָ אין דער היים, און יענער איז אַרויס מיט אַ שמייכעל פון אַ עזות־מחוצף־אַרצע־פּלאַסקע, ווי איינער רעדט: „פּעטערס, מע קען אייך, מיר ווייסען, אַז איהר זענט גרויסע פאַסקידניאַקעס, חאָטש איהר פערשטעלט זיך פאַר כשר'ע יודען, גאָט און ציצית". מיר איז די גאַנצע מעשה געוועזן זעהר ניט צום האַרצען. איך האָב אונטער די אויגען אָבגעגעבען ר' ליב'ן אַ פיינע פּאָרציע שטעך־ווערטלעך מיט זלזולים, און דאָ האָב איך נאָך דערזעהען זיין וואָכעדיגע קאַפּאָטע, ווי זי הענגט אויף דער וואַנד, אַ טרויעריגע אַ פער'־יתום'טע, אויסגעשמירט נעבעך אין בלאָטע ביז'ן גאַרטעל, ווי דער שמייגער ביי אַ יודענע דער פאַרטוך ערב שבת. אויך אַ רעשטעל צו די צרות! אַז אַך וועה איז איהר נעבעך, האָב איך מיר געטראַכט, אויף וואָס זי, שלימזל, איז איבערגעקומען! אַלע איהרע יאָהרען האָט זי איהם טריי געדיענט, פון שבת צו שבת געוועזן בעהעפט צו איהם, צו זיין לייב, ניט פערלאָזט איהם אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך אַליין אויסגעריבען אויף אַ שמאַטע, און איצט האָט ער זיך גענומען אַנ'אַנדערע און זי איבערגעלאָזט אַ וויסטע עגונה! אַ שענעם פּנים האָט זי איצט, ניט פאַר קיין שום יודישער יופע געדאַכט. די קעשענע איז צוריסען, צופּיצעלט, פון אַ לאָך שטעקט אַרויס עפּיס אַ שטיק פּאַפּיר. איך ציה אויס, ניט ווילענדיג, מיין האַנד און שלעפּ אַרויס דאָס פּאַפּיער. איך זעה: אַ שעהנע האַנדשריפט, אָנגעשריבען שוואַרץ אויף ווייס כהאי לשנא: „זייט זיך מטריח, קומט צו געהן היינט אויפדערנאַכט אַהין און אַהין, אין דעם

און דעם'ס הויז, צימער נומער אַזוי און אַזוי". עהע! טראַכט איך מיר, גוטע יאָהרען זיך דערלעבט! איהר פערשטעהט עפּיס אַ פשט?

אַ גרייק, וואָס איך בין דעם טאָג געוועזן זעהר פער'טרוד'ט: איך האָב געשריבען בריעף צו מיין ווייב און צו בעקאַנטע, האָב איך זיך אַביסעל פערקלאַפּט דעם מוח, איך זאָל ניט איבערטראַכטען. די בריעף זענען, פערשטעהט איהר דאָך, ניט געוועזן קיין פרעהליכע: אַ שווערע מרה־שחורה איז אויף זיי געלעגען אויסגעשפּרייט און דער ניגון פון קינות האָט זיך געלאָזט הערען פון יעדער שורה. שלעכט, ביטער! אַ מיאוס'ע וועלט! ניטאָ קיין אמת, ניטאָ קיין אמונה, ניטאָ קיין יראת שמים, אַלצדינג איז שקר, — אפילו באָרד און פּאות און ציצית, האָב איך מיר געטראַכט, זענען אויך ניט קיין גאַראַנטיע היינטיגע צייט. אַלצדינג שקר וכזב! נאָר נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבען איבערקלעהרען ווידער צוריק: „סך הכל פון וואַנען נעהמען זיך ביי מיר די אַלע ביטערע מחשבות? — פון איין רב ליב'ן! נו, איז דאָס דען ניט אַ נאַרישקייט? איין פויל שייטעל האָלץ, איין טרוקען שפּענדעל האָט דאָס אין מיר אָנגעמאַכט אַזאַ מורא'דיגע שרפה, אַז איך ברען און פלאַקער און שיט שוועבעל און פעך און הייסע קוילען אויף דער גאַנצער וועלט! ווי שיקט זיך דען אַזוינס! — וואָס וואָלסטו, מענדעלע, אַליין געזאָגט דערויף, ווען דו זעהסט, אַ שטיינער, עמיצער בויעט אַ גאַנצע שיטה וועגען הנהגת העולם, פּסקנ'ט אַלצדינג להומרא, מאַכט אַ תל פון אַ וועלט מיט מענשען, נאָר דערפאַר, וואָס ס'האָט זיך איהם פערשטעלט אַ קוצע קוה פאַר אַ ווינד־מיהל און ער געהט אַרום אַ צוקאָכטער? היתכן? טוט דען דאָס אַ בר־דעת? שטעל דיר פאָר, דאָרט האָט אַ בעל־דרשן בעקימען דאָס עהרליכע אויסקומעניש פון זיין פלונית'טע, די ארורה; וועט ער געהן שרעקען דעם גאַנצען עולם און שול מיט שבעה מדורי גיהנם? דאָרט האָט אַ געלערענטען אַ בּיס געטאָן אַ פליעג און נאָז בשעת ער שרייבט זיין ספר, נו, וועט ער אויסגיסען כל חמתו אויף דער גאַנצער וועלט און וועט שרעקען, אַז הבל הבל — אַלצדינג איז בלאָטע?.. שעהן, האַ? — אַזוי האָב איך גע'מוסר'ט מיין שוטה, איינגע'טענה'ט מיט גוטען און מיט בייזען, אויפגעוואָרפען איהם, וואָס ער איז אַזאַ חאַפּער. פון אַלצדינג ווערט ער נהפעל, פון אַ ליאַדע קיצעל געהט ער אַרויס פון די כלים, אַלצדינג חאַפּט ער און שלינגט, ווי הייסע לאָקשען, ניט פרעגענדיג און ניט קלערענדיג און ניט איבערלעגענדיג, און וואָס אויף דער לונג איז ביי איהם באַלד אויף דער צונג, חאָטש סע מעג זיין אַ נאַרישקייט.

אַ גרויסע עולה. אַזוי האָב איך איהם אויסגערעכענט פּאַוואָלינקע זיין רייסטער חטאים, ביז די טהיר האָט זיך אָנ׳עפען געטאָן און ס׳איז אַרײַן ר׳ ליב דער מלמד, אויסגעפּוצט אין דער שבת׳דיגער קאַפּאָטער מיט אַ פּנים, ווי אַ מחותן.

— סקאָצעל קימט, מחותן! וואָס מאַכט איהר עפּיס גוטס? — האָב איך איהם אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטערעל, וואָס ס׳שטעכט אין דער זיבעטער ריפּ. — ווי טאַנצט מען דאָס אַ גאַנצען מעת־לעת פאַר דער כּלה און מע רופט זיך גאָר ניט אָפּ? איהר זענט גאָר ניט מיעד?

— וואָס רעדט איהר וואָס? — זאָגט ר׳ ליב און שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגען.

— אָט דאָס, וואָס איהר הערט. זאָגט נאָר, ר׳ ליב, האָט איהר געגעבען אייער אַלטער אַ תנאי־גט איידער איהר האָט זיך געלאָזט אַהער?

ר׳ ליב שטעהט ווי אַ גולם, מויל און אויערען אויפגעשטעלט, די באָרד און די נאָז אויפגעהויבען אין דער הויך, און איך רייד ווייטער, איהם אויף צופּוקעניש:

— וואָס איז? ס׳איז דאָך אַ יודישע זאַך, מע פאָהרט אין אַזאַ סדום, מע ווייסט ניט, צו וועט מען קענען בײַשטעהען דעם יצר־הרע, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס סע קען זיך מיט אַ יודען טרעפען, מ׳איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ בשר ודם, נו, ניט מען דערווײַלע דעם ווייב אַ גט... כּדי ס׳זאָל, חלילה, ניט זיין קיין מכשול... וואו האָט איהר דאָס גענעכטיגט היינטיגע נאַכט, פעטער?

— בײַ אַ היימישען יודען, וואָס וואָרט אויך אויף אַ נחלה. מיר האָבען געשמועסט דעם גאַנצען אויפדערנאַכט, ביז מיר זענען אַנשלאָפען געוואָרען.

— וואָס זשע האָט איהר זיך אַזוי אויסגעפּוצט, ווי צום טאַנץ?

— וואַרט אויס אַביסעל, ר׳ מענדעלע, איהר וועט מיט גאָט׳ס הילף געוואָהר ווערען אַלצדינג, — האָט מיר ר׳ ליב גענטפערט מיט אַ פרעהליכער מינע, אויסטועענדיג די קאַפּאָטע און בלייבענדיג אין איין טלית־קטן.

— אַזוי זענט איהר אַ פּאַרשוין, ר׳ ליב, קיין בייז אויג זאָל אײַך ניט שאַטען, אַ מלכות, אַ קיסר׳שע צורה. מיידעלעך קוקען אויף אײַך פון אַלע פענסטער, מע לויפט אײַך נאָך אין די גאַסען. איינע אַ פיינע

פּריצה, האָט זיך אפילו נאָכגעפרעגט נאָך אײַך אויף דער סטאַנציע, זי געהט ממש אויס נאָך אײַער טריט.

— אַזוי? זי איז געוועזען דאָ... זי האָט זיך געפרעגט אויף מיר!.. איצט, רב מענדעלע, מעגט איהר מיר טאַקי זאָגען מזל־טוב!.. האָט ר׳ ליב אויסגעשריגען מיט התפּעלות און פאַר גרויס חדוה האָט ער אָנגעהויבען ריידען אויף עפּיס אַ משנה׳דיגען תרגום־לשון. — איהר הערט? איך זאָג עס אָהן לצנות. סע קומט מיר מזל־טוב קומט מיר.

איך האָב איהם בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס: צו איז ער ניט אָראָב פון׳ם זינען. וואָס טוט זיך מיט דעם יודען?

— וואָס בעבעט איהר? — זאָג איך צו איהם. — וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? ר׳ ליב, רעדט בעסער יודיש, ווי מיר האָבען גערעדט ביז אַהער!...

ר׳ ליב הערט אָבער ניט. ער פּלאַפּלט עפּיס אויף אַ צוקאַליעטשער שפּראַך, פּאָלאָווינע יודיש, חצי לשון־קודש, און סע קומט איהם אָן מיט בויך־וועהטאָג, וואָרום ער איז, נעבעך, ניט געוועהנט. ער וואַרגט זיך מיט יעדען וואָרט, סע שטעלט זיך איהם אין האַלז, ניט אַהין, ניט אַהער, ביז איך קום איהם צו הילף און שלעפּ עס אַרויס פון זיין גאָרגעל. אין דער מינוט האָט ר׳ ליב נעהאַט אַ פּנים פון אַ יודענע, וואָס זי געהט נעבעך שווער צו קינד, און איך בין געוועזען די באָבע, וועלכע פּאָרעט זיך נעבען איהר, טוט מעשים, פּרובט אַלערליי סגולות, כּדי צו העלפען דער יולדה איבערקומען בשלום. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, ס׳איז אַריינגעקומען דער משרת און האָט איבערגעגעבען ר׳ ליב׳ן עפּיס אַ צעטעלע. ר׳ ליב האָט עס איבערגעלייענט און זיין פּנים האָט נאָך מעהר אָנגעהויבען שיינען. ער האָט תיכף אויפ׳ן שטעל אָנגעטאָן די שבת׳דיגע קאַפּאָטע און איז אַרויס פון׳ם שטוב, ווי אַ וויכער.

— די באַרישנע וואָס איז דאָ געוועזען אינדערפריה, האָט דאָס איבערגעלאָזט אַ צעטעלע פאַר אײַער יודען... פאַר אײַך אַליין איז אויך דאָ עפּיס — האָט געזאָגט דער משרת און האָט מיר איבערגעגעבען אַ בריעף מיט אַ שמייכעלע פון אַ עזות־פּנים, אַ נאַטקע־גנב.

דער בריעף איז געוועזען פון דעם יודען, וואָס איך האָב נעכטען בעגעגענט אין גאַס. ער האָט מיר געשריבען, אַז היינט פאַרנאַכט מעג איך קומען צום קאַרלינער.

ז.

זוי דער שטיינער איז פון נאַראָנים, וואָס האָבען ניין מאָס רייד, האָט מיין שוטה דעם גאַנצען וועג זיך גע'חזר'ט אַ לאַנגע דרשה, וואָס איך וועל אָוועקלעגען פאַר'ן קאַרלינער. אין דער דער דרשה הייבט ער דעם קאַרלינער ביז'ן הימעל אַריין, און מיך מאַכט ער נידעריג ביז צו דער ערד. ווי ס'זענען זיך נוהג אחינו בני ישראל, ווען זיי דאַרפען אָנקומען צו דער לאַסקע פון אַ גביר. אַז איך בין אָבער אַריינגעקומען צום קאַרלינער אין שטוב, האָט דער חכם אַ שנעל געטאָן דעם שוטה איבער דער נאָז און יענער האָט פערגעסען די גאַנצע דרשה און האָט געמוזט שווייגען, ווי אַ מצרים־הונד.

דער קאַרלינער איז געזעסען און האָט געלייענט אַ בוך. אויפ'ן טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ, און פוןביידע זייטען זענען געלעגען קופּעס ביכער מיט קונטרסים. אַז איך בין אַריינגעקומען, האָט דער קאַרלינער מיר אויסגעשטרעקט אַ פריינדליכען שלום־עליכם און האָט מיך געבעטען זיצען.

— איך האָב געהערט, — מאַכט ער, — אַז איהר זענט בעקאַנט מיט'ן לעבען פון אונזערע יודען און מיט זייערע פיהרעכצען, האָב איך זיך געוואָלט דורכשמועסען מיט אַייך. ס'איז היינט, פערשטעהט איהר מיך, אַזאַ צייט, וואָס אַלע ריידען פון דער יודישער אומה, אַלע אינטערעסירען זיך מיט איהר. די מיינונגען זענען, ווי איהר ווייסט, זעהר פערשיעדען, פאַרהאַן אַזוינע, וואָס ליבען זעהר שטאַרק דעם יודען און געפינען אין איהם אַ סך מעלות; אַנדערע, פערקעהרט, זעהען אין איהם נאָר חסרונות. איך אַליין בין זיך מודה, אַז איך קען בשום אופן ניט פערשטעהן דאָס יודישע פאָלק. אָפּטמאָל געפין איך אין איהם אַזוינע זאַכען, וואָס זענען סותר איינס דאָס אַנדערע.

— דאָס זענט איהר טאַקי גערעכט, — האָב איך איהם איבערגעריסען די רייד. — אַ יוד איז איין גרויסע סתירה, אָט ווי ער שטעהט און געהט, איין לעבעדיגער „ווידעראַנאַנד": אַ חכם און אַ טפש; אַ בעל־חשבון, ווי אַ אויס־ערעכענטער סוחר, און פול מיט פאַנטאַזיעס, ווי אַ קינד; אַ ברענענדיגער, ווי פייער, און אַ קאַלטער, ווי אייז; אַ מאמין און אַן אַפּיקורס; אַ למדן און אַן עם־הארץ; אַ ענו און אַ מגושם'דיגער גדלן; אַ שעמענדיגער און אַ מחוצף; אַ תקיף און אַ ניונקעלע; אַ ניט־פאָלגער, ווען עס הייסען איהם לייטישע מענשען, און אַ זריז צו מקיים

זיין, ווען ס'בעפעהלט איהם דער שוואַרץ יאָהר ווייסט ווער; אַ ווייבער און אַ האַרטער; אַ גבור ווי אַ לייב, און אַ שרעקענדיגער, ווי אַ האָז; אַ בעל־רחמנות און אַן אַכזר; אַ ותרן און אַ קמצן; אַ אויסגעפּוצטער און אַ שלעפּער אַ מנוול; און נאָך און נאָך אַלערליי סתירות, וואָס אַז איהר ווילט, וועל איך זיי אַייך אויסרעכענען בפרטות.

— פאַוואָלינקע רב מענדעלע, רוהט זיך אָב, זייט מוחל, — האָט געזאָגט דער קאַרלינער מיט אַ שמייכעל, — אַניט וועט איהר מיך דאָך פערפלייצען מיט דעם מבול פון אַייערע סתירות. פון די עטליכע, וואָס איהר האָט אויסגערעכענט, וואָלט מען שוין אויך געקענט מאַכען אַ גאַנצען ספר, ווען מע זאָל זיי וועלען אַרומקלעהרען פון אַלע זייטען. פאַר מיין ענין וועט אָבער זיין גענוג נאָר אַ קליינער טהייל. איך קוק זיך צו צו דער לאַגע פון די יודען אין גלות און איך זעה, אַז אַלע צרות קומען אויף זיי נאָר דערפאַר, וואָס זיי בלאָנקען זיך אַרום איבער פרעמדע מלוכות, ווי די נשמות אין עולם־התוהו. זייער נאַציאָנאַליזם שוועבט אַרום אין דער לופטען, ניט ווי ביי אַנדערע פעלקער, וואו ער האָט הויט און פלייש. און ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ביי די אומות העולם פערנעהמט דער גוף אַ געוויסען פלאַץ אויף דער ערד און זיינע אברים בעשיצען זיי פאַר אַלע אָנשיקענישען און פגעים רעים. אַז אָך און וועה איז אָבער אַזאַ פערוואָגעלט בעשעפעניש, וואָס קען זיך אַליין ניט העלפען, נאָר סע מוז אָנקומען צו עמיצענס לאַסקע. פאַר אחינו בני ישראל איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, אויב זיי ווילען בלייבען ביי'ם לעבען, סיידען זייער נאַציאָנאַליזם זאָל אויפהערען זיין אַ רוחניות און זאָל ווערען אַ גשמיות, ער זאָל האָבען אַ ממשות, דאָס הייסט, ער זאָל זיין פערבונדען מיט אַן אָרט. אָט דאָס וועט אייך דערקלעהרען, פאַר וואָס איך און אַנדערע יודישע פריינד האָבען געקוקט מיט האָפנונג אויף די קאָלאָניעס. מיר האָבען זיך געזאָגט: מה דאָך אַ יחיד, אַ פרט, ווערט ניט געבוירען אַ פאַרטיגער אויף דער וועלט, נאָר ביסלעכווייז וואַקסט זיין גוף און ווערט שטאַרקער, און פאַוואָלינקע, דורך גוטען חנוך און פיינע הדרכה, אַרבייט זיך פון איהם אויס אַ רעכטער מענש, — אַ כל־שכן אַן אומה, אַ גאַנץ פאָלק, קען ווערען גרויס און געזונד נאָר אינ'ם משך פון אַ לאַנגער צייט, ווען עס וועט האָבען גענוג מיטלען צום לעבען און ס'וועט זיך צוגעוועהנען צו פרוכטבאַרער אַרבייט. און אַזוי ווי מיר האָבען אַ קימאַ־לן, אַז יודען זענען מענשען מיט קעפּ און דערצו רחמנים בני רחמנים און גרויסע נדיבים, האָבען מיר זיך געטראַכט: מיט דעם

זכות פון אט די מדות טובות וועלען מיר מצליח זיין. מיר האָבען זיך געזאָגט: זאָלען אָנהויבען בויען דעם ישוב די יונגע, וועלכע האָבען כח און טויגען צו דער אַרבייט, די איבעריגע וועלען זיי אונטערהאַלטען פון דער ווייטענס, יעדערער ווע־ליג זיין פערמעגען, וועט אויף אַזאַ אופן דאָס פאָלק ישראל ביסלעכווייז איינגעוואָרצעלט ווערען אויף זיין ערד, כדי ס'זאָל שפעטער אָנהויבען וואַקסען און בליהען. אזוי האָבען מיר גערעכענט. וואָס זשע איז אָבער געוואָרען דער סוף? יודען האָבען דערהערט: קאָלאָניעס, האָבען זיי גענומען לויפען אָהן א שום ישוב-הדעת: אַלטע זיידעס זענען אַראָב פון די אויוועונס און קאַליקעס האָבען געהאַפט זייערע קוליעס; דער שניידער האָט אוועקגעלעגט די נאָדעל און דער שוסטער די קאָפּיטעס מיט דער אָל; דער מלמד האָט פער־לאָזט זיין חדר און דער בטלן זיין בית-מדרש, און אַלע לויפען, אײַלען, יאָגען און איין איטפעט און בעטען יעדערער א נחלה!..

די לעצטע ווערטער האָט דער קאַרלינער אויסגערעדט האַסטיג, אין איין אָטעם. מ'האָט געזעהען, אַז דער מענש איז א צוקאָכטער. מיר איז דאָס געווען ערגער, איידער מע זאָל מיר געבען צעהן פעטש. איך האָב גוט געפיהלט, וועמען מע מיינט דאָ, און חאָטש מיר האָט שטאַרק פערדראָסען, וואָס ער מאַכט מיך איינגאַנצען אויסצודרעהען, נאָר איך האָב איהם ניט געהאַט, וואָס צו ענטפערען. בין איך געזעסען מיט אַן'אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און געשטומט.

— און איהר מיינט, דאָרט אויפ'ן אָרט איז געווען בעסער? — האָט דער קאַרלינער ווייטער גערעדט. — מ'איז נאָר וואָס אָנגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבען קריעג און רייסעניש און שנאה און קנאה, איינער דורפ'ט דעם אַנדערען, איינער שטעלט אונטער דעם אַנדערען א פיסעל, זוי אמת'ע העגדלער. אַז אָך און וועה! מאוס צו הערען! מיט געלט איז עפּיס אויך ניט אַזוי שטאַרק געהויבען, ווי מ'האָט גערעכענט פריה־ער. יודעלעך חאַפּען זיך ניט, די מדת-הרחמים שווייגט, און געבען ניט מען נאָר, ווען מע קען שוין בשום אופן ניט אָפּזאָגען. אונזערע גדיבים זענען ותרנים אויף א וואוילע עצה, אויף א קרעכץ, אויף א גוט וואָרט, אַז סע קומט אָבער צו דער קעשענע, איז לא מיט אַן'אַלף, ניט זיי מיינט מען. ביי זיי איז דער גראָשען טייערער, ווי דאָס גאַנצע יודישקייט מיט'ן נאַציאָנאַליזם אַ צונאָב... חברים כל ישראל, אַלע יודען זענען חברים, אַלע זענען ערב איינער פאַר'ן אַנדערען, אָבער נאָר אין עניני עולם הבא דאָרט, און וואָס ס'איז שייך דאָ צו דער וועלט,

זענען מיר ווייט אָבגעשיידט איינער פונ'ם צווייטען, יעדערער א וועלטעל פאַר זיך, יעדערער האָט נאָר זיך אין זינען. אַזוינס איז, דאַכט זיך, ניטאָ ביי קיין שום אומה ולשון.

דאָ האָב איך שוין געהאַט א געלעגענהייט צו אָנגעהמען זיך פאַר כל-ישראל'ס קריוודע; אגב האָב איך געוואָלט זיך אַליין אויך אַביסעל פערענטפערען. האָב איך דעם קאַרלינער אַזוי א זאָג געטאָן:

— איהר זענט טאַקי זעהר גערעכט, כ'לעבען, אָבער דאָס, וואָס איהר האַלט פאַר א שלעכטער מדה, איז נאָר א גליק, א טובה פאַר כלל-ישראל, און ווען ניט די דאָזיגע מדה, ווער ווייסט, צו ס'וואָלט שוין גאָר געווען א זכר פון א יודען אויף דער וועלט שטעלט אייך פאָר, ווען יעדער יוד זאָל, אַשטייגער, אויפהערען אין זינען האָבען זיך און נאָר נעהמען קלערען וועגען טובה-הכלל. ווען אַלע יודען זאָלען זיך בע־העפטען צו שיצען די יודישע אומה פאַר איהרע שונאים, — וואָס זשע וואָלט געווען? עס וואָלט פון זיי לאַנג שוין קיין שריד-ופליט ניט גע־בליבען, זיי וואָלטען געוואָרען אָבגעמעקט פון דער ערד, ווי ס'זענען אָבגעמעקט געוואָרען אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען מבטל גע־ווען דעם יחיד, דעם פרט צוליעב דעם כלל און האָבען געמאַכט יד-אחת מלחמה צוהאַלטען געגען אויסוועניגסטע שונאים. די דאָזיגע אַלע פעלקער האָבען בפירוש יאָ אין זינען געהאַט עולם-הזה, זיי האָבען גע־שטעלט אין קאָן זייער לעבען, זיי האָבען געזאָגט: אָדער גובר זיין, אָדער שטאַרבען —, זענען זיי טאַקי געשטאָרבען, ווייל די פיינד זייערע זענען געווען שטאַרקער. אַנדערש איז מיט אחינו בני ישראל. יעדער יוד איז זיך אַנ„עם קטן" — א פאָלק פאַר זיך. אַז מע שלאָגט איינעם, פיהלט ניט דער צווייטער, און אַז אויף איינעם קומט א צרה, אַנ'אָנשיקעניש, א רדיפה, ריהרט עס די איבעריגע ניט אָן: דער פרומער, דער וצדקתך, דאַנקט דעם אויבערשטען, וואָס איהם האָט עס ניט פער־טשעפּעט, און ער בעהאַלט זיך אויפ'ן בוידעם אין א לאָך, ביז די צרה וועט אַריבער; אין דער רייכער — דער מאַכט זיך גאָר כלא ידע, ווי ניט איהם מיינט מען. ער פערשטעלט זיך. כלומרשט קען ער ניט זיינע ברידער, און ער טראַכט זיך: איך בין בעוואָרענט פון כל צרה שלא תבא. ניין, פאַני, די מדה איז גאָר ניט אַזאַ רעכטע, איהר האָט ניט, וואָס צו פאַראיבעל האָבען אויף אונזערע יודען. בעסער זאָלסטו ליעב האָבען זיך אַליין און זיך דער־האַלטען ביי'ם לעבען, איידער זיי זאָלען

זיך מקריב זיין פאַר'ן כלל און זאָלען מיט אַמאָל פערטיליגט ווערען פון דער ·וועלט.

— איך זעה, ר' מענדעלע, אז איהר האָט, קיין עין הרע ניט, אַ שאַרפען מח און קענט דרשנ'ען, דורכציהען אַ העלפאַנט דורך אַ לעכיל פון אַ נאָדעל, מאַכען פון שוואַרץ ווייס, — מאַכט דער קאַרלינער מיט אַ שמייכעל. — אפשר זענט איהר ניט אינגאַנצען אומגערעכט אויך, חאָטש אין פלוג זענען אייערע ווערטער זעהר פליאה'דיג און לעגען זיך ניט אויפ'ן שכל. נאָר ווי די מעשה איז — פאַר דעם ענין, וואָס מיר רעדען דאָ פון איהם, איז די דאָזיגע מדה אַנ'אומגליק, זי האָט אונז שוין אָנגעמאַכט אַ גרויסען שאָדען. מיר ווילען בויען — און זי צושטערט, מיר זוכען שטיינער און צעמענט צו אונזער בנין — און זי גיט אונז צובראָכענע ציגעל און צוברעקעלטע לעהם, וואָס סע טויג אויף צעהנטויזענט כפרות.

דער קאַרלינער האָט געשוויגען עטליכע מינוט און זיך שאַרף איינגעקוקט אין מיין פנים. נאָכדעם האָט ער אַרויסגערעדט בעהאַרצט:

— ר' מענדעלע! וואָס טויג אונז שפּילען אין בעהעלטעניש, לאָמיר בעסער ריידען קלאָרע דבורים. איהר אַליין האָט אַלע אייערע יאָהרען עוסק געווען אין דעם מסחר מיט ספרים, איהר זענט אויסגעווען אין אַלע יודישע שטעדטלעך. איהר האָט זיך צוגעקוקט צום לעבען פון אחינו בני ישראל — און, אָהן חניפה, איהר האָט טאַקי געבראַכט אַ נוץ מיט אייער אַרבייט. ווי זשע קומט איהר איצט אַוועקלעגען אינמיטען דערינען שער און אייזען, ג ר אָ ד איצט, ווען אַזוינע מענשען, ווי איהר, זענען נויטיג, ווען איהר וואָלט עפּיס געקענט האָבען אַ פעולה אי מיט אייערע ספרים, אי מיט אַייערע ווערטער? מיר האָבען איצט אָן אַ גרויסע אַרבייט, מיר דאַרפען איהר אַוועקגעבען אַלע אונזערע כחות — סיי די כוחות פון דעם גוף און סיי פון דער נשמה. וואויל איז דעם, ווער עס האָט גוטע הענד, אַ שטאַרקען גוף און אַ הייסען רצון צו געהן בעאַרבייטען די ערד מיט דעם שווייס פון זיין אייגענעם פנים. מע דאַרף אָבער אויך אַזוינע מענשען, וואָס זייער כח איז ד אָ ס וו אָ ר ט, וואָס זייער גבורה איז די פלאַם־פייערדיגע פען. ריינינגען דאַרף מען, ברודער, אויסראָמען דאָס מיסט און די בלאָטע, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין די שלעכטע צייטען, אַריינטראָגען ליכט אין דעם תהו־ובהו; פון אונזערע קהל'שע עסקים, וואו אַלערליי ווילדע מנהיגים, גאָט'ס סטראַפּטשעס, קאָךלעפעלס, גבאים־נאַראָנים־גראָבע־יונגען, חאַפּ־לאַפּערס פון כל המינים

האָבען ביז אַהער געפיהרט דאָס רעדעל און געטאָן, וואָס זייער האַרץ גלוסט.

— וואָס רעדט איהר? — האָב איך געפרעגט מיט אַ שווער געמיט. — אין אַזאַ שטאָדט, ווי אַייערע, זענען אויך דאָ די דאָזיגע משונה'דיגע ברואים? און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַזאַ אָנשיקעניש נאָר אויף אונז, און אונזערע קליינע, פאַר'עפּוש'טע שטעדטלעך, וואו עס וואוינען קבצנים־דלפנים.

— אוי, ר' מענדעלע, נאָך ווי אַזוי! די דאָזיגע ברואים זענען אַ מכת־מדינה, יודישע וואַנצען זענען דאָס, זיי זענען פערשפּרייט אומעטום, בכל תפוצות ישראל. איהר מעגט מיר גלויבען, ניטאָ ביי אונז איין חברה, איין צדקה־זאַך, וואו ס'זאָל ניט זיין די דאָזיגע מכה. זיי פרעסען דאָס יודישע לייב און זויגען דאָס בלוט פון אַלע אָדערען. ס'ווייזט אויס, נאָך ניט געקומען די צייט, אַז דאָס פאָלק זאָל אַליין קענען פיהרען זיינע קהל'שע ענינים. ס'זענען נויטיג מנהיגים, זייטיגע מענשען, וואָס זאָלען אַרבייטען פאַר'ן כלל. דעריבער ווילען מיר קודם כל איינפיהרען, אַז אין אונזער קהלה זאָל זיין אַ שטיקעל סדר, אַז אַלצדינג זאָל זיך טאָן מיט ישוב־הדעת; מיר ווילען, אַז אַ מנהיג זאָל זיין ניט דער, וואָס האָט די מטבע, נאָר דער, וואָס האָט אַ קלאָרען פערשטאַנד און אַ ריינע נשמה.

— אשרי המאמין! — האָב איך געזאָגט מיט אַ קרעכץ. — צו אַלע שלעק איז דאָ אַ תרופה: צו אַ מכה — אַ פלאַסטער, צו וואַנצען און טאַראַקאַנעס — פערסישער פּראָשעק, צו אַ פערשימעלט מלבוש איז אַ רפואה — לופטערען, אָבער וואָס מע טוט מיט אונזערע יודישע וואַנצען — הויב איך ניט אָן צו וויסען.

— טינט, ברודער! — האָט דער קאַרלינער געזאָגט, דערהויבענדיג זיך פונ'ם אָרט. — גיסט אויף זיי אַ ביסעל טינט, ווייזט זיי פון דער ווייטענס אַ פעדער. פאַר טינט האָבען די דאָזיגע בעשעפענישען מורא, ווי פאַר ווייַרויך, און פאַר אַ פעדער פון אַ שרייבער ציטערט אפילו דער ניט־גוטער אַליין אימת מות.

— די רפואה איז שוין אויך קאַליע, דער ניט־גוטער הערט זי שוין, ווי דער פאַראַיאָהריגען שניי. היינט איז געוואָרען אַ מאָדע אויף „יודישקייט“, מ'האָט זיך אָנגעהויבען אַרומטראָגען דערמיט, ווי מיט אַ טייערען חפץ, האָט זיך באַלד געפונען אַ קאָמפּאַניע צבוע'קעס, ליגנערס, וואָס לעקען דערפון אָב אַ ביינדעל, אפילו דער ניט־גוטער מיט

זיין גאַנצער כּנופיא פֿערשטעלען זיך היינט פֿאַר יודען, כּדי ס׳זאָל זיי גרינגער אָנקומען זייער שוואַרץ-מיאוסע אַרבייט. היינט איז פֿרומקייט געהויבען, דעריבער קוקט מען זיך גאָר ניט אום, וואָס סע טוט זיך אונטער אַ פֿרומע מאַסקע.

— וואָס צו איז איבעריג, צו פֿיעל נאַציאָנאַלע ליעבּ״ קען שאַדען פּונקט אַזוי, ווי עס שאַדט, ווען אַ יחיד האָט אין זינען נאָר זיין אייגענע טובה. דאָס איז אַנ׳אומגליק אי פֿאַר׳ן פּרט, אי פֿאַר׳ן כּלל. אָט דעריבער האָבּ איך טאַקי געוואָלט זיך דורכריידען מיט אייך, ר׳ מענדעלע; מיר וועלען זיין זעהר צופֿריעדען, ווען איהר וועט צושטעהען צו דעם ביסעלע שרידים-יחידים, וואָס מיינען טאַקי מיט׳ן גאַנצען האַרצען די טובה פֿון אונזער פֿאָלק ישראל און ווילען העלפֿען אויפֿבויען די חורבות פֿון זיין נאַציאָנאַלען לעבען. אין אַ שלעכטער צייט איז יעדער מענש טייער. ווער עס קען און וויל — זאָל זיך נעהמען צו דער אַרבּייט. בּעטראַכט זיך, רב מענדעלע! קעהרט זיך אום צו אייערע ספֿרים — און לאָז אייך גאָט העלפֿען הצלחה.

איך האָבּ ניט געהאַט, וואָס צו ענטפֿערען דעם קאַרלינער. איך האָבּ געשוויגען, געקרעכצט און געטראַכט בּיי זיך: „אמת, ס׳איז טאַקי געווען אַ נאַרישקייט, וואָס איך האָבּ זיך אויפֿגעריסען אינמיטען דערינען און אַוועקגעוואָרפֿען די ספֿרים מיט דעם בּיידעל. ס׳איז אַריין אין מיר עפּיס אַ שד, רחמנא לצלן, און האָט מיך געיאָגט אויף דער עלטער און האָט מיר פֿערדולט דעם מח מיט פּוסטע חלומות. אָבער וואָס טוט מען איצט? איך בּין אַ גרויסער עני ואביון און האָבּ ניט קיין קאָפּיקע בּיי דער נשמה.

דער קאַרלינער האָט פֿערשטאַנען, וואָס מיך קוועטשט און ער האָט מיך געטרייסט מיט גוטע ווערטער: ניש׳קשה, ניט געזאָרגט, ס׳וועט זיין רעכט. אַ מענש ווערט ניט פֿאַרפֿאַלען.

~~~~~~~

ח.

אַז איך בּין געקומען אויף דער סטאַנציע, האָבּ איך דערזעהען ר׳ ליבּ דער מלמד איז ווידער ניטאָ אין דער היים. תּחילת איז דאָס

מיר ניט געווען קשה, וואָרום ער פֿלעגט זיך דאָך אַרומשלעפּען אין שטאָדט גאַנצע טעג און כּסדר זיך אומקעהרען אַהיים ערשט שפּעט בּיינאַכט. איך גיעבּ אָבּער אַ קוק — עהע! — פֿון ר׳ ליבּ׳ס זאַכען איז אויך גאָר קיין אבר ניט געבּליעבּען: ניטאָ ניט די וואָכעדיגע קאַפּאָטע אויף דער וואַנד, ניט דער טלית און תּפֿילין, ניט דאָס רענצעל. וואָס זאָל דאָס, טראַכט איך מיר, בּעדייטען? וואו איז דאָס פֿערשוואונדען מיין ליעבּהאַרציגער שותּף? אין דער איינענער מינוט קומט אַריין דער משרת און דערצעהלט מיר, אַז מיין יודליך — אַזוי האָט ער גערופֿען ר׳ ליבּ דעם מלמד — איז געקומען היינט אויפֿדערנאַכט אין גרויס איילעניש, בּעצאָהלט דעם בּעל-אַכסניה פֿאַר סטאַנציע און זיך אָבּגעטראָגען מיט׳ן ביסעל זאַכען. למאי זאָל איך לייקענען? פֿון דער דאָזיגער מעשה האָט זיך בּיי מיר אַביסעל צושפּיעלט די פֿאַנטאַזיע. איך האָבּ מיר אָנגעהויבּען קלערען אַלערליי סבֿרות. מסתּמא איז דאָ שולדיג די פּריצה, וואָס איך האָבּ זי געזעהען געהן מיט איהם. ניט אַנדערש — זי איז דאָ אינדערמיט. אַניט, וואו דען האָט געקענט אַהינקומען אַזאַ יוד ווי ר׳ ליבּ? אַזוי האָבּ איך מיר געטראַכט, און פֿון צופֿיעל טראַכטען האָבּ איך ניט געקענט שלאָפֿען בּיינאַכט, און אַז איך האָבּ שוין יאָ צוגעמאַכט אַנ׳אויג, זענען מיר געקראָכען אין קאָפּ אַריין אַלערליי בּייזע חלומות.

אינדערפֿריה עפֿענט זיך די טהיר און ס׳רוקט זיך אַריין ר׳ ליבּ. ער קושט די מזוזה און זאָגט אויף אַ קול: גוט מאָרגען! איך שווייג און בּעטראַכט איהם פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס מיט אַ פֿינסטערען קוק.

— איך האָבּ צו אייך אַ בּקשה, ר׳ מענדעלע — הויבּט ער אָן שטאַמלען, בּשעת מעשה גלעטענדיג די פּאות און ווישענדיג די נאָז מיט אַ הוסטעלע און אַ קנייטש מיט די פּלייצעס. ווי איינער, וואָס וויל עפּיס זאָגען, נאָר ער קען עס ניט אַרויסבּריינגען פֿאַר׳ן מויל — האָט ניט קיין פֿאַראיבּעל, ר׳ מענדעלע...

— וואָס עפּיס איך? — האַק איך איהם איבּער די רייד — פֿאַראיבּעל דאַרף האָבּען אייער ווייבּ, זאָל לעבּען, ניט איך...

— אַדרבּא, מיין אַלטער וועט עס דוקא הנאה טאָן, אַז זי וועט דערהערען די גוטע בּשורה — ענטפֿערט ר׳ ליבּ עפּיס אויף אַ מין לשון-קודש — מיין אַלטע וועט טאַנצען פֿאַר שמחה, וואָס איהר מאַן האָט דאָ, מיט גאָט׳ס הילף, נושא חן געווען און זיך דערשלאָגען צו אַזאַ מעמד.

— איך בּעט אייך, ר׳ ליבּ — זאָג איך מיט אַ בּיטער שמייכעל —
~~~~~~~

האָט רחמנות אויף מיר און אויף אײַך און רעדט ווי אַ מענש. וואָס איז דאָס פאַר אַ דבוק אין אײַך אַריין די לעצטע צייט, וואָס רק איהר בעבעט עפּיס גאָר טערקיש. בעהיט זאָל מען ווערען... רעדט יודיש, ר' ליב, ווי אַלע יודען, און וואַרפט אַוועק אײַער משוגעת.

— חלילה וחס! — חאַפּט זיך ר' ליב אויף, ווי אַנ'אָבגעבריהטער. — חלילה וחס! הערט פריהער אויס, ר' מענדעלע, וועט איהר זעהען, אַז איהר האָט אַ טעות. וואס זאָל איך אײַך מאריך זיין? ס'איז חדושים ונפלאות, ר' מענדעלע. ממש מויל און אויערען אויפצושטעלען! די אַרעסטער יודען זענען, פערשטעהט איהר מיך, געוואָרען בעל־תשובה'ניקעס, פרומע כשר'ע נשמות, מע קומט זיך צונויף און מע רעדט לשון־קודש!... וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? — שלאָגט ער זיך אַליין איבער, דערזעהענדיג, אַז איך בין שטאַרק פערוואונדערט. — איך דערצעהל אײַך ניט קיין גוזמות, חלילה, כ'האָב אַליין געזעהען מיט מײַנע אויגען און געהערט מיט מײַנע אויערען, איך זאָל אַזוי זעהען אַלדאָס גוטס. וואָס טויג אײַך מעהר? איך בין אַליין געווען אין אַזאַ חברה. אַנ'אַקט, כ'לעבען. בחורים און בתולות, פראָסטע יודען און פערפּוצטע דייטשען מיט קאַפּעלושען און לאַנגע הויזען קומען זיך צונויף און מען מוטשעט זיך נעבעך, מע וויל נאָר ריידען לשון־קודש. איך בין מיר תחילת געשטאַנען אַ צוטומעלטער פון דערוויטענס און געשוויגען, אָבער באַלד האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: וואָס האָב איך זיך צו שעמען? אדרבא, לאָמיך נאָר עפענען אַ מויל, ווי אין מחזור שטעהט: בפצותי שיח להשחיל, וועלען זיי דערזעהען, אַז מײַן נשמה איז ניט פון קלאָטשע, און וואָס איך פערמאָג אין פּיאַטע, פערמאָגען זיי נאָך ניט אין קאָפּ. בקצור, איך האָב זיך טאַקי ניט געקענט אײַנהאַלטען — ושריות שותא און האָב געגעבען אַ זאָג מיט'ן פיוט, מיט יוצרות. נו, זענען זיי געבליבען שטעהן פערגאַפט. איך בין דאָך עפּיס אַ מלמד אויף דער וועלט און געדענק די אַלע גוטע שטיקלעך אויף אויסווענינג. נו, פערשטעהט איהר דאָך, אַז איך האָב געשיט ווי פון אַרבעל, ושפתי, און די לעפצען מײַנע, האָבען געטריפט נופת הויכע מליצות. איך זאָג אײַך, דער עולם האָט גאָר אָנגעקוועלט. די זאָגערס זייערע זענען געווען בעפּלעפט. די דייטשען האָבען זיך מיט מיר גאָר געפרייט, ווי מיט אַנ'אבן טוב, מ'האָט מיך ממש אַרומגעטראָגען אויף די הענד. פון דערוויטענס האָב איך געהערט ריידענדיג: אָט אַזוינע יודען דאַרפען מיר היינט האָבען, דאָס איז דער רעכטער מענש אין דער רעכטער צייט.

נו, וואָס זאָל איך אײַך זאָגען, רב מענדעלע, פון דעמאָלט אָן האָט מיר אָנגעהויבען דאָס מזל שײַנען. איך לעב בטח, זיכערליכען. הערט איהר? אַזוינע יודען, ווי אין אָדעס, וועט איהר ניט געפינען, אפילו אין גלופּסק. אין קאַבצאַנסק אפילו אויך ניט! איהר מעגט זיי דאָרט זוכען מיט ליכט. אָנקוקענדי'ג אײנעם, דאַכט זיך — אַ גאַנצער דייטש. צונעהמט איהם אָבער די פּאָלעס — וועט איהר זעהען אַ טלית־קטן, — אַ אידלאַק מיט אַלע פירושים. איהר פערשטעהט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס?

— מילאָ, נו, בין איך אײַך מוחל, זאָל שוין זיין געלשון־קודש'ט — מאַך איך מיט אַ שמייכעלע — איך בין אָבער אַ בעלן צו וויסען, וואָס בעטײַט דאָס מיידעל?... עפּיס געהען צו אײַך מיידלעך און מע שרײַבט אײַך בריוועלעך, ר' ליב — האַ, וואָס הייסט דאָס?

— דאָס מיידעל? — ענטפערט ר' ליב בתמימות און דאָס פּנים שײַנט בײַ איהם פאַר שמחה — דעם פשט פונ'ם מיידעל ווילט איהר וויסען? ס'איז אַ לשון־קודש־מיידעל, אַ כשר'ע יודישע טאָכטער, כ'לעבען. זי האָט עס אויף זיך גענומען מיר צונויפשטעלען אַ חדר, איך זאָל האָבען אַ שטיקעל מעמד. אַ מדובר האָב איך געהאַט מיט איהר, אַז באם זי וועט געפינען עפּיס רעכטס, וועט זי מיר תיכף געבען אַ ידיעה אויף דער אַכסניא. וכך היה, זי האָט זיך טאַקי בכבודה ובעצמה מטריח געווען אַהער מיר אָנזאָגען די גוטע בשורה. איצט האָב איך אַ קנעלונג בײַ אַ היגען בעל־בית, איך לערען מיט זײַנע דרײַ קינדער און עס מיר טאַקע דאָרט קעסט. אַצונד בין איך נאָר געקומען בעטען אײַך, ר' מענדעלע, איהר זאָלט מיר מוחל זיין...

— אַודאי איז דאָס ניט שעהן פון אײַך — פאַל איך איהם אַריין אין די רייד — ס'טײַטש, ווי בעהאַלט מען דאָס פון אַ שותף אַזאַ גליק! פּיין, כ'לעבען, האַ?

— נאָט איז יודע דעם אמת, ר' מענדעלע, אַז איך האָב אײַך אַלצדינג געוואָלט דערצעהלען פון אָנהויב אָן. נאָר וואָס דען? ס'איז פשוט קיין צייט ניט געווען. יעדערער פון אונז האָט זיך געהאַט זײַנע געשעפטען, געווען פערטרוד'ט טאָג ווי נאַכט. אחוץ דעם האָב איך דערקענט אָן אײַער נאָז, אַז עפּיס שמעקט אײַך ניט מײַנע דרכים. מילא, קענט איהר צו מיר אין דעם פרט קיין טענות ניט האָבען. וואָס זשע דען וויל איך איצט? איהר זאָלט מיר מוחל זיין דעם תקיעת־כף און צורייסען דאָס שותפות־כתב, וואָס מיר האָבען געמאַכט. אַדרבא, בעטראַכט זיך נאָר אַליין — האָט ער מיר גענומען אײַנריידען — במה

דברים אמורים, חען איך האָב אַנ'אייגענע דירה מיט אַנ'אייגענער בעל־הבתישקייט, איז מהיכתיתי, וואוינט איהר ביי מיר אין דירה און עסט מיט מיר ביי איין טיש. איצט אָבער, אַז איך אליין זיץ אויף קעסט ביי יענעם, מיט וואָס פאַר אַ יושר קען איך נאָך צונעהמען צו מיר מיין שותף אויך? ווי זאָגט זי דאָרט, די גמרא: אין אורח מכנים אורח.

— יאָ, אָבער פאַר וואָס זשע האָט איהר גאָר לכתחילה אָנגענומען אַזאַ שטעלע, וואָס קען מבטל זיין אונזער שותפות? פע, ר' ליב, איהר האָט עובר געווען אויף דעם תקיעת־כף, נישקשה, איהר ווערט מוחל זיין צאָהלען קנס...

געזאָגט האָב איך דאָס נאָר אויף קאַטאָוועס: איך האָב געוואָלט זעהען, וואָס וועט מיר ענטפערען אַזאַ יוד, ווי ר' ליב. אין האַרצען האָב איך איהם שוין לאַנג מוחל געווען. אדרבא, ס'האָט מיר דוקא הנאה געטאָן, וואָס איך פּטר אַזאַ שותף.

— אָ, דערפאַר איז ניטאָ, וואָס מורא צו האָבען, דאָס האָב איך בעוואָרענט באַלד טאַקע ביי אונזער אָבמאַך — ענטפערט ר' ליב גלעטענדיג די באָרד און לאַכענדיג מיט אַ חיטרע געלעכטערעל. — באַלד טאַקע ביים שליסען אונזער שותפות, האָב איך מוסר מודעה געווען פאַר כשר'ע עדות, אַז דאָס טו איך פאַר נויט. בין איך על־פי דין פּטור...

וואָס מיר מוסר־מודעה, ווען מיר מוסר־מודעה! גאָט איז מיט אייך! ס'איז דאָך, האָט קיין פאַראיבעל ניט, מעשה רמאי! נויט — זאָגט ער! ווער האָט אייך גענויט? ווי עפענט זיך דאָס אַ יודען אַ מויל צו זאָגען אַזוינס? — זאָג איך, באמת טאַקע ווערענדיג אין כעס, אַז אַ מלמד אַנ'ערליכער יוד זאָל זאָגען אַזאַ ליגען — וואָס הייסט עס, ר' ליב? איך האָב אייך גענויט?

— ניט איהר, ר' מענדעלע, ניט איהר, חס וחלילה — ענטפערט ר' ליב מיט אַ שווערען זיפץ. — די נויט, די נויט האָט מיך געיאָגט, דער דלות האָט מיך געטריעבען צו עסקים, וואָס ניט פאַר מיר, ניט פאַר מיינע יאָהרען. אוי, די צרות, ר' מענדעלע, האָבען מיך ניט געלאָזט איבערקלייבען, מיך געצוואונגען געהמען, וואָס עס קומט נאָר צו דער האַנד. פרנסה, רב מענדעלע!...

די דאָזיגע עטליכע ווערטער, וואָס ר' ליב האָט אַרויסגערעדט אָהן שום זייטיגע כונות, זענען געווען אַ קלאָרער תירוץ אויף דעם לויפעניש און דער בהלה פון די קאַבצאַנסקער יודען. ניטאָ אויף וועמען

פאַראיבעל צו האָבען, ניטאָ וועמען צו זידלען. פרנסה!.. עס פערקלעמט מיר פאַר גרוים רחמנות דאָס האַרץ און איך זאָג מיט אַ ביטער געמיט:

— אוי, זענט איהר גערעכט, ר' ליב! מיר זענען אַלע גאָר ניט אַזוינע נאַראָנים, חלילה, מיר פערשטעהען אויך, ווי ס'בעדאַרף זיין, ווער צו וואָס עס פּאַסט, נאָר די צרות, די צרות נעהמען ביי אונז אָב דעם שכל. איך בין אייך מוחל, ר' ליב, מוחל פון גאַנצען האַרצען. זאָל אייך גאָט העלפען, איהר זאָלט האָבען פרנסה אָהן קאָפּ־דרעהעניש אָהן יאָגעניש, חאָטש אויף דער עלטער זיך אויסרוהען און עסען דאָס זינדיג שטיקעל ברויט אָהן צער, מיט אַ רוהיג געמיט, זייט אייך איהר דאָ געזונד — און איך וועל פאָהרען אַהיים צוריק אין אונזערע מקומות אַריין.

— איך מוז אייך זאָגען, רב מענדעלע, אַז איהר טוט, מחילה, אַ נאַרישקייט, וואָס איהר ווילט פאָהרען אַהיים. זייט וויסען, אַז נעכטען איז אַהער אָנגעקומען אַ נייע קאָמפּאַניע קאַבצאַנסקער יודען — קיין עין הרע ניט, אַ היבשע מחנה. פון אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך פון גלופּסקער געגענד קומען אויך אָן טאָג־טעגליך גאַנצע מחנות און זיי דערצעהלען, אַז מע קלויבט זיך ערשט אין וועג אַריין, מע וועט פאָהרען איש על מחנהו — יעדער כולל בעזונדער! קאַבצאַנסקער כולל, טונעיאַדעווקער כולל, גלופּסקער... ווער ווייסט, ס'קען נאָך מיט דער צייט אויס ווערען דער גאַנצער תחום.

— נישקשה, ר' ליב, האָט ניט קיין מורא. דער יודישער תחום איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט ניט אויסגעשעפּט קיינמאָל. קאָמפּאַניעס געהען, קאָמפּאַניעס קומען, און קאַבצאַנסק און גלופּסק וועלען בלייבען אייביג.

ט.

מיט מיה און מאַטערניש האָב איך זיך אומגעקעהרט קיין גלופּסק. אַריינפאָהרענדיג אין שטאָדט אַריין, האָב איך מיך געפיהלט אַזוי, ווי עס פיהלט זיך אַ פראָש, ווען זי קעהרט זיך אום, נאָך אַ לאַנ־

נען שפּאַציערגאַנג איבער דער יבשה, צוריק אין איהר בלאָטע אַריין און טוקט זיך אונטער ביז איבער די אויערען. איך האָב געזעהען בחוש, אַז איך און גלופּסק זענען אַ זווג מן השמים: מאַקע נאָר צווישען די מייניגע, אין גלופּסק און אין אַנדערע אַזוינע יודישע מקומות, בין איך אַ מענש מיט מענשען גלייך.

געהענדיג ערב שבת פון'ם מרחץ, די ערשטע וואָך ווי איך בין אָנגעקומען אַהיים, זעה איך, עס שלעפּט זיך באַרג אַרויף אַ פערדעל מיט אַ גרויסען פאַס וואַסער. דאָס פערדעל איז געביך מיעד, סע האַלט זיך קוים אויף די פיס. דער רוקען אויסגעבויגען, אַזוי אַז סע סטאַרטשעט אַרויס יעדער ביין, די זייטען הויבען זיך און פאַלען, ווי אַ בלאָז-זאַק, די צונג אַרויסגעשטעקט, דער אָטעם מיט אַ סווישטש. דאָס פערדעל ציהט נעבעך, וויפיעל עס האָט כח, דער וואַסער-פיהרער נעהט ביי דער זייט, שמייסט מיט דער בייטש און שעלט מיט טויטע קללות. כ'טו אַ קוק אויף דעם בידנע בעשעפעניש און דערזעה — אוי! — ס'איז דאָך מיין פערדעל, מיין געטרייע קליאַטשע, וואָס האָט מיר געדיענט אַזוי פיעל יאָהרען! אַז אָך און וועה, וואָס פון איהר איז איצט געוואָרען. דער הינטער-טייל אָבגעפאַלען, דער עק אויסגעפליקט, אויסגעצופּט, די הויט דאַר ווי אַ שפּענדיל, איינגאַנצען פון קאָפּ ביז די פיס איין וואונד, איין גרויסע מכה; פון דעם רעכטען אויג רינט. דאָס פערדעל האָט זיך אָבגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף מיר, אַ רויסלאָזענדיג אַ טיעפען זיפץ. אוי איז דאָס געווען אַ קוק! ער האָט גערעדט מעהר, ווי מ'וואָלט געקענט דערצעהלען מיט ווערטער; ער האָט געווינט, געקלאָגט זיך אויף זיין ביטער מזל, געיאָמערט: געוואַלד! פאַר וואָס קומט דאָס מיר! געוואַלד, ווי קען מען האָבען אַ האַרץ, נעהמען אַ לעבעדיג גאָט'ס בעשעפעניש, און פייניגען עס מיט אַרבייט איבער די כוחות. אין דעם זיפץ האָב איך געהערט ווי אַ פערטרויערט קול, אָנגעזאַפּט מיט טרעהרען: „שלום עליכם, ר' מענדעלע, דאָס בין איך דיין פערדעל, וואָס האָט דיר געדיענט אַזוי פיעל יאָהרען, געשלעפּט מיט חשק יודישע ספרים! פאַרוואָס זשע קומט עס מיר מיך צו-דערוויטערען אויף דער עלטער, אָט דאָס איז דער לוין פאַר געטרייע אַרבייט!" —

דער וואַסער-פיהרער אָבער לאָזט ניט אָפּ די בידנע קליאַטשע, שמייסט זי מיט דער בייטש, שילטענדיג: וויאָ, פגירה! ריר זיך, נבלה!

איך האָב ניט געקענט צוזעהען די יסורים פון מיין פערדעל, און געטראַכט: וואַרט, ס'וועט נאָך קומען אַ ישועה אויף דיר אויך.

דעם זעלביגען שבת-צו-נאַכט האָב איך אויסגעלייזט דאָס פערדעל פון דעם וואַסער-פיהרער'ס הענד. איך האָב אַרויפגעלעגט אויף איהם דעם עול-תורה און, ניש'קשה, ניט צו פערזינדיגען, עס שלעפּט מיין פיידעל און פערשפּרייט השכלה צווישען יודען עד היום.

~~~~~~~~
~~~~~~~~

אין דער ישיבה של מעלה און ישיבה של מטה

א.

אין דער יְשִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה.

איך וועל אײַך דערצעהלען אַ מעשה, ווי אַזוי איך האָב אַמאָל
געהאַט אין וואַרשע אַנ'עלית-נשמה. דאָס איז גראָד ניט געווען פון יענעם
סאָרט עלית-נשמה, וואו דער גוף קלייבט זיך טאַקי פריש און געזונד
אויף דער וועלט, עסט און טרינקט און טוט זיך אָן אַלערליי וואויל-
טאָג, בשעת די נשמה איז ערגיץ נעלם געוואָרען ואיננה — חאָטש גע-
זוך זי מיט ליכט. ניין, ביי מיר האָט טאַקי דער גוף, בּמחילה, געמוזט
נאָכטאַנצען נאָך דער נשמה: הויבען הענד, אונטערשפּרינגען מיט די
פיס, דראַפּען זיך פון דעם פּאָל אויפ'ן פּענסטער, פונ'ם פּענסטער אין
הויף אַריין, פונ'ם הויף אויף אַ וואַנד, פון דער וואַנד ווידער אין
אַ הויף, פון דאָרט אין אַ הויז אַריין, פונ'ם הויז אויף אַ לייטער, פונ'ם
לייטער אויפ'ן בוידעם, העט-העט, אין אַ ווינקעלע, אונטער דער
סטריכע.

איהר'ט אַמאָל געזעהען, ווי אַזוי סע שפּרינגען און סע הויבען
זיך בּולבּעלעך אויף אַ וואַסער? מיינט ניט, אַז דאָס טוט זיך מיט
נסים, אַז מלאכים שפּיעלען זיך דאָ. ניין, די מעשה איז פּשוט בּתכלית
הפשטות: סע וואַרפט עמיצער אַריין אַ שטיין, אָדער מע דערוואַרימט
דאָס וואַסער, הויבּט עס אָן זיך הויבּען. אַזוי האָבען זיך דעמאָלט גע-
הויבען אחינו בני ישראל, געדראַפּעט זיך, געקלעטערט, וואָס העכער.
ס'איז, ניט היינט געדאַכט, געווען דעמאָלט אַ קאָבעניש, אַ געוואלד,
אַ געפּילדער. שטיינער זענען געפלויגען, האַמערס האָבען געפּלעט יודי-
שע קעפּ, שויבען האָבען געקלונגען. . . . .

אין אַזאַ מין בהלה האָב איך זיך אויך מישב געווען און פערלאָזען די ...ינדיגע ערד און בעקומען עלית־נשמה.

דער לייטער איז געווען משונה הויך און סטרימקע, און דראַפּעדיג זיך מיט ציטערדיגע קניה און מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם לייטער, וואָס יעקב אבינו האָט געזעהען אין חלום, אַנטלויפענדיג פאַר זיין ברודער עשו. איך האָב אַ שאַרף געטאָן דעם מוח, און ס'איז מיר באַלד פאַרענטפערט געוואָרען, וואָס דער פסוק איז דאָ אויסען. דער לייטער, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ רמז אויף יעקב אבינו'ס קינדער. ער שטעהט אָנגעברייט פאַר אונז, יודעלעך, פון ששת ימי בראשית, און דורות קלעטערען אַרויף און קריכען וויעדער אַרונטער... איך מוז זיך מודה זיין: דער נייער דרש מיינער האָט מיר געטאָן ווילד הנאה. איך האָב זיך געפרעהט, אַ שטייגער, ווי עמיצער, וואָס געפינט אַ כשר'ע מציאה, איך האָב מיר געטראַכט אין מיין האַרצען: אַז וואויל און גוט איז דיר, פאָלק ישראל, וואָס דיין תורה שטעהט דיר ביי אין די נויטען, וואָס זי העלפט דיר, וואו דו קעהרסט זיך און ווענדסט זיך. מיט איהרע טייערע דרשות פערזיסט זי דיר דאָך ביטערקייט פון דיין לעבען, מיט איהרע ליעבע מעשיות פערשלעפערט זיך דיך, ווי אַ מאַמע איהר קינד אויף דעם שויס, צוליעב איהר פערגעסטו דיינע וועהטאָגען און צרות, זיסע חלומות ברייננען דיר טרייסט אין האָפנונג, אַ שטילער שמייכעל בעשיינט דיין פנים בשעת אין די אויגען שטעהען נאָך טרעהרען, ווי ליכטיגער טהוי אויף די גראָזען. און ווען אַרום און אויף דער וועלט איז פינסטער חשך, ניטאָ קיין אמת, ניטאָ קיין גערעכטיגקייט, ניטאָ קיין ליעבע און קיין שלום, נאָר קנאה און שנאה, גזלה און רציחה פון אַלע זייטען, — עפענט זי דיר די טויערען פינ'ם הימעל מיט איהרע הגדות, און דו זעהסט געטליכע געשטאַלטען, שוועבסט אויף די פליגלען פון דיין פאַנטאַזיע צווישען כתות פון הייליגע מלאכים, טראָגסט זיך אַוועק וועיט־ווייט, אין וואונדערבאַרע וועלטען. אַ צערטליכע מאַמע איז זי צו דיינע אומגליקליכע יתומים, אַ רייכע סעודה פאַר דיינע הונגעריגע און דאָרשטיגע קינדער, אַ טייערער אוצר פאַר דיינע פיעלע אביונים; אַ ליעבע פרוי איז זי צו דיינע פרושים, אַ חנ'ודיגע כלה צו דיינע ישיבה־בחורים און תלמידי־חכמים. איהר ליעבע פילט אָן זייער נשמה, איהר געשטאַלט איז שטענדיג פאַר זייערע אויגען, און זיי גלעטען זי און האַלובען זי און שעפּען תענוג פון איהרען אַ בליק און געפינען אין איהר אַלע טאָג אַ נייעם טעם. אַז

גוט און וואויל איז דיר, פאָלק ישראל, וואָס דו ביזט געבענשט מיט אַזאַ ברכה! — די דאָזיגע געדאַנקען האָבען מיר אונטערגעגעבען כח, און איך האָב געקלעטערט, מיט דעם אויבערשטענ'ס הילף: גיך און גרינג, ווי אַ קאַץ, ביז איך געקומען אין דער ישיבה של מעלה.

און אַזוי ווי איך בין דאָרט געוואָהר געוואָרען זעהר אַ סך ניצליכע זאַכען, האַלט איך עס פאַר מיין חוב צו דערצעהלען וועגען זיי מיינע ברידער, כדי זיי זאָלען זיך היטען, ווען ס'וועט קומען זייער צייט צו קריכען אויפ'ן בוידעם, און ס'זאָל זיך זיי ניט טרעפען דער אייגענער כבשול, וואָס מיר.

אַ יוד, אַז ער קומט אַרויף אויפ'ן בוידעם, זאָל ער למען השם זיך אַנידערזעצען נאָהענט ביי דער טהיר און זיך ניט ריהרען פונ'ם אָרט, ביז ער וועט אַביסעל אָבחאַפּען דעם אָטעם און זיך צוגעוועהנען צו דער פינסטערניש, וואָס הערשט אַרום און אַרום. און ער זאָל זיך ניט אַרומדרעהען אַהין און אַהער איבער'ן בוידעם, בשעת ס'איז איהם נאָך פינסטער אין די אויגען, כדי ער זאָל אַליין ניט געשעדיגט ווערען און ניט שעדיגען יענעם, חלילה, און ער זאָל ניט אַרומגעהן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, כדי ער זאָל זיך ניט אָנשלאָגען אָן דער קראָקיוע און ניט בעקומען אַ בייל. און געדענקען זאָל דער יוד, אַז אפילו אויפ'ן בוידעם, וואו קיינער זעהט איהם ניט און הערט איהם ניט, איז ער אויך ניט פריי, ווי אַ פויגעל. און ווער ס'וועט הערען די דאָזיגע עצות און וועט זיי מקיים זיין, ווען ער וועט געהויבען ווערען בשעת אַ מהומה, וועט איהם זיין גוט און וואויל, אמן סלה.

ואני — און איך מענדעלע, אַז איך בין געקומען אַרויף, האָב איך ניט אַזוי געטאָן: איך האָב זיך גענומען אַרומדרעהען צווישען די באַנטעס, ווי ניט אין זיך, אַלץ געאײַלט זיך, געטאַפּט, געפאַלען און וויעדער אויפגעשטאַנען און געבראָדזיעט, ווי אַ בלינדער, ביז איך האָב דערהערט — עמיצער קרעכצט.

— אוי, מיין פּוס! פאַוואָליע מיין פּוס!

דערהערט דאָס קול, טו איך אַ פאַל אַנידער, ווי גרויס איך בין, און שלאָג זיך אָן אָן עפּים טעפּ און קרינלעך. די טעפּ פּלאַצען מיט אַ טראַסק, איך בלייב ליעגען ניט טויט ניט לעבעדיג, די שערבלעך און שטיקלעך גלאָז שטעכען מיך פון אונטען, און ביי דער זייט פיהל איך — עמיצער באָברעט זיך: שטויב, פּונקט ווי איך. איך קוק זיך איין — דאַכט זיך אַ יוד, כ'וואָלט געמעגט שווערען. אויב אַזוי, ווערט מיר

אביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען. איך שטעק איהם אב א שלום-עליכם, ער ענטפערט מיר עליכם-שלום. איך פרעג איהם: מה שמכם? ענטפערט ער מיר אליהו. פרעגט ער מיך — זאג איך איהם: מענדעלע מוכר ספרים. נו, ווי דער מנהג איז ביי יודען, ס'געהט ניט אוועק קיין פינף מינוט, זענען מיר שוין איינער מיט'ן אנדערן א נאהענטער שטעלקע און מע דערצעהלט זיך בכל מכל כל. ר' אליהו, ווער איך געוואהר, איז א ליטוואק. ער פערמאגט א ווייב מיט זעקס קינדער, זיין פרנסה איז — מעקלעריי, אויפ'ן בוידעם איז ער ארויף ווי איך, דורך עלית-נשמה בשעת דעם שטורעם. איך פון מיין זייט דערצעהל איהם אין איין אטעם, מיט וואס איך האנדעל, פון וואנען איך קום, וואס איך האב דא אין שטאדט פאר געשעפטען, וואו ארום איך קום אויפ'ן בוידעם. מיר טוט שטארק הנאה, וואס איך האב דא געטראפען א לעבעדיגען מענשען, איך בין זיך ממש מחיה. ניט אומזיסט זאגט דער פסוק: מה טוב ומה נעים — ווי גוט און וואויל איז, ווען ברידער זיצען אין איינעם אפילו אויפ'ן בוידעם.

געזעסען זענען מיר אזוי הויך, אז דער רעש און דאס געפילדער פון דער שטאדט האט זיך דא געהערט זעהר שוואך. האבען מיר דעריבער געקענט שמועסען, וויפיעל דאס הארץ גליסט, דערצעהלען איינס דעם אנדערן מעשיות מיט פאטשטען, ווי אין א שוהל אדער א בית-מדרש להבדיל. ר' אליהו האט מיר דערצעהלט, אז דער בוידעם, וואו מיר געפינען זיך איצט, איז איבער א שטאל פון בהמות און אז דער בעל-הבית פון דעם הויף איז א יוד, א סימן — די פסח'דיגע כוסות און טעפלעך, וואס איך האב צובראכען. מסתמא, מאכט צו מיר ר' אליהו, זיצט דער בעל-הבית אליין אויך ערגיץ וואו אויפ'ן בוידעם אין א ווינקעלע בעהאלטען, סע העלפט ניט, וואס ער האט אנ'אייגענעם הויף מיט שטאלען מיט כל-טוב. ווארום קריכען אויפ'ן בוידעם איז ביי יודען א מצות עשה שהזמן גרמא — און די מצוה איז חל אויף אלע יודען, גרויס און קליין, ווייבער און קינדער. אגב האט מיר ר' אליהו איבערגעגעבען אייניגע פרטים פון דער דריי-גארענדיגער שנאה, וואס מיר זעהען אין ווארשע: דער פוילישער יוד האט פיינט דעם ליטווישען יודען; די פרומאקעס, די גאט'ס סטראפטשעס, קענען ניט אנקוקען די היינטוועלטיגע אפיקורסים, און דער גוי האט פיינט אלע יודען צוזאמען, סיי ליטוואקעס, סיי היימישע, סיי אויפגעקלעהרטע, סיי פרומע. די יודען צווישען זיך רייסען זיך פאר כבוד, קריכען איינער דעם אנדערן אויפ'ן

קאפ, בלאזען פון זיך און זענען מאדנע בעלי-גאוה'ניקעס, אבער נאר דעמאלט, ווען זיי האבען צו טאן מיט אחינו בני ישראל. קומט זיי אבער אויס צו בעגעגענען זיך מיט א גוי, זענען זיי שטיל, ווי די קאטינקעס: מע זידעלט זיי — און זיי שווייגען, מע שפייט זיי אין פנים אריין — און זיי מאכען זיך ניט וויסענדיג, מע גיעט זיי קלעפ — און זיי בוקען זיך און קניען מיט גרויס הכנעה...

אינמיטען שמועס, ר' אליהו האט נאך ניט אויסגעדערצעהלט אפילו א העלפט יודישע שבחים, ווערט ער פלוצלונג אנטשוויגען און טוט א שמארע מיט דער נאז, אקוראט ווי ער האט דערשמעקט עפיס א פריקרע זאך.

— וואס איז אייך, ר' אליהו? — פרעג איך איהם פערוואונדערט — וואס זענט איהר מיר אנטשוויגען געווארען אינמיטען דערינען?

— דער בוידעם האט אויערען! — שעפטשעט ר' אליהו דערשראקען און לעגט ארויף א פינגער אויפ'ן מויל, ווי איינער רעדט: פתח שין שא!

מיר זיצען מיט קלאפענדיגע הערצער: פון ערגיץ א ווינקעל לאזט זיך פלוצלינג הערען א גערויש, ווי עמיצער סאפעט, עמיצער ניסט.

— גוים! — זאג איך שטילערהייד און ציטער מיט אלע אברים.

„יא, געווים, אזוי איז דאס. דער איינגענער טרעלבויך. די אייגענע זקנה, די אייגענע לאנגע פאות. כ'וואלט איהם דערקענט אפילו אנ'אבגעשונדענעם" — אזוי רעדט ר' אליהו צו זיך אליין, און צו מיר דרעהט ער זיך אויס און זאגט:

— גרייט זיך, רב מענדעלע, מקבל-פנים זיין אנ'אמת'ען ווארשעווער יודען, א ווארשעווער פון קאפ ביז די פיאטעס, א ווארשעווער מיט אלע פישטשיווקעס, מיט אלע תנועות, מיט אלע העוויות. זיין נאמען איז ר' שמשון. אליין איז ער א האלבער חסיד, א האלבער עם-הארץ. דאכט זיך א בעל-הבית, און פונדעסטוועגען א קבצן. ליטוואקעס האט ער פיינט ווי חזיר און מיך אויך ניט וועניגער ווי אלע. ער האט דאס דערהערט, ווי מיר שמועסען צווישען זיך. איז דאס איהם אריין אין דער נאז, האט ער אנגעהויבען ניסען... אט שטעלט ער זיך אויף די פיס... אט קוקט ער. אט רירט ער זיך פונ'ם ארט... אט נעהט ער צו אונז אלעמאל נעהענטער...

ר' אליהו האט ניט אויספייעט אויסריידען — אהא, יענער איז

שוין דאָ. ער קוקט זיך איין אין אונזערע פנים'ער און שריים אוים מיט אַ שמחה:

— ר' אליהו! אַ טייערער גאַסט! וואָס מאַכט איהר עפּים גוטס.

— ברוך הבא ר' שמשון! — ענטפערט איהם ר' אליהו מיט אַ פרעהליכער מינע. — האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך וואָלט אייך אודאי מכבד געווען מיט אַ פּאָטער-שטוהל, ווי עס קומט אַזאַ שעהנם יורען. ווי איהר, נאָר וואָס טוט מען, אַז מ'איז אין גלות. זיצט, ר' שמשון, לאָזט זיך ניט בעטען.

— איך זאָל דערזעהען דעם אייגענעם טאַטען, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז ס'וואָלט ביי מיר ניט געווען אַזוי אָנגעלעגט, ווי אַז איך האָב דערזעהען אַייך, ר' אליהו. אַ קאַטאָוועס, אַזאַ גוטער פריינד, אַזאַ אַלטער חבר. ס'איז, זאָג איך אַייך, טאַקי אַ גליק, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפען. און ווער איז דער יוד? — פרעגט ר' שמשון, פאַרקאַטשענדיג די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע און זעצענדיג זיך נעבען אונז.

— דאָס איז אַנ'אָנגעפאָהרענער, אַ ליטוואַק, — ענטפערט ר' אליהו.

— אַ קאַבצאַנסקער בין איך, ניט קיין ליטוואַק, קאַבצאַנסק איז אין גלופּסקער סביבה, פון דאָרט בין איך אַ געבוירענער און אַ דאָרטיגער בין איך כל ימי, — רופט איך זיך אָב מיט אַ טענה, ווי איינער, וואָס וויל פון זיך אַראָבנעהמען אַ מיאוס'ען בלבול.

— ס'איז היינו הך! — ענטפערט ר' אליהו מיט אַ שמייכעל. — ווער ס'איז ניט אַ געבוירענער אַ וואַרשעווער, רעכענט זיך דאָ פאַר אַ ליטוואַק.

— נאַרישקייטען! וואָס איז דאָ פאַר אַ נפקא מיניה, צו אַ ליטוואַק, צו אַ וואַרשעווער; מיר זענען אַלע יודען, און יודען זענען ברידער.... שלום עליכם! וואָס הערט זיך עפּים ביי אַייך אין קאַבצאַנסק? — פרעגט מיך ר' שמשון מיט אַ ויפּץ און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ביי אַייך אין קאַבצאַנסק וואָס הערט זיך עפּים גוטס? דער אויבערשטער זאָל זיך שוין מרחם זיין איבער אונזערע יודען.

ביי אונז אין קאַבצאַנסק און אין די אַרומיגע שטעדט — ענטפער איך כמשיח לפי תומו — זענען מיר שוין אָבגעקומען די צרות, ברוך השם, נאָך פאַראַיאָהרען אין דער צייט, און איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן, פאַר וואָס איז עפּים ביי אַייך אַ נדחה, ווי קומט איהר זיך אַזוי פאַרשפּעטיגט — אַזאַ גרויסע יודישע קהלה!

— פון אַייערע רייד, ר' מענדעלע, קען מען פערשטעהן — מישט זיך אַריין ר' אליהו — אַז די צרות זענען עפּים אַ מ ו ז, אַזוינס וואָס אַלע יודען זענען מחויב דאָס איבערצוקומען, אַ שטייגער ווי דער מנהג פון כפּרות; ביזטו אַ יוד, טאָ מוזטו זיין דאָס כפּרה-הינדעל... און ביי אונז אין וואַרשע, שטעלט אַייך פאָר, האָט מען גערעכענט, אַז דאָס איז נאָר אַ קאַבצאַנסקער קרענק, אַז דאָס איז אַ אָנשיקעניש אויף די קאַבצאַנסקער יודען פאַר זייערע בעזונדערע חטאים. דעריבער האָבען די פרומע יודען ביי אונז זיך גאָר אינגאַנצען געמאַכט ניט וויסענדיג פון דעם קאַבצאַנסקער אומגליק, און די דייטשען אונזערע האָבען געזאָגט עפענטליך „ברוך דיין אמת", כדי צו ווייזען דער וועלט, אַז ביי זיי איז ניטאָ קיין משוא פנים, ס'מעג זיין אַנ'אייגענער אָדער אַ פרעמדער. זיי האָבען זיך דערמיט, פערשטעהט איהר מיר, געוואָלט אויספיינען, ווייזען, ס'אַראַ לייטישע מענשען זיי זענען.

— און איצט וואָס זאָגען זיי? איצט, אַז מ'האָט זיי דערוויזען באותות ומופתים...

אין דער מינוט דערפ'הל איך אַ שטאַרקען קוועטש אין זייט און ווער אַנטשוויגען פאַר פּחד און וועהטאָג. דאָס האָט מיר ר' שמשון דערלאַנגט אַ קוועטש מיט כל אמצי כח און אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף עפּים אַ נפש, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אונז, אָנגעטאָן ווי אַ דייטש, מיט אַ קאַפּעלוש אויפ'ן קאָפּ. ר' אליהו האָט אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען מיט דער נאָז און בעטראַכט איהם פון ווייטען, נאָכדעם זאָגט ער:

— ניש'קשה, ס'איז אַנ'אייגענער, איינער פון אונזערע דייטשען, וואָס האָבען זיך געמוזט מטריח זיין צו אונז איבער זכות-אבות.

דער דייטש האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען. ער איז צוגעגאַנגען און האָט זיך פאַרניינגט מיט אַ ליעבליך שמייכעלע, זים ווי האָניג.

— שלום עליכם, ברידער, בני ציון היקרים! — זאָגט ער צו אונז מיט אַ ווייך קול. — ווי גליקליך בין איך, וואָס איך טרעף דאָ אייגענע מענשען. ערלויבט מיר זיך אַנידערזעצען נעבען אַייך און שעפּען פון אַייערע קלוגע ווערטער. יודען אַז זיי רייררען, איז תמיד דאָ וואָס צו הערען און פון וואָס איך אָבצולערנען, וואָרום זייער שמועס איז פול מיט וויץ און מיט חכמה.

— א י ה ר רעדט דאָס, פאַני אַלבערט! — רופט זיך אָן רב

שמשון, שרעקליך פערוואונדערט. — איהר זאָלט דאָס וועלען זיך סקאָפּאַניען מיט פּראָסטע יודען!.. פאַן אַלבערט בכבודו ובעצמו!..

— זייט זשע מוחל, ר' שמשון, רוקט זיך אָב אַביסעלע, וועל איך זיך זעצען, — ענטפערט דער דייטש מיט אַ פריינדליכען שמייכעל. — עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איך טרעף דאָ אַזאַ טייערען בעקאַנטען. איהר האָט דאָך נאָך געקענט מיין פאָטער עליו השלום. וואָס זאָגט איהר, ר' שמשון, געוועזן אַן'עהרליכער יוד, האַ?

— אייער פאָטער פייבוש, זכרונו לברכה, האָב איך טאַקי זעהר גוט געקענט, — ענטפערט ר' שמשון — געוועזן אַ כשר'ער יוד, אַזאַ יאָהר אויף מיר, רבונו של עולם. איך זעה איהם נאָך איצט ווי אַ לעבעדיגען, מיט זיין הדרת־פנים, מיט דעם גרויסען אַרבע כנפות, מיט דער לאַנגער באָרד און די געגרייזעלטע פאות. איהר האָט טאַקי זיין אָנבליק, פאַני אַלבערט, די אייגענע נאָז, דער אייגענער פנים, ר' פייבוש מיט אַלע ביינדלעך. נאָר... ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטען, אַז ר' פייבוש וועט נאָר הייסען פאַביאַן און זיין זוהן אברהמ'ל — אַלבערט.

— ניט דער נאָמען איז דער עיקר — פערענטפערט זיך דער דייטש, — גלויבט מיר, ר' שמשון, אַז אין הארצען בין איך אַ נאַציאָנאַליסט, אַ גרויסער נאַציאָנאַליסט.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקי, — זיפצט ר' שמשון און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — אָט דאָס איז דאָך טאַקי דער אומגליק, וואָס איהר זענט אַ פּאָלנער גוי. אָבער אויף אַזוי פיעל האָב איך גאָר ניט חושד געוועזן, איהר זאָלט נאָך זיין אַ נאַציאָנאַליסט דערצו אויך!

— וואָס רעדט איהר, ר' שמשון! — צולאַכט זיך דער דייטש, — נאַציאָנאַליסט הייסט אַזוינער, וואָס איז איבערגעגעבען, צוגעבונדען...

— צוגעבינדען, שעהנע דרשות! — קרימט זיך ר' שמשון, — וועמען דערצעהלט איהר מעשיות? אויב דאָס איז די טייטש נאַציאָנאַליסט, איז שפּיפּון שוין גאָר ניט די טייטש פּיפּערנאָטער, נאָר אַ קיה איז געפלויגען איבער'ן דאַך און געלעגט אַן'איי... אדרבא, לאָמיר פרעגען [illegible]ט די יודען, וואָס וועלען זיי זאָגען.

— לאָזט געמאַך, ר' שמשון, וואָס האָט איהר צו זיי — פּרוב איך זיך אָננעהמען די קריוודע פונ'ם דייטש, וואָס איז נעבעך מגולגל געוואָרען אויפ'ן בוידעם און זוכט אַ בעהאַלטעניש אונטער די פליגעל פון דעם יודישקייט. — דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס זיי מיינען מיט'ן

וואָרט. און זיי האָבען אייך דאָך געזאָגט בפירוש, אַז זיי זענען איבערגעגעבען צום יודישען פאָלק און צוגעבונדען צו איהם מיט'ן גאַנצען הארצען.

— מליצות פערשטעה איך ניט — האָט זיך ר' שמשון פערעקשנ'ט און געוואָרפען מיט הענד און מיט פיס. — איך ווייס מעהר ניט, אַז אַ יוד — איז אַ יוד — ווייטער גאָר ניט. זיין פאָטער ר' פייבוש — דער איז געווען אַ יוד, מקיים געווען אַלע תרי"ג מצוות און אַלע יודישע מנהגים: אויפגעשטאַנען צו חצות, געפאַסט תעניתים, געזעסען ערב תשעה באב אַנ'איי מיט אַש, געוויינט און געקלאָגט אויף חורבן בית המקדש. דאָס הייסט ביי מיר אַ יוד, אָהן חכמות, אָהן אויסערשפּיצלעך, פּראָסט פשוט אַ יוד, אָהן שום מליצות...

— ווען איהר וואָלט ווערט געווען ביי גאָט, ר' שמשון, וואָלט איהר פערשטאַנען דעם פשט פון די דאָזיגע מליצות און וואָלט געוואוסט, וואָס סע שטעקט אין זיי טיעף טיעף.

אַזוי זאָגט מיין ר' אליהו און לאָזט זיך אריין אין אַ האַרבען שמועס וועגען יודען און יודישקייט. פאַרהאַן, מיינט ער, פערשיעדענע מדרגות צווישען די נשמות פון אחינו בני ישראל; איין נשמה איז ניט גלייך צו דער אַנדערער ניט מיט איהרע נטיות, ניט מיט איהרע גענג, ניט מיט איהר שליחות אויף אונזער זינדיגער ערד, וואָרום יעדע נשמה האָט זיך אַנ'אַנדער שורש, יעדע שטאַמט פון אַ בעזונדערער וועלט. אָט, למשל, אַזוינע יודען ווי פייבוש — זייער נשמה איז פון דעם עולם המעשה, זי ווייסט נאָר פון טון, זי טראָגט אָהן טענות ומענות דעם עול פון דער תורה, דעריבער קומט איהר גוים צו ליידען אויף דער וועלט צרות מיט וועהטאָגען מיט שלעק, דעריבער ווייסט ניט אַזאַ ר' פייבוש פון קיין חיי שעה און אַלע זיינע יאָהרען זענען איין לאַנגע קייט פון מאַטערניש און פּלאָג... פאַרהאַן אָבער יודען מיט גאָר אַנדערע נשמות: ביי זיי לעבט דאָס יודישקייט נאָר אין דער פּאַנטאַזיע, אין דעם כח הדמיון, זייער קראַפט איז נאָר אין ריידען, זייער אַרבייט איז זאָגען שירות ותשבחות...

אַזוי האָט ר' אליהו גע'דרשנ'ט פאַר אינז, און וואָס ווייטער, איז ער פערקראָכען אין העכערע דרכים, פערטיעפט זיך אַזוי שטאַרק, אַז מיר זענען געזעסען ווי געפּלעפט, אַביסעל צוטומעלט, און האָבען גאָר זיך ניט אומגעקוקט אויף אַ נייע פּאָר יודען, וואָס זענען ארויסגעקראָכען פון די לעבער און זיך צוגערוקט צו אונ

א קוק געגעבען אויף די יודעלעך, האט מען באלד געקענט דערקענען, אז זיי געהערען צום „עולם המעשה". ביידע מאגערע, דארע ווי די חארטען, נאר מיט דעם חלוק, וואס איינער איז א דארער און א לאנגער, דער אנדערער א דארער און א קורצער, ביידע רירעוודיגע, ספריטנע, האלטען, דאכט זיך, אין איין לויפען. פון די דאפעלטע אברים טוט ביי זיי יעדערער א בעזונדערע ארבייט: איין אויג קוקט קיין צפון, דאס אנדערע קיין דרום; דאס רעכטע בעטראכט עפיס אויבען, דאס לינקע פערפליהט גאר קיין בויבעריק; איין אויער הערט, וואס מע רעדט דא, דער אנדערער חאפט פון דער לופט, וואס מע רעדט ערגיץ אנדערש, דערפאר די נאז טוט צוויי שליחות'ן מיט אמאל: ערשטענס סאפעט זי אין שמעקט און נישטערט, צווייטענס פערקרימט זי זיך משונה, דרעהט זיך אהין און אהער און זעהט אויס אזוי, אקוראט ווי זי מעקלערט עפיס ביי די איבעריגע חושים, אקוראט ווי זי העלפט זיי אין זייער ארבייט. איהר טוט א קוק אויף אזא מין דרעה מיט דער נאז, פערשטעהט איהר באלד אויפ'ן שטעל, וואס דאס אויג זעהט און דער אויער הערט, וואס דער מוח קלעהרט און דאס הארץ פיהלט, פערשפארט איהר שוין ווארטען, ביז דאס מויל וועט אייך דערצעהלען אלצדינג איינס און איינס. גענוג איין „עט!", א פאר אבגעהאקטע ווערטער, א סמאטשקע מיט די ליפען — און פארטיג, איהר ווייסט שוין אויף קלאר, וואס מען מיינט. ווען מען רעדט, למשל, פון יודישע פרנסות, איז דאס מויל גאר ניט ביכולת צו מסביר זיין אלצדינג אזוי פערשטענדליך, ווי די נאז. איין קרים, איין שמארע מיט א משונה ביי-קול — און מע זעהט שוין בחוש: א נעכטיגער טאג, א זאך וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, עט. א פוסטער נארישער חלום!.. די הענד ביי אונזערע יודעלעך רוהען ניט א רגע: זיי טאפען כסדר זיך און יענעם, שטופען אייך, טארען אייך פון פארענט און פון הינטען, פערקריכען צו אייך אין בארד און פאות און פערטייטשען אייך וואס מע רעדט, דרעהענדיג מיט די פינגער.

אין פלוג זענען די אלע שעהנע יודישע מדות גאר ניט קיין נייעס. וויפיעל אזוינע יודעלעך בעגעגענט איהר אין גאס לויפענדיג, איילענדיג, אונטערשפרינגענדיג, ארבייטענדיג מיט אלע אברים, קריכענדיג איינער דעם אנדערען אין פנים אריין, — און איהר קוקט זיך אויף זיי גאר ניט אום. אבער דא, זיצענדיג בישיבה של מעלה, איז מיר געווארען, אויף זיי קוקענדיג, ניט גוט ביז צום חלש'ן. עפיס מאדנע געדאנקען האבען מיר אנגעהויבען קריכען אין כח. עפיס זענען מיר זייערע תנועות,

זייערע פיהרעכצען געווארען אזוי פריקרע, אזוי פרעמד, אקוראט ווי איך זעה זיי דאס ערשטע מאל.

רבונו של עולם! — האב איך מיר געטראכט — אלע מענשען, וואס דו האסט בעשאפען אין דיין געשטאלט, זענען זיך נוהג מיט זייער גוף, ווי מיט עפיס רעכטס, האלטען איהם אין חשיבות, און די נשמה זייערע יאגט איהם ניט און מארדעוועט איהם ניט; א מענש, כל זמן ער לעבט, טוט ער זיך זיין ארבייט רוהיג, זיכער, ווי א בעל-הבית אויף דער וועלט, זיינע אברים ריהרען זיך פאוואליע, איינגעהאלטען, יעדערער אין זיין צייט. טו אבער א קוק אויף דיינע יודעלעך, ווי זייער גוף איז צובראכען, צושרויפט, צורודערט. זייער נשמה איז ענג אין איהר דירה, שפארט זי זיך ארויס און בלייבט הענגען אויפ'ן שפיץ נאז; זי טרייסעלט מיט זייער יעדען אבר, ציהט פאר אלע אדערען, שמייסט זיי, ווי א בעל-עגלה זיינע פערדלעך, שטופט זיי און שטויסט זיי און טארעט זיי און ברעכט זיי, און זיי ציטערען און פלאטערען און יאגען זיך און איילען און ווארפען זיך ווי אין קדחת! רבונו של עולם, א משונה פאלק זענען דיינע יודעלעך, איך פערשטעה זיי ניט!

און ווי איך קלער מיר אזוי, פליהט ארויס א טויב פון איהר נעסט אין ווינקעל בוידעם און בלייבט שטעהן אויף א בעליק פונקט אנטקעגען מיר. זי שפרינגט אהין, אהער, זוכענדיג א קערענדעל, זי שוועבט העכער, נידעריגער, פיקט מיט'ן שנעבעלע, שטעלט-אויס דאס קעפעל און קוקט זיך ארום. דערזעהען, אז איך קוק אויף איהר, טוט זי א מאך מיט די פליגלעך, און בלייבענדיג שטעהן פון ווייטען, שטרעקט זי אויס דאס העלזעלע, פיגטעלט מיט די אויגעלעך, און קוקט, קוקט אויף מיר אזוי טרויעריג, אקוראט ווי זי וויל מיר זאגען: אוי, רב מענדעלע, ס'זאל אייך גאר קיין חידוש ניט זיין, וואס איך בין אזא שפרינגערקע, אזא פלאטערדיגע, מיין ביטער מזל נויט מיך דערצו. מיינע עלטערען און מיינע עלטערענס עלטערען האבען ניט געוואוסט דערפון: זיי האבען צוזאמען מיט אנדערע פויגלען געלעבט אויף א שעהנער אינזעל אינמיטען ים; דארט איז געווען א רחבות, קיינער האט זיי ניט געטשעפעט, קיינער האט זיי קיין בייז ניט געטאן, פלעגען זיי זיין געלאסען, רוהיג, זיכער, און האבען ניט געוואוסט, וואס ציטערען הייסט. זינט אבער די שונאים זענען אויפגעשטאנען צו לויערען אויף מיר, בין איך געווארען גאר אנ'אנדער פויגעל: איך שרעק זיך פאר יעדען שארך, איך ציטער פאר יעדען קוק, אפילו מיין גוף און מיין נאטור האט זיך

אינגאַנצען פערביטען. און וואָס איהר פרעגט, פון וואַנען דאָס נעהמט זיך, זאָלט איהר וויסען, אַז אַלע פערענדערונגען, וואָס קומען פאָר אינ׳ם גוף און אין דער נשמה פון אַ בעשעפעניש צוליעב די פערשיעדענע טרעפענישען פון זיין לעבען, ווערען איבערגעגעבען בירושה פון דור צו דור, אַזוי אַז די קינדער קומען ניט ווילענדיג אַרויס אויף דער וועלט שוין פאַרטיגע, מיט אַ געוויסען חאַראַקטער. אַזוי איז דער כלל. געדענקט זשע דאָס און פרעגט מעהר ניט קיין קשיות.

— אוי. טייבעלע טייערס! אוי, ליעבע כנסת־ישראל! — האָב איך געזיפצט מיט אַ שווער האַרץ.

„טאָ פרעגט זשע ניט קיין קלאָץ־קשיות"... — דערהער איך פלוצים ריידען נעבען מיר, און עמיצענס אַ האַנד חאַפּט מיך אָהן ביי דער קניע און טאָרעט מיך. דאָס האָט דער לאַנגער יוד זיך געאַמפּערט מיט׳ן קורצען, נאָר איך האָב ביז אַהער ניט געהערט זייער וכוח, וויל איך בין געווען פערטיעפט און געדאַנקען. איך קוק זיך אום: דער קורצער איז שטאַרק פערפלאַמט, האַלט מיט ביידע הענד זיין חבר ביי דער פּאָלע און רעדט, טענה׳ט, קאָכט זיך פאַר די איבעריגע, ווי איינער אויף אַ דין־תורה:

— בלאָטע שבבלאָטע, זאָג איך אייך, פוסטע דבורים!.. וואַרט אַ ווײלע, לאָזט מיך — היצט זיך דער קורצער און שפרינגט דעם לאַנגען אין פנים אַריין, צופּענדיג איהם ביי דער פּאָלע — הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, הערט! די מעשׂה דערפון איז אַזוי, מיר געהען צום וואָקזאַל נעהען מיר, איך און ער, פלוצים אַ רעש, אַ געפּילדער... זאָג איך איהם: רב יעקב, קומט, זאָג איך, אַניט פערשפּעטיגען מיר דעם יריד אין בויבעריק! מאַכט ער צו מיר: איך האָב מורא פאַר די כלבים האָב איך, אַ קשיא אויף אַ מעשׂה, זיי קענען מיר נאָך וואַרפען אַ שטיין, ימח שמם זאָלען זיי ווערען. זאָג איך: וואָס איז, איהר זענט עפּיס אַ פּאָרצעלייענער אָדער אַ גלעזערנער, זענט איהר, וואָס איהר ציטערט אַזוי פאַר אַ קלאַפּ? קומט, ברודער, זאָג איך איהם, בויגט איין, זאָג איך, דעם קאָפּ און לאָמיר נעהן, וואָרום פּרנסה איז ניט קיין שפּילכעל — פּרנסה, און אַז מיר פערשפּעטיגען דעם יריד ליעגען מיר בײד ע, ברוך השם, אין דער ערד ליעגען מיר. מיינט איהר, ער הערט? רעד צו דער וואַנד און רעד צו איהם איז אַלץ איינס. איך זאָג: בויבעריק! און ער טענה׳ט: כלבים! איך בעט זיך ביי איהם:

ס׳טייטש, יריר! און ער ענטפערט: ער האָט מורא! גאָט איז מיט אייך, זאָג איך איהם, ר׳ יעקב, וואָס טוט ניט אַ יוד צוליעב פּרנסה? ס׳איז דען עפּיס אַ נייעס איז דאָס? ס׳איז דאָך מעשים בכל יום. זאָג איך, אַ יוד שטעהט דאָך תמיד אויס אַלערליי שלעק און מאַכט זיך גאָר ניט וויסענדיג דערפון. אם כן, זאָג איך, מורא האָבען פאַר אַ קלאַפּ — וואָלט מען דאָך געדאַרפט גאָר אינגאַנצען זיך אַוועקלעגען און שטאַרבען, שונאי ציון, זאָג איך צו איהם. אפילו גבירים, זאָג איך, בויגען זיך אין דרייען, קריכען אויף אַלע פיער און זענען מקבל באהבה אַ קלאַפּ און אַ שפּיי אין פנים, אַבי פּרנסה. ווער שמועסט אַזוינע אביונים ווי מיר... ניט געזאָרגט, רב יעקב! זאָג איך צו איהם, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט האָבען מיר. פערגעסט ניט, זאָג איך, אַז מיר זענען קבצנים, עניים, דלפנים, זאָג איך, פערגעסט ניט, אַז איהר האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ ווייב מיט קינדער אָהן אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה; פערגעסט ניט, זאָג איך, אַז איך, אייער שותף, האָב אויך אַ פולע שטוב מיט קינדער, קיין עין הרע, אַז אונזערע טעכטער פערזיצען אָהן נדן, אַז די מלמדים רייסען די הויט שכר למוד, אַז דער בעל־הבית מאָנט דירה־געלד, אַז דער יריד איז אונזער גאַנצע אָנהאַלטעניש, דער יריד זאָג איך. נאָר גיה, רייד, טענה, אַז סע נעהמט איהם ניט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין, ניין און ניין! וואָס זאָגט איהר מיר, מאַכט ער, בויבעריק, רב שמואל? איך האָב מורא, זאָגט ער; אפילו צו די רויטע יודעלעך וועל איך ניט געהן איבערן סמבטיון, וויל ער וואַרפט מיט שטיינער, זאָגט ער, אַ כל שכן קיין בויבעריק. און וואָס מיינט איהר — כך הוה! ער נעהמט די פיס אויף די פּלייצעס און לויפט, איך פוץ נאָך איהם! הערט, רבותי! ס׳איז דאָך אַנ׳אַקט מיט אַ יודען, זאָג איך אייך. ער האָט מורא פאַר נזלנים האָט ער — און אַליין איז ער אַ גזלן אויף זיין אייגענע ווייב און קינדער און אויף מיר, זיין שותף — אַנ׳אמת׳ער גזלן, זאָג איך אייך. אַ מענש שטאַרבט סיי ווי זיעבען מאָל אַ טאָג פאַר הונגער — און דאָ איז ער פלוצים געוואָרען אַ ציטעריגער, ער האָט מורא פאַר שטאַרבען. אַז אָך און וועה איז מיר, זאָג איך אייך, אַז אָך און וועה צו מיינע גאָלדענע געשעפטען. אַז סך־הכל זיץ איך דאָ און דער קאָפּ איז מיר אין בויבעריק! געוואַלד, יודען, דער י ר י ד, דער יריד, יודען!..

אַזוי רעדט שמואל דער קורצער, זיפצענדיג מיט אַ שווער געמיט.

און דערביי שטרעקט ער אויס אַ האַנד און טאַפּט אָן רב שמשונ'ס בויך.

— דער וועהטאָג איז אודאי זעהר גרויס, מיר מוזען אָבער מקבל זיין באהבה אַלצדינג — פּרובט רב שמשון צו טרייסטען שמואל דעם קורצען, און דערביי רוקט ער זיך אָב, כדי יענעמס האַנד זאָל איהם ניט דערלאַנגען. — זאָרגט ניט, רב שמואל, דער אויבערשטער וועט אייך ממלא זיין. נאָך אַ שעה, צוויי, וועט ווערען שטילער, וועט איהר קענען פאָהרען קיין בויבעריק...

— הערט, אַט דאָס טענה איך דאָך! — חאַפּט זיך אויף ר' יעקב — ס'טייטש, אַט דאָס האָב איך איהם דאָך געזאָגט פון אָנהויב אָן: ווילט ניט זיין קליגער פון אַלע יודען, ר' שמואל. „חבי כמעט רגע", ווי אין פסוק שטעהט. לאָמיר איבערוואַרטען, זאָג איך, ביז ס'וועט ווערען שטילער. נאָכדעם וועלען מיר פאָהרען גלייך מיט אַלע יודישע סוחרים...

— ע ר זאָגט! — קרימט איהם איבער ר' שמואל דער קורצער, שפּרינגענדיג אויף ר' יעקב'ן און אָנמרעטענדיג איהם אויף די פינגער פון די פיס — ע ר זאָגט, פססס... געהערט אַ גרויסע חכמה! „ס'וועט ווערען שטילער"! אז סך-הכל ווערט דאָך ק י י נ מ אָ ל ניט שטילער. זינט די יודען זענען אין גלות. אַדרבא, מיר וואָלטען געמעגט וואַרטען... אונז, יודעלעך, וועט שוין זיין גוט אָדער אויף יענער וועלט, אָדער לשנה הבאה בירושלים... און אז ניט, טאָ מאַך ניט קיין טענית: געה, רוק זיך, בן-אדם, און זאָל דער אויבערשטער פיהרען, ווי ע ר פערשטעהט. אונזערע עלטערען האָבען אויך שטענדיג געבויגען דעם קאָפּ, און פונדעסטוועגען האָבען זיי, ניש'קשה, געמאַכט גאָר ניט קיין שלעכטע געשעפטען..

אַט אַזוי האָט זיך געצויגען דער שמועס, ביז ס'איז אַרויפגעקומען אויף מסחר, און אויפ'ן בוידעם איז געוואָרען אַ יריד. יודען ר י י ד ע ן וועגען משא ומתן, ווייזען אַרויס זייער חריפות, יודען האָבען טאַקי שטאַרק חשק צו מאַכען עפּיס אַ געשעפטעל, שלעפּט מען אַרויס פון דער קעשענע און מע ווייזט איינער דעם אַנדערען פּראָבעס, און מע טרעפט אַ מקח, און מע דינגט זיך. נאָר איך האָב ניט געהאַט, וואָס אַריינצורײדען, וואָרום מה אנו [illegible] חיינו, וואָס איז סך-הכל מיין מסחר — יודישע ספרים, וואָס קיינער דאַרף זיי ניט און קיינער וויל זיי ניט קויפען. בין איך מיר געזעסען אַ פערצאָגטער, און אין די אויערען האָבען מיר אַלץ געקלונגען שמואל דעם קורצענ'ס ווערטער. שרעק-

ליכע בילדער האָבען זיך מיר פאָרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע, אַ געוועב פון שווערע נסיונות האָט זיך געצויגען פאַר מיינע אויגען. אין דעם געוועב פאַרפּלעלען זיך, ווי פליגען ביי דער גסיסה, אַלערליי סוחרים און מעקלערס און חלפנים און קרעמערס און הענדלערס און שדכנים און אַנדערע יודען מיט משונה ווילדע פּרנסות. אַלע מאַטערען זיך, מוטשען זיך אויפ'ן טויט, שרייען געוואַלד — די פּרנסה קימט זיי אָן ערגער ווי קריעת ים סוף. אַלע לעבען אין הוילע ציטערניש, קיינמאָל ניט זיכער מיט לייב און לעבען. אַלע קלאָגען זיך, בעוויינען זייערע וויסטע יאָהרען, זייער שפלות, זייערע חרפות בזיונות, וואָס סע קומט זיי אויס צו ליידען בגלוי ובסתר, יעדערער וועדליג זיין פּרנסה. אַ בייטש, אַ אימדערבאַרעמדיגע בייטש הענגט איבער יעדען פון זיי, אַ צורר — אַנ'אַכזר פעראומערט דאָס לעבען, פערשוועכט דעם כבוד, פער'מאוס'ט יעדע אַרבייט, מאַכט אַ תל פון דעם מענשענ'ס נשמה... די בילדער וועבען זיך, ציהען זיך, גאַנצע מחנות פערקלאָגטע, פערביטערטע, געפּייניגטע, צעוועהטאָגטע געהען דורך פאַר מיינע אויגען, און זייערע קולות, זייערע זיפצען, זייערע קרעכצען גיסען זיך צונויף אין איין מורא'דיג געזאַנג, וואו עס הערט זיך דאָס מיאַוקען פון קעץ, דאָס פּישטשען פון מייז, דאָס בילען פון הינד, דאָס געפּילדער פון טשערעדעס, דאָס הילכען פון דונערס, דאָס פּייפען פון שטורעם-ווינדען, דאָס רוישען פון שטאַרקע, ברייטע, מעכטיגע טייכען. אוי, איז דאָס אַ געזאַנג! אַזוי זינגען שדים, רוחות, מלאכי-חבלה אין פינסטערען גיהנם, ווען זיי טאַנצען מיט ווילדע מכשפות אויף זייערער אַ חתונה פאַר סמאַל'ן און זיין ווייב לילית.

— אוי, שמואל, שמואל, וויפיעל וועהטאָגען דיינע ווערטער האָבען אויפגערירט אין מיין האַרצען! אוי, סע טוט אַזוי וועה... הער זשע אויף, שמואל, לאָז געמאַך! — האָט עפּיס געשריגען אין מיין נשמה.

איך האָב זיך אויפגעהויבען און בין צוגעגאַנגען נעענטער צו דער חברה, כדי צו פערטרייבען די שווערע געדאַנקען.

דאָרט איז געווען שטיל. דער עולם האָט געזיפצט, יעדערער פאַר זיך, און מעהר פון אַלע רב שמשון, וועלכער האָט זיך אַלע ווײַלע געקראַצט, געטאַפּט זיך ביי'ם בויך, געקנייטשט מיט די פּלייצעס. געמאַכט מאָדנע העוויות, בעלעקענדיג זיך אַלע מאָל מיט דער צונג און שלינגענדיג דאָס שפּייעכץ, ווי איינער רעדט: אוי, געוואַלד, עסען!..

רב שמשונ'ס מאָגען, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ פּראָסטע בריאה, זוי אַלע מאָגענס; ער וויל גאָר ניט וויסען פון די אַלע חקיר אין

שפּאַרענישען וועגען עקאָנאָמישע געזעצען און וועגען מענשליכע רעכט און ויע־ען אַנדערע אַזוינע טיעפע ענינים; ער געהט זיך מיט זיין גאַנג, אַז אַ מענש מוז עסען, וואָרום אויף דערויף איז ער בעשאַפען געוואָרען, אַ מענש מוז זאָרגען פאַר זיין קישקע כל זמן ער לעבט, און דאָ העלפען ניט קיין שום וכוחים און קיין שום לאָדענישען. רב שמשון'ס מאָגען האָט געשריגען אין איין אָטעם: עסען! די איבעריגע מאָגענס, מיינער אויך בתוכם, האָבען אונטערגעהאָלפען, און אַלע אינאיינעם האָבען געזונגען איין מזמור: עסען, עסען, עסען!

גאָט גרייט אָבער אָן די רפואה פאַר דער מכה. אַנטלויפענדיג האָב איך מיטגענומען מיט זיך דאָס רענצעל, וואו עס איז געווען אַ היבש ביסעל צדה לדרך; איצט האָב איך אָנגעהויבען טאַפּען אַרום און אַרום און אַז איך האָב עס מיט מזל געפונען, האָב איך געבעטען דעם עולם עסען. יענע איז געוואָרען ליכטיג אין די אויגען, ווען זיי האָבען דערזעהען די טייערע מאכלים: ברויט און רעטעך און אוגערקעס און ציבעלעס און קנאָבעל נאָר באַלד איז די שמחה פערשטערט געוואָרען און אַלע האָבען אַראָבגעלאָזט די נעז: ס'טייטש. ניטאָ קיין וואַסער צום וואַשען. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מע זאָל גאָר דערצו ניט געפּרובט ווערען: מענשען זענען הונגעריג, סע פאַלט זיי אַרויס די נשמה, און דאָ ליגען פאַר זיי אַזוינע געשמאַקע סאַטראַוועס, און זיי טאָרען ניט געניסען. סע איז געווען ווי מיט יענעם זינדיגען אין גיהנם, וואָס סע הענגען איהם איבער'ן קאָפּ צווייגען אָנגעזויצט מיט די בעסטע פירות. און אַז ער וויל זיך צורירען צו זיי, רוקען זיי זיך אָפּ העכער. הקיצור, מיר האָבען געהאַט, לא עליכם, שטאַרקע האַרץ־קלעמעניש, ביז דער אויבערשטער האָט זיך אויף אונז מרחם געווען און מיר האָבען זיך דערמאָנט, אַז בשעת הדחק מעג מען אָבּרייבען די הענד אין די באַלקענס פונ'ם דאַך איז מען אויך יוצא. מיר, פּשוט'ע יודען, האָבען ניט געמאַכט קיין סך שהיות און האָבען געריבען די הענד אין יעדען בעליק, וואָס האָט זיך אונז געטראָפען. דער דייטש אָבער, וואָס איז געווען אַ גרויסער צוכט, האָט זיך אָבגעשיידט פון דעם איבעריגען עולם און איז גענאַנגען זוכען אַ ריינע קראָקווע. זוכענדיג, האָט ער געפונען אין עק דאַך אַ פול קריגעל מיט וואַסער און האָט עס בכבודו ובעצמו געבראַכט צו אונז מיט גרויס שמחה. מיר האָבען זיך געוואַשען, ווי עס געהער צו זיין, און אָבגעווישט די הענד מיט אונזערע פּאָלעס מחילה. רב שמשון האָט מיט איין פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע געווישט זיינע אייגענע ידים און די אַנדערע

פּאָלע האָט ער געגעבען דעם דייטש, וועלכער איז ביי איהם דערהויבט געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ בעל־תשובה.

— היט זיך, רבותי, דאָ זענען פסח'דיגע כלים! — האָט דער דייטש אונז געוואָרענט בשעת'ן עסען, כדי צו בעריהמען זיך מיט זיין יודישקייט. — דאָס זענען געווים פסח'דיגע כלים און דער גרויסער כוס דאָרטען איז דער כוס פון אליהו הנביא. זייט זשע מוחל, רוקט זיך אָב אַביסעל ווייטער, כדי ס'זאָלען ניט פאַלען אַהער קיין ברעקלעך, חלילה.

אַלע האָבען זיך אָבגערוקט, קוועלענדיג פאַר נחת. איך בין אויך פרעהליכער געוואָרען און גענומען בעטראַכטען די קאָמפּאַניע.

— וואָס איז דאָס? — פרעג איך פערוואונדערט, דערזעהענדיג, אַז ר' שמשון איז אָנגעטאָן אינ'ם דייטש'ס קאַפּעלוש און דער דייטש אין ר' שמשונ'ס ווידענעם קאַשקעט און ביידע האָבען אַ פּנים פון חוזק. — וואָס האָט איהר דאָס פלוצים פערביטען די יוצרות?

— איצט זעהט איהר שוין, רבותי, האַ? וואָס האָב איך דען געזאָגט פריהער: רב מענדעלע, קיין עין־הרע זאָל איהם ניט זיין, האָט פּשוט געחאַפּט אַ דרעמעל. איצט זעהט איהר שוין אַליין, אַז איך בין גערעכט! — אַזוי זאָגט ר' שמשון צו דער קאָמפּאַניע, און אַליין קוועלט ער אָן, שמעלצט זיך ממש פאַר שמחה, אַקוראַט ווי ער האָט ווער ווייסט וואָס אויפגעטאָן. — יאָ, רב מענדעלע, איהר האָט, ס'זאָל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, אַביסעלע אונטערגעדרעמעלט, ווייסט איהר ניט, וואו מיר האַלטען אין דער תפלה. הער אַלבערט...

— רופט מיך ניט אַלבערט, — האַקט דער דייטש איהם איבער די רייד, — רופט מיך אברהם, מיר האָבען דאָך אַזוי אָבגערעדט.

— וואויל, יישר כחכם! — זאָגט ר' שמשון, און דאָס פּנים שיינט ביי איהם, ווי די זון אינמיטען תמוז. — בשעת איהר, רב מענדעלע, זענט געשלאָפען, האָבען מיר געבעטען אָט דעם אָדון ר' אברהם, ער זאָל מוחל זיין זיך אַרויפדראַפּען אויף די באַנטעם און אַ קוק געבען, וואו האַלט עס אינדרויסען... אויף דראַפּען זיך און קרעטערען, מוזט איהר וויסען, איז ער טאַקי אַנ'עלוי, אַ תכשיט, אַ גאון בישראל. נאָר וואָס דען, דעם קאַפּעלוש זיינעם האָט זיך בשעת מעשה געטראָפען אַ מכשול: ער האָט זיך אָנגעשטויסען אָן אַ קראָקווע און איז אַראָבגעפאַלען. ס'איז דאָך אָבער אַנ'עבירה, אַ יוד זאָל קריכען בגלוי ראש, האָב איך איהם געגעבען מיין קאַשקעט און אַליין אָנגעטאָן זיין ספּאָדיק. פּארו עלי ופארי־

עליו. איצט איז ער טאַקי אַן אמת'ער פּ י י ב ו ש מיט אַלע ביינדלעך. איך קוק איהם אָן און איך האָב באמת הנאה, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען! אַ קלייניגקייט — זכות אבות. ניט אומזיסט זאָג מען: אַ יודישע נשמה קען מען ניט שאַצען. אַ יוד בלייבט אייך אַ יוד, צי ער וויל, צי ער וויל ניט. וואַרט, איך וועל אייך דערצעהלען, וואָס איך האָב געהערט פונ'ם אַלטען, זכרונו לברכה...

— און וואָס הערט זיך עפּיס דאָרט, אונטען? — טו איך אַ פרעג, בשעת ר' שמשון האַלט זיך ביי דער באָרד און איז זיך מכין צו אַ ברייטען שמועס.

פיער פּאָר אויגען האָבען אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ מאָל. אין דעם קוק איז געווען אי האַרץ־וועהטאָג, אי חרפּה, אי קלעמעניש, — אַ שטייגער, ווי אין דעם קוק פון אַ קינד, וואָס האָט בעקומען אין חדר קלעפּ, שמיץ און סטוסאַקעס, און די מאַמע פרעגט עס, וואָס האָט עס אַזאַ שלעכט פּנים. דאָס קינד שווייגט, זאָגט ניט אַ וואָרט, און די מאַמע פערשטעהט שוין אַליין, וואָס בעטייט דער קוק. וואָס בעטייט דאָס שווייגען... אוי, פערשטעהט זי!

אָט אַזוי זענען זיך יודען געזעסען אויפ'ן בוידעם און געשמועסט פון וועלט־זאַכען, אַריינגעבראָכט אַלע מאָל אַ גלייך־ווערטעל, אונטערגעפּעפּערט מיט אַ וויץ, אַריינגעמישט ווען ניט ווען אַ שטיקעל תורה, אַן אַגדתא — און דער דייטש זיצט און הערט און שלינגט יעדעס וואָרט און ווערט ממש גרעבער ווי לענגער. ער אַליין מישט זיך אויך אַריין אין שמועס, לויבט דאָס יודישע פאָלק אין טאָג אַריין, קלאַפּט זיך על־חטא אויף זיינע אייגענע זינד און אויף די זינד פון זיין גלייכען, וואָס האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען פון דער סטרא אחרא און האָבען פערלייקענט זייער יודישקייט. הכלל, אין דער ישיבה של מעלה איז געווען שלום ושלוה. אוים קנאה, אוים שנאה, אוים רוגזה. אַלע קוועלען אָ איינס פונ'ם אַנדערען. דער חסיד איז אַ ברודער מיט דעם מתנגד, און דער משכיל מיט זיי ביידען; ר' אליהו דער ליטוואַק און ר' שמשון דער פּוילישער יוד און אַלבערט דער סטרא אחרא'ניק און דאָס צוגעקומענע פּאָריל — כלם אהובים, כלם ברורים, אַלע לעבען, ווי אונטער דער זון; מע עסט ציבעלעס און רעטעך און אוגערקעס און מע דערצעהלט די שבחים פון דער כנסת ישראל און מע פערקריכט העטעט, גאָר אין די הויכע מדרגות. ווען ניט דער דאַך מיט די נידעריגע באַנטעס איבער'ן קאָפּ, וואָלטען זיי זיך, כלעבען, געלאָזט אַ טענצעל,

אונטערזינגענדיג „מה־יפית". מע איז פלוצלונג געוואָרען שטאַרקע מחותנים, מע פרעגט זיך אוים פון די געשעפטען, מע גיסט איים דאָס האַרץ, די געפיהלען, מע האָט רחמנות איינער אויפ'ן אַנדערען, און אַלע האָבען איין דעה, איין האַרץ און איין מוח: וואָס איינער זאָגט איז ביי די איבעריגע תורת לאָקשען, אַלע זענען מוכן ומזומן צו פאָלגען, אַלע זאָגען צו, אַז דאָרט, אונטען, ווען מע וועט, אם ירצה השם, איבערקומען די שלעכטע צייט, וועט מען נאָר טאָן חסדים איינער מיט'ן צווייטען. מיך האָט מען אויך, חלילה, ניט פערגעסען: ר' שמשון און דער דייטש האָבען מיר צוגעזאָגט הרים וגבעות. זאָל נאָר גאָט העלפען, מע זאָל זיך זעהען אונטען געזונטערהייט. ס'טייטש, יודען־ברידער, יודען דאַרפען העלפען אַ יודען אין אַ נויט...

חאַפּען אַ דרעמעל נאָכ'ן וואַרמעס איז דאָך אַן'אמת פערגעניגען, וואָס איז דאָ צו רעדען! ווער שמועסט נאָך, אַז מע פאַקעוועט זיך אָן מיט רעטעך און מיט ציבעלעס, וויעפיעל דאָס האַרץ גליסט, האָב איך מיר טאַקי אויסגעקליבען אַ ווינקעלע אויפ'ן בוידעם, אַביסעל וויטער פון דער איבעריגער חברה, אויסגעצויגען זיך, אַזוי ווי איך בין גרוים, אונטער אַ קראָקווע, אויסגעגלייכט די ביינער און זיך מכין געווען צים תענוג פון שלאָפען. ליעג איך מיר אַזוי, דאָס האַרץ קוועלט אָן פאַר נחת, די שמועסען פון דער חברה הערען זיך גאָר נאָהענט, און פון די שמועסען גיסט זיך אויף מיר אַ גאַנצער שטראָם פון פאַנטאַזיעס און משונה'דיגע דמיונות. עפּעס זעה איך וואונדערבאַרע זאַכען, אַלטע און נייע. אַזוינע, וואָס האָבען זיך יאָ אַמאָל געטראָפען, און אַזוינע, וואָס זענען גאָר ניט געשטויגען, ניט געפלויגען; עפּעס זעה איך נח'ס תבה אויף די וואַסערען פונ'ם מבול. אין דער תבה זיצען אַלערליי בעשעפענישען, אומריינע בהמות אינאיינעם מיט ריינע, חיות קליינע און גרויסע, שרצים פערשידענע גאָר אָהן אַ צאָל. אַ קוה מיט אַ בער, אַ וואָלף מיט אַ שאָף, אַ טיגער מיט אַ ציקעלע זענען געוואָרען נפש אחת, לעבען אין שלום, קרימען ניט איינם דעם אַנדערען אַ האָהר. צרת רבים האָט געמאַכט אַלע גלייך, עפּעס האָט מען גאָר פערגעסען אַלע רייסענישען. אַלע מחלוקת. ביי נח'ן מיט די זיהן איז אויך שלום ושלוה. ש ם, מיט אַ היבשער נאָז, קיין עין הרע, מיט אַ לאַנגער צוויי־שפּיצעכדיגער באָרד ביז איבער'ן גאַרטעל, מיט נעגרייזעלטע פּיאות'לעך, איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער חסידי'שער קאַפּאָטע, — אַ פערגעניגען צו קוקען. ער זיצט זיך אין קאָנטאָר איבער דעם גרויסען

קאַסע־בוך און צעהלט און חשבונ'ט ווי אַ סוחר — אַ קאַטאָוועס, מע מוז פערגרייטען עסענוואַרג — פּראָוויזיע בלע"ז — פאַר אזא מחנה בהמות און חיות; חם, אַ פּראָסטער ברודער. מיט אַ לאַנגען טשוב און אַן אָבגע־ברענט פנים, איז אָנגעטאָן אין אַ שמויסען פעלצעל, צוגעגאַרטעלט מיט אַ רימענעם גאַרטעל, אויף די פיס פּראָסטע לאַבטעס — ער אַרבייט, האָרעוועט און ברענגט דעם ברודער זיינעם אַלערליי עסענוואַרג, כל המיני תבואות און פּירות, וואָס וואַקסען אויף דער ערד, און ווען ער גיט זיי איבער שם'ן, בויגט ער זיך נאָך און בוקט זיך פאַר איהם מיט גרויס דרך־ארץ. חם אַרבייט און שם צוטיילט, צוגיט יעדער בעשע־פעניש, וויפיעל זיי דאַרף האָבען. און אויף אַ ווייכען דיוואַן, פערפּוצט ווי אַ פּרינץ, ליעגט זיך יפת, אַ רוהיגער, אַ לויטערער, מיט אַ טייערען ציגאַר אין די צייהן. ער גלעט זיך די וואָנצעס, שמייכעלט צופריע־דען, און אַמאָל קוקט ער אויף שם'ן מיט שפּאָט און פעראַכטונג, ווי אויף אַ מעקלער, אַ נידעריגע בריאה, און אַן'אַנדערס מאָל זינגט ער איהם שירות ותשבחות: ס'טייטש, אָהן איהם וואָלט זיין בעל־הבית'ישקייט גאָר ניט געקענט האָבען קיין קיום, ווען ניט ער, וואו וואָלט ער גענומען אַ כּוס'ע. אָט די דריי נפשות זענען בעשאַפען געוואָרען נאָך אַמאָל, אַמאָל, זיי לעבען נאָך פון ששת ימי בראשית אָהן. פון זיי האָבען זיך שוין גענומען אַנדערע אַזוינע בעשעפענישען נאָכ'ן מבול און ביז היינטיגען טאָג...

און ווי איך ליעג אַזוי און קוק און טראַכט, דערהער איך אַ גרויס געפּילדער און דערזעה — אַ שווערע מחנה רוקט זיך איבער אַ פעלד. ס'איז אַ ליאַרעם, אַ טומעל, אַ שטיקעניש, אַ געוואַלד. איך טו אַ פלוצלונג אַ פאַל אַראָב פון מיין אָרט און ליעג שוין עט אונטען. אַרום און אַרום לויפען, איילען יודען, מע שטופּט זיך, מע ווייסט ניט איינער פונ'ם אַנדערען. ס'איז פינסטער חשך, פלאַקערס פייער ברענען אין געדיכטען טומאַן. דער רויך הויבט זיך ווי זיילען, און איבער אונזערע קעפּ הענגט, ווי אַ דאַך, אַ גרויסער, שרעקליכער באַרג. בעהאַלטען זיך איז ניט מעגליך, אָבקירעווען איז ניטאָ וואו.

— נעהמט! — דונערט אַ מעכטיגע שטימע, אַ געטליכע שטימע — נעהמט די תורה, איהר נאַראָנים, וואָס איהר הערט ניט אויף בענקען נאָך ציבעלעס און קנאָבעל, אַניט ווערט איהר בעגראָבען דאָ אויפ'ן אָרט!..

— נעשה ונשמע — שרייט דאָס קהל אין איין ציטערניש, און

יעדער יוד חאַפּט דעם אַנדערען פאַר דער פּאָלע, טוליעט זיך צו איהם פאַר שרעק — און אַלע ווערען איינס.

איך שריי אויך פאַר גרויס האַרץ־קלעמעניש, איך האַלט זיך פעסט אין עפּעס אַ יודענס קאַפּאָטע און הער ניט אויף צו געוואַלדעווען מיט אַ משונה קול: — נעשה ונשמע!

— קוטט, פעטער! — הער איך ווי עמיצער רופט מיך, און עפּעס אַ האַנד טאַרעט מיך ווי פונ'ם שלאָף.

— אוי, אַ דאַך, אַ באַרג ווי אַ דאַך! — שריי איך אַ צוטומעלטער און ציטער מיט אַלע אברים.

— ניש'קשה, ניש'קשה, רב מענדעלע! שרעקט זיך ניט. ס'איז שוין, דאַנקען גאָט, אַריבער. יודעלעך קריכען שוין, ברוך השם, פון די לעבער. ווי זאָגט דער פסוק: לאהלו ישראל! זייט מיר געזונד — איך געה שוין.

דאָס רעדט אליהו...

איך חאַפּ זיך אויף — ס'איז אַלצדינג געווען אַ חלום. איך בע־טראַכט זיך און סע ווערט מיר קלאָר דער פּשט פון דעם חלום. דעם באַרג, הייסט עס, און דעם דאַך האָבען מיר דאָס צו פערדאַנקען — מיר און אונזערע עלטערען און אונזערע עלטערענס עלטערען, וואָס מיר לעבען אַזוי לאַנג און וואָס ס'איז דאָ צווישען אונז אַ שטיקעל פריינדשאַפט. חברים כל ישראל און כל ישראל ערבים זה בזה פונ'ם באַרג סיני ביז'ן היינטיגען טאָג...

איך קוק זיך אַרום: שאַ, שטיל, ניטאָ קיין לעבעדיגער מענש אויפ'ן בוידעם...

ב.

אין דער יְשִׁיבָה שֶׁל מַטָּה.

אַז עמיצער האָט זיך אַ שטיקעל צייט אַרומגעבלאָנקעט, ווי אַ גר, געמוטשעט זיך אין דער פרעמד, ניט געטאָגט דאָרט, וואו ער האָט

גענעכטיגט, און ניט גענעכטיגט דאָרט, וואו ער האָט געטאָגט, פּערשטעהט ער ערשט דעם טעם פון אַנ'אייגענער היים. שטעהן אויף דער ערד מיט ביידע פיס, ווייסען, אַז די ערד שאָקעלט זיך ניט אונטער די פיס — אָהן דעם קען דאָך ניט לעבען ניט דער גוף, ניט די נשמה פון אַ מענשען. איך, אַז איך בין אַראָבגעקראָכען פון דעם בוידעם, האָב איך זיך זעהר שטאַרק פערבענקט נאָך אונזער אַנ'אייגען שטיקעל ערד...

שטעה איך מיר אַזוי אין גאַס, איך גלייך מיר אויס די ביינער נאָכ'ן גלות פונ'ם בוידעם און קוק מיר אויף גאָט'ס וועלטעל מיט אַ מין ליעבשאַפט, מיט אַ מין וואַרימקייט, ווי אַ פּיצעל קינד אויף זיין געטרייער מאַמען. און האַרץ איז מיר עפּעס אַזוי גוט, אַזוי ווייך, אַ מחיה. אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס דו האָסט בעשאַפען אַזאַ וואוילע וועלט, אַזאַ טייערע וועלט. אַ קיהל ווינטעלע בלאָזט פון ערגיץ, גלעט ווי אַ סאַמעט און דערקוויקט מיר ממש די נשמה. אויפ'ן הימעל שפּאַצירט זיך אַרום אַ קלאָרע, לויטערע לבנה. זי קוקט אויף מיר מיט לייטזעליגקייט פון אויבען, און ווינקט צו מיר און שמייכעלט און בעט זיך: ר' מענדעלע, זעהט ווי שען איך בין; ר' מענדעלע, זייט זשע מיך שוין מקדש, וועט איהר מיר ממלא זיין מיין פּנימה און אין אייך אַליין וועט אויך אַריין אַ נייע נשמה. — ברוך יוצרך! — שריי איך און שפּרינג מיט ליעבשאַפט אַנטקעגען מיין זיווג, און איך בין זי מקדש כּרת ישראל אַנטקעגען אַ גאַנצער עדה פון טויזענדער בלישטשענדיגע שטערען. אַלע ווינשעווען מיר צו פון דער ווייטענס: מזל טוב, מזל טוב, אין אַ גוטער שעה. זאָל גאָט געבען גליק אויף כּל ישראל. פרעהליך, לעבעדיג, ווי אַ חתן, געה איך מיר מיין וועגס און קום אַריין אין דער אַכסניה.

מיעד און צובראָכען פון אַ גאַנצען טאָג, טו איך אַ פאַל אויפ'ן בעטעל און ווער אַנטשלאָפען אַזוי ווי איך שטעה און געה — אין דער קאַפּאָטע און אין די פערפּאָראָשעטע שטיוועל. שלאָפען שלאָף איך ווי אַ גע'הרג'עטער, ווי אַ טויטער, און שוויץ, לא עליכם, אַ גאַנצע נאַכט ווי גאָך אַ באָד פּאַר טאָג. ס'איז נאָך בלאָה אין די פענסטער, חאַפּ איך זיך אויף, אַ צוטומעלטער, אַ פערדולטער, איך ווייס אַליין ניט, וואו איך בין און וואָס סע טוט זיך מיט מיר. אין קאָפּ זשומעט, די אויגען קען איך ניט עפענען, דאָס לייב טוט וועה, איך קען ניט רירען מיט אַן אבר און דאָס האַרץ קלאַפּט, די שלייפען האַמערען, און קאָפּ דרעהען זיך משונה ווילדע געשטאַלטען, עפּיס בילדער פון מיין לעבען, פון

קינדווייז אָן ביז די עלטערע יאָהרען, אָבער אַלץ אָהן אַ סדר, אויסגעמישט, איבערגעדרעהט, ווי אין אַ שדים-טאַנץ. אָט שפּרינגט אַ שד אינ'ם געשטאַלט פון אַ באָרוויס שייגעצעל אָהן פלודערען, נאָר מיט אַ העמדעל אויפ'ן הוילען לייב און אַ שמויסען היטעל אויפ'ן קאָפּ. ער יאָגט זיך נאָך עפּעס אַ יונגעלע, רייצט אויף איהם דעם הונד, וואַרפט שטיינער — און דאָס יונגעלע וויינט. איך דערקען דעם יונגעל'ס קול'כעל — דאָס איז איך, איך, דער קליינער מענדעלע. דאָס שיטען זיך אויף מיר טאַקי קלעפּ און שטעקענס און סטוסאַקעס און צרות אין שלעק — פרעג, פאַר וואָס, וואָס האָב איך זיי געטאָן? איך שריי ניט מיט מיין קול און לויף אַהיים, צום טאַטען, דער טאַטע וועט זיי געבען. זעה איך אַ זאַק מיט ביינער ליעגט אויפ'ן בעט, אונטען אַ בינטעל שטרוי, אויבען — אַ צוריסענע, צופליקטע קאַפּאָטע. אוי, אָט דאָס איז מיין טאַטע, מיין בעשיצער, ער וועט דאָס מיך פערהיטען פון אַל דאָס בייז. אָט דאָס איז אונזער ברויט-געבער, אַ טאַטע פון קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין — דער איינציגער בעל-מפרנס אין דער גאַנצער משפּחה. ער איז הויט און ביין, די באַקען איינגעפאַלען, די נאָז סטאַרטשעט, די אויגען — ווי פערגליווערט, און דאָס מויל איז אָפען, די ברוסט הויבט זיך און פאַלט, אינווייניג זיצט עפּיס, חריפּעט און גיסט זיך איבער, אין האַלז חאָרחעלט.

דאָס האַרץ טוט מיר וועה, סע שמ[illegible]רצט יעדער אבר, איך ציטער פון קאָפּ ביז די פיס.

און די בילדער ציהען, יאָגען, שוועבען אָהן אַנ'אויפהער, איין בילד געקניפּט און געבונדען אין צווייטען. אָט איז אַ שמחה, אַ גדולה, כּלי-זמר שפּיעלען, פּויקען ברומען, קולות שרייען, פילדערען, ווי ביי קיצן אויף אַ חתונה. אָט געהט אַרוים אַ יונג קאָטערעל אויסגעפּוצט ווי אַ בן-מלך. הינטער איהם אַ חאַפּטע, אַ גאַנץ געזעמעל: מע שטופּט זיך, מע לויפט, מען שפּרינגט איינער פאַר'ן אַנדערען, מע חאַפּט אַ טענצעל: מזל-טוב, קאָטערעל! מזל-טוב, נאַריש בהמה'לע! וועסט שוין זיין, מענדעלע, אַ יוד אין אַ גוטער שעה, וועסט פלאָדזען קינדערלעך און וועסט אַקערען מיט דער נאָז, זוכען, נישטערען, מיט וואָס צו פערשטאָפּען די פיסקלעך דיינע קליינע עופה'לעך! צוגעקומען אַ נייער קבצן אויף דער וועלט... און אָט רייסט זיך אַ קינד, פערגעהט זיך נעבעך אין וויעגעלע, און אַרום פּישטשען גרעסערע קינדערלעך. ס'איז אַ קלאָג, אַ צרה, אַנ'אומגליק, חאָטש לעג זיך אַוועק און שטאַרב...

און קאָפּ רוישט מיר, דאָס האַרץ פלאַטערט, יעדער אבר ציטערט.

און די בּילדער יאָגן, שוועבּן: אָט סקריפּען עפּעס ניט קיין געשמירטע רעדער, סע פייפט אַ בּיטש, סע שלעפּט זיך אַ פערדעל — אַ פגירה, דאָס בּיידעל איז שווער מסוכן, און אינמיטן דערינען בּעווייזט זיך שׂרה בּת טובים מיט אַ גאַנץ רעדעל ווייבּער, צדקניות, גבּאי'טעס, מלומדת'טעס, צנועות'טעס. אַלע האָבּן, קיין עין הרע, ניין מאָס רייד, אַלע גראַגערן אין איין אָטעם, און יעדע שטרעקט מיר אַ פּעקעל תחינות, אַלטע און נייע, און בּעט זיך רחמים: רב מענדעלע, האָט רחמנות אויף אַ יודישע טאָכטער, נעמט אונז אַריין אין אייער בּיידעל! און אַלע קלאַפּן, ווי די גענז, און שיטען און שיטען מיט רייד, אַז מע קען טויב ווערן. אינמיטן דערינען קעהרט זיך איבּער דאָס בּיידעל, די קליאַטשע בּלייבּט נעבּעך ליגן אויף אַ זייט, מיט אַנ'אויכגעציינגענעם האַלז און אָפּענע אויגען. אַ פיינע בּריאה, כ'לעבּן! דער האַלז — דאַר, טרוקען, אויפ'ן רוקען אַ מכה, די בּאָקעס איינגעפאַלען, די בּיינער שטעקן אַרויס פון אונטער דער אויסגעריבּענער פעל. זי ליגט, די יפהפיה, און מאַכט מיט די זייטן, און צאַפּעלט זיך און וואַרפט זיך און קרעכצט.

אוי, פערדעלע, נבלה מיינע! אוי, אָרימע קליאַטשע!

פון אַלע זייטן הערט זיך אַ קלאָג, אַ געוויין, אַ יללה. אַרום און אַרום — אַ שטורעם, אַ גערודער; די ערד ציטערט, דער הימעל שאָקעלט זיך, איך אַליין שוועבּ אין דער לופטען, ווי אַ פעדער. אונטער מיר — אַ טיעפער תהום, אַרום מיר — די גרויסע בּרייטע וועלט. אָהן אַנ'אָנהויבּ, אָהן אַ סוף. און אין דער לופטען פליהט עפּעס אַ קאָפּ, פלאַטערט, ווי אַ זומער-פויגעלע, שוועבּט אַהין און אַהער און רוהט ניט אַ רגע. אָט בּלייבּט ער ניט, און אָט בּעווייזט ער זיך ווייעדער, שווימט פאַר מיינע אויגען — און מאַכט דערבּיי משונה העויות: קריצט מיט די ציין, ווינקט מיט די בּרעמען, איך האָבּ זיך נאָך ניט נוט איינגעקוקט — איז ער שוין ווייעדער ניטאָ. און פּלוצלונג ווערט אַ גרויסער פּחד, אַ מורא'דיגע אימה, סע פליהען פונקען, סע ציהען זיך פייערדיגע טייכען, סע בּליצט און סע דונערט און סע קאָכט און סע רעש'ט. סע בּלאָזט אַ שופר און איך דערזעה איבּער'ן תהום אַ פּאַפּירענע בּריק. יודעלעך, עם אלהי אברהם, קומען צוגעהן צו דער בּריק; דאַרע, קוואַרע, אויסגעדייוועטע, פער'חשבּ'טע, פערפינסטערטע, איינגעהויקערטע, איינגעקאָרטשעטע, ציהען זיי זיך מהנות'וויז מיט די שטעקענס און מיט די טאָרבּעס אויף די

פּלייצעס, און אַלע שטופּען זיך צו דער בּריק, אַלע פּילדערן, שרייען, ליאַרמען, קריכען איינער דעם אַנדערן אויף די קעפּ, און בּשעת איינער וויינט, זינגט דער אַנדערער דוקא אַ זמר, בּשעת די קריגען זיך, שמועסען די אַנדערע גאָר פריינדליך. מיט אַ מאָל דערזעה איך ווייעדער דעם קאָפּ, ער שוועבּט אין דער לופטען גאָר נאָהענט נעבּען מיר. איך קיק זיך צו: דער קאָפּ האָט אַ בּאָרד און פּאות, אַ לאַנגע נאָז און אַ פערקנייטשטען שטערן, די אויגען ווינקען, די ליפּען קרימען זיך — און אויפ'ן פּנים איז אויסגעגאָסען אַ צער. אוי, אַ יודישער קאָפּ איז דאָס, אַ יודישער קאָפּ שוועבּט אַרום אין דער לופטען. ניטאָ קיין גוף, ניטאָ קיין זוואַניע פון אַ גוף, ניטאָ קיין הענד און פיס, קיין לייבּ און לעבּען, נאָר איין קאָפּ שוועבּט אין דער לופטען... אוי, רבּונו של עולם, אַלצדינג, וואָס דו ווילסט, נאָר ניט אָנקוקען דעם קאָפּ!... אַ ציטער האַפּט מיך אַרום, סע וואַרפט מיך פאַר פּחד, איך חאַפּ זיך אויף און עפען אויף די אויגען.

דער אייגענער אַלקער אין דער אַכסניה, דאָס אייגענע בּעטעל. אַרום און אַרום קלומקעס, פּעקלעך גרויסע און קליינע; אין ווינקעל שאָקעלט זיך עפּעס אַ פערוויקעלטע געשטאַלט, שפּרינגט מאָדנע אונטער און מאַכט מיט'ן קאָפּ. וואָס איז דאָס? פאַר מיינע אויגען איז נאָך אַלץ געשטאַנען י ע נ ע ר קאָפּ, וואָס כ'האָבּ געזעהען אין חלום... איך קוק זיך איין און דערזעה אַ יודען אין אַ טלית און תפלין; ער דאַווענט, שאָקעלט זיך, וואַרפט זיך, אַרבּייט מיט אַלע אברים, רוהט ניט אַ מינוט; אָט שטעלט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער און הויבּט-אויף די הענד, אָט בּויגט ער זיך אוים און לאָזט אַראָבּ דעם קאָפּ, ווי אַ עבד נכנע פאַר זיין שטרענגען בּעל-הבּית.

אַז אַ יוד זאָל זיך לעגען שלאָפען אַליין אין אַנ'אַלקער און אויפשטעהענדיג דערזעהען אין דעם אייגענעם אַלקער נאָך איינעם, און אַמאָל נאָך צוויי און דריי אורחים, — דאָס איז אין די וואַרשעווער יודישע אַכסניות אַ וואָכעדיגער גאַנג. מע האָט, פערשטעהט איהר מיך, רחמנות אויף אַ יודען, מע וויל איהם ניט לאָזען שלאָפען אַליין, טוט מען איהם אַ נחת-רוח און מע פערדינגט אין דעם אייגענעם אַלקער, בּשעת ער שלאָפט, אַמאָל איין בּעטעל, אַמאָל נאָך מעהר. אין אַנ'אַנדער צייט וואָלט דאָס מיך דוקא ניט געאַרט: ערשטענס האָט דערפון הנאה דער בּעל-הבּית פון דער אַכסניה, צווייטענס וואָס קען שאַדען אַנ'איבּעריגער יוד אין חדר? וואָס איז — די לופט? פון וואַנען זשע איז

נעדרונגען, אַז מע דאַרף אין דער פרעמדער זיין אַ גרעסערער מפונק, ווי אין דער היים? אין דער היים שלאָפט מען דאָך יאָ, קיין עין הרע, מיט זעקס פופקעס אין איין בעט — און מען מאַכט ניט קיין וועזען! אַ יוד איז ניט קיין פריץ... יענעם פריהמאָרגען אָבער האָב איך דוקא געהאַט חשק צו בלייבען אַליין: ערשטענס, בין איך, לא עליכם, נאָך געווען גוט אויסגעמוטשעט פון דער נעכטיגער בייזער מהומה, הײנט די ווילדע חלומות, וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהען אַ גאַנצע נאַכט, האָבען דאָך כ״ר אויך געקאָסט אַ שען ביסעל געזונד. בעדאַרף זיך גראָד איצט טרעפען אַזאַ מין אָנשיקעניש — אַ ווילד-פרעמדער יוד. נו־נו! בין איך געלעגען אויף דעם בעטעל, אַ מיעדער, אַ ברוגז'ער און געטראַכט, קוקענדיג אויף מיין גאַסט: רב קרוב, איך וואָלט זיך דוקא ניט געמאַכט קיין לאָך אין קאָפּ, ווען איהר טראָגט זיך אָב פון דאַנען מיט אייערע פעקלעך; איך דאַרף אײַך האָבען פונקט ווי אוינגעוועהטאָג... און גלאַט איז מיר דער יוד געווען פריקרע מיט זיין וואַרפען זיך, זיינע משונה'דיגע העויות. אגב האָפּ איך נאָך שטילערהייט אַ קוק אויף די קלומקעס: אַ קשיא אויף אַ מעשה, סע קען פון דאָרטען אַרויסקריכען נאָך אַ יודלעך...

אַ מאָרנע זאַך! זינט איך לעב, דרעה איך זיך אַרום צווישען קלוגע, איבערגעשפיצטע, פראַקטישע יודען פון כל המינים, און האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהערט, מען זאָל אויף מיר זאָגען: אָט דער נפש איז אַ שוטה, ער איז ניט אינגאַנצען קלאָר. דאַרפט איהר נאָך האָבען גרעסערע חיטראַקעס, ווי אַ שטייגער, אונזערע סוחרים'לעך, פראָצענטניקעס, רייכע בעלי-בית'לעך? האָבען זיי אויף מיר שטענדיג געזאָגט: אַהאַ, רב מענדעלע! איהם דאַרף מען ניט אַריינלעגען קיין פינגער אין מויל, ער איז אַ מבין אויף אַ טשאַד און פערשטעהט אַלע אונזערע מאַניפאָרגעס; איהם איז ניט אַזוי גרינג צו חאַפּען אויף דער ווענדקע. און פונדעסטוועגען, אַז איך הויב זיך אַמאָל אָן צוקוקען צו זיך אַליין און בעטראַכט, וואָס איך טו און וואָס איך דענק און פיהל, ווער איך שטאַרק פערוואונדערט און איך פרעג זיך אַליין: צו בין איך אינגאַנצען ביי די געדאַנקען? מיין נשמה איז ווי אַ שותפות'דיגע דירה, וואו יעדער שכן קעהר זיך ניט אָן מיט דעם צווייטען, יעדער איינער טוט זיך זיין שליחות און איז אַ בעזונדערע קראַפט, אַ נשמה פאַר זיך, יעדער איינער ווייזט זיך אַרויס אין אַזוינע געפיהלען, וואָס זענען אַ היפּך איינער פונ'ם צווייטען. ניטאָ אין מיר קיין איינציגער געדאַנק, קיין איינציגע איינגעשאַפט.

וואָס ס'זאָל ניט זיין נעבען איהר אַנ'אַנדערע, אַ פערקעהרטע. אַמאָל שווייגען זיי, די פערשידענע נשמות, לאָזען איינע די אַנדערע צו רוה — ווי אַ הונד מיט אַ קאַץ, וואָס האָבען געמאַכט שלום אויף אַ קורצע צייט — אַמאָל אַמפּערן זיי זיך, מאַכען אינוועניג אַ מהומה, ווי אין אַ דולהויז, רחמנא לצלן, און איך ווער צומישט, צוטומעלט, צורודערט: אָט ווילט זיך דאָס, אָט ווילט זיך יענץ, אָט טראַכט איך אַזוי, אָט טראַכט איך פונקט קאַפּויר. אייגענטליך בין איך אין דעם פרט ניט קיין אויסנאַהם: יעדער מענש פערענדערט זיך מיט דער צייט, קיינער בלייבט ניט אַזוי ווי ער איז געווען. נאָר וואָס דען? איינער בייט זיך אין אַ משך פון יאָהרען, איינער אין אַ שעה, אין אַ מינוט; און איך בין פון יעניגע ווייניגע, וואָס צוויי פערשיידענע געפיהלען בעהערשען זיי אין איין צייט, אין איין רגע, אָהן אַ שום הפסק צווישען איינעם און דעם צווייטען. אָט, דאַכט זיך, בין איך טרויעריג, און אין דער זעלביגער רגע ווילט זיך מיר שוין לאַכען. אָט שטעה איך מיט דרך-ארץ פאַר איינעם פון אונזערע גדולים, אונזערע בעריהמטע מיוחסים, וואָס האָט בעוויליגט זיך אַראָבצולאָזען צו מיר פון זיין הויכקייט און מיר דערצעהלען, ווי רייך ער איז, ווי גרויס ס'איז זיין חכמה, זיין תקיפות, זיין צדקה, זיין גוטסקייט; איך הער, דאַכט זיך, און גלויב איהם, איך שלינג יעדעס וואָרט, ווי הייסע פאַרפעל, און האָב משונה הנאה; אין דער איינענער צייט אָבער פרעג איך זיך שטילערהייט: אפשר איז ער אַ שקרן? און ס'קומט מיר אַרויף אַ מחשבה: וואָס וואָלט, אַשטייגער, געווען, ווען איך שפּיי איהם אָן אין פנים? אָדער ווען איך גיעב איהם אַ גלעט איבער'ן בעקעל און זאָג מיט אַ געלעכטערעל (צום חכם): ביזט אַ טפש, אַ געשלייערטע האַנדזיע! (צום גביר און בעל-צדקה): קמצן! כלב שבכלבים! (צום תקיף) נידעריגע בריאה, מאוס'ער וואָרים, דו לעקסט דאָך דעם שטיוועל פאַר די פיס פון אַ שטאַרקען! (צום פוסטעפּאַסניק, וועלכער פּערשטעלט זיך פאַר אַ גרויסען געלערנטען, אַ חוקר-קדמוניות): פוילע שמאַטע, ליימענער גולם, מיסט-קאַסטען, אַלטער שטרוי-זאַק... און ווי איך גיעב דאָס אַ טראַכט, פיהל איך שוין, אָט-אָט שטופּט מיך עפּעס צו טאָן, צוהאַנדלען: די ליפּען רירען זיך, די הענד קענען ניט רוהען, סע קאָסט מיך טרחה, זיי איינצוהאַלטען. אַזוי איז מיין טבע. און אַזוי טרעפט מיט מיר זעהר אָפט. אַזוי איז געווען אויך יענעם פריהמאָרגען: איך ליעג אַנ'אָנגעדרודעלטער, אויף דער נשמה איז מיר ביטער, פּאַסקודנע, פון דעם יודען מיט זיין דאַוונען שלאָגט מיר צום האַרצען; און

פלוצלונג זאָג איך מיר: דו נאַר איינער! גאָט האָט דיר דאָך צוגעשיקט אַ טייערן אוצר אַ גאָלדענע כלי — אַ יודען, וואָס מע דאַרף אַזעלכע זוכען, און דו ליגנסט און ביסט נאָך אין כעס; אַ מעהר שטעה אויף נעהם זיך צו איהם פרעג איהם אויס, בעטראַכט איהם, וואָס איז ער פאַר אַ נפש. און ווי איך האָב דאָס נאָר אַ טראַכט געטאָן, — אַהאַ! איך בין שוין גאָר ניט צוטראָגען, אויך שמייכעל שוין, איך קריך שוין אראָב פונ'ם בעטעל, שטעל זיך אויף די פיס — און גערה.

און ווי איך גערה אַזוי צו מיין בן־זוג קערעווערט ער זיך אויס צו מיר און גיעט אַ שפיי אין מיין זייט אַריין: דאַנקען גאָט, הייסט עס, גע'פטר'ט דאָס דאַווענען!. פון דעם שפיי אַליין און פון דער פרומער מינע, וואָס מיין יוד האָט דערביי געמאַכט, האָב איך באַלד פערשטאַנען, אַז ער איז ניט קיין גראָבער יונג, קיין עם־הארץ. אַזוי קען שפייען נאָר אַן עדעלער יוד, אַ בן־תורה — און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? טאַקי דערמיט אַליין האָט ער תיכף נושא חן געווען אין מיינע אויגען אַזוי ווי ער שטעהט און גערט, מיט די קנייטשען אויפ'ן פנים, מיט די צע־קאָשמעטע גראָה־שוואַרצע באָרד און פאות, מיט דעם הויכען שטערן, פערלאָפענע אויגעלעך, דעם קנאָפּ אויפ'ן גאָרגעל און דעם איינגעבויגע־נעם רוקען. וואָרום אַז מע שמועסט פון אַ יודען, איז דאָך ניט שייך צו פרעגען, צי ער איז שען, צו ער איז שטאַלטנע. עט! ניט קיין יודישע זאַך. דעם יודענ'ס חן איז זיין יודישקייט.

אויסגעשפיגען „עלינו", דערלאַנגט מיר דער יוד שלום, און באַלד ווער איך געוואָהר, אַז ער הייסט י ש ר א ל. נו, אַז איך קען שוין דעם יודען ביי'ם נאָמען, דאַרף איך איהם דאָך שוין, ווי דער שטייגער איז, פרעגען, פון וואַנען ער איז, אַניט וואָלט דאָס ניט געווען קיין דרך ארץ. פרעג איך איהם, ענטפערט ער מיר, מסתמא, מיט אַ פראַגע, פון וואַנען בין א י ך, — אויך, ווי דער שטייגער איז, צוליעב דרך־ארץ. האָב איך זיך אָבער ניט מיט מיין תשובה, ענטפערט מיר ר' ישראל מיט אַ גמרא־נגון:

— און אַז איהר וועט שוין וויסען, למשל, אַז איך בין פון ד ל פ ו נ ע ו ו ק ע, פון ליטאָ, טאָ וואָס וועט זיין?

— פון ד ל פ ו נ ע ו ו ק ע! — שריי איך אויס, אַ פערוואונ־דערטער, און טראַכט מיר ביי זיך: גאָט, ווי גרויס זענען דיינע נסים! אָט טרעפען זיך צוויי יודען, דאַרף איינער זיין פון ק אַ ב צ אַ נ ס ק און דער אנדערער פון ד ל פ ו נ ע ו ו ק ע. אפנים, אַז דאָס וואָס ס'איז דאָ

אין איין יודישען קאַנט, דאַרף זיין אויך אינ'ם צווייטען: דאָ ק ב צ ן דאָרט ד ל פ ו ן...

— וואָס זשע חדוש'ט איהר זיך אַזוי, רב קרוב? איך פערשטעה ניט. אפשר געפעלט אייך ניט מיין שטאָדט? — ברומט אַרויס רב ישראל און קוקט מיך אָן מיט כעס. — ד ל פ ו נ ע ו ו ק ע, איז, קיין עין הרע, אַ שטאָדט — אַ כרך, פול אָנגעפּאַקט מיט יודען. דלפונעווקער יודען זענען בעריהמט אויף דער גאַנצער וועלט, אפילו קריסטען האָבען מיט זיי צו טאָן, ברוך השם. פון דער קאָמיסיע האָט איהר גאָר ניט געהערט?...

— חס וחלילה, רב ישראל! — ענטפער איך מיט אַ געלעכטער'ל און סטאַרע זיך איהם בערוהיגען. — איך האָב, ווי איהר זעהט מיך לע־בען, ניט געמיינט גאָר ניט. פערקעהרט... איך חדוש זיך נאָר, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ סימן טוב פאַר אונז ביידע...

— וואָס? רעדט ווערטער! — זאָגט רב ישראל און נעהמט מיך דורך מיט די אויגען.

— איך מיין, וואָס ק אַ ב צ אַ נ ס ק און ד ל פ ו נ ע ו ו ק ע האָבען זיך דאָ געטראָפען. איך אַליין בין, דאַרפט איהר וויסען אַ ק אַ ב צ אַ נ־ס ק ע ר! אַ שפּיעלבעל — קאַבצאַנבק! ס'איז דאָך אייך עפעס ניט פון די קליינע שטעדטלעך; יודען, ברוך השם. ווערט דאָרט מעהר פון טאָג צו טאָג!

אָט אַזוי לאָזען מיר זיך אַריין מיט רב ישראל'ן אין אַ שמועס וועגען קאַבצאַנסקער און דלפונעווקער יודען, ווי אַזוי זיי לעבען, ווי אַזוי זיי פיהרען זיך, סיי אין וועלט־זאַכען, סיי אין יודישקייט און איך ווער ביסלעכווייז געוואָהר, אַז צווישען אַ וואָלינער יודען פון קאַבצאַנסק און אַ ליטוואַק פון דלפונעווקע איז דאָ ניט קיין קנאַפּער חלוק. יענער, דער וואָלינער, האָט אַ שמאָלען מוח און אַ ברייטע קישקע; די פאַנ־טאַזיע טראָגט איהם, דאָס בלוט קאָכט; תורה לערנען האָט ער פיינט, אָבער צו די ס ו ד ו ת פון דער תורה האָט ער גרויס חשק; ער גלויבט אין אַ בעל־מופת, אַ יוד צו אַ גוי, להבדיל, אַלץ איינס; אַ ליאַדע טרעפער איז ביי איהם פערדרעכענט פאַר אַ שטיק נביא, אַ ציגיינער — פאַר אַ גאַנצען בלעם; ער עסט ווייסע בולקע און טרינקט אַ גלעזעל וויין אויף ד ע ר וועלט, אויב ער האָט נאָר; דער רייכער יאָגט זיך נאָך אַ שענעם פאַעטאָן מיט ברענענדיגע סוסים מיט אַ יפהפיה דערצו. זיך אַליין האַלט דער וואָלינער פאַר אַ גרויסען חכם, אַ קאָפּ־בענטש...

דער ליטוואַק, פערקעהרט, האָט אַ ברייטען מוח און אַ שמאָלע קישקע; ער פליהט ניט אין הימעל אריין, ער יאָגט זיך ניט נאָך פערבאָרגענע זאכען, ער לערענט גמרא — און פערנעהמט. עסען עסט ער טרוקען ברויט איינגעטונקט אין ראָסעל פון הערינג. טרינקען טרינקט ער קאַלט וואַסער, דערפאַר טרייסט ער זיך מיט אַ האָפנונג אויף אַ שטיק שור הבר און אַ פאַס יין המשומר — אויף יענער וועלט. דער רייכער ווייסט ניט פון קיין קאַרעטעס מיט קיין פאַעטאָנעס, ער נעהט זיך פאַוואָלינקע צו פוס, במחילה. אַז די ליטוואַקעס האַלטען זיך פאַר תלמידי-חכמים און גרויסע קאָפ-מענשען — איז איבעריג צו זאָגען.

אָט אזוי זיצען מיר מיט רב ישראל'ן און ריידען אין קויעלען ממש אָן איינער פונ'ם אַנדערען. פלוצלונג עפענט זיך די טהיר און ס'קומט אַריין אין אַיילעניש די בעל-הבית'טע.

— זייט זשע מוחל, יודען, — זאָגט זי מיט אַ בייזער און אַ בקשה אינאיינעם, — זייט זשע מוחל, לאָזט דאָ איבערזיצען דעם יונגען מאַן, ביז סע וועט ווערען לעדיג אַ בעזונדער צימער. ס'איז טאַקי מיינער אַ בעקאַנטער, קען איך איהם ניט אָבזאָגען.

מילא, וואָס האָבען מיר געקענט טאָן? אַנטקעגען אַ בעל-הבית'טע קען מען ניט זיין קיין עזות-פנים. האָבען מיר צוגעשוויגען.

טאַקי באַלד האָט זיך געעפענט די טהיר. מ'האָט אַריינגעטראָגען אַ פאָר רענצעלעך און עטליכע פעקלעך און ס'איז אריינגעקומען אַ יונגער מאַן. לכתחילה האָבען מיר זיך אויף איהם ווייניג וואָס אומגעקוקט: מיר זענען זיך געזעסען אין אַ ווינקעל און, ווי פריהער, געפיהרט אונזער שמועס מיט דעם גרעסטען פערגעניגען. ריידענדיג, זענען מיר אַרויפגעקומען אויף די שבחים פון דער כנסת-ישראל און אויף דער יודען-פראַגע — אַ ענין, וואָס ווערט ניט אַלט ממצרים ועד הנה.

— רבותי! — זאָגט צו אונז דער יונגער מאַן, אַז מיר זענען אַנטשוויגען געוואָרען אויף אַ רגע. — רבותי, אַזוי ווי ס'האָט זיך שוין אזוי געמאַכט, אַז איך שטעה מיט אַייך אין איין נומער, וועט איהר מיר אפשר מוחל זיין, וואָס איך מיש זיך אריין אין אַייער שמועס. אמת, איהר זענט עלטערע יודען, איך בין נאָך אַ יונגער מאַן, איהר טראָגט לאַנגע קאַפאָטעס, איך אַ קורץ רעקעל, אַייער דור האַלט אין שטאַרבען, מיינער — געהט ערשט צום לעבען; אָבער לאָז דאָס ניט זיין קיין

מחיצה צווישען אונז. מיר זענען דאָך אַלע יודען און ליידען אַלע פון איין גלות, זענען מיר אַלע איינס...

די ווערטער זענען אונז זעהר געפעלען. מיר האָבען זיך אומגעקוקט אויפ'ן יונגען מאַן מיט אַ זיסער מינע און מיט יענעם ליעבהאַרציגען שמייכעלע, מיט וועלכען עס קוקען עלטערע אויף אַ וואויל קינד; אונזער שמייכעלע האָט בעטייט: ביזט טאַקי אַ נאַרעלע, אַ יונג האָהנכען מיט אַ געל שנאָבעלע, דו האָסט אָבער אין אונזערע אויגען דעם זיעבעטען חן. דער יונגער מאַן איז געוועזן אַ שענער, אַ שוואַרץ-חנ'ודיגער ריידענדיג איז ער שטאַרק אַריין אין התפעלות, געמאַכט מיט די הענד און געאַרבייט מיט אַלע אברים. אויף רב ישראל'ס פראַגע, ווי אַזוי ער הייסט און מיט וואָס ער האַנדעלט, האָט ער געענטפערט קורץ און שאַרף:

— איך הייס בנציון... און קיין סוחר בין איך ניט.

— הייסט עס, איהר זיצט אויף קעסט?

— וואָס גאָר קעסט?! — ענטפערט בן-ציון מיט אַ שמייכעל. — איך בין אַ בחור!

— אַ בחור מיט אַ בערדעל! נו-נו! שענע יאָהרען! אַז אָך און וועה צו מיינע שונאים. ווי געפעלט אַייך עפּיס היינטיגע וועלט? — וואונדערט זיך רב ישראל און קוקט אויף מיר מיט אַזוינע אויגען, ווי איינער, וואָס זעהט עפּעס אַ מאָדנע זאַך און גלויבט זיך אַליין ניט און בעט, מע זאָל איהם געבען צו פערשטעהן דעם אומגעלומפּערטען ענין. איך שווייג אָבער, און רב ישראל שטעלט ווידער אָן ביידע אויגען אויפ'ן יונגען מאַן:

— אויב ניט קיין בעווייבטער און ניט קיין סוחר וואָס זשע איז פאַרט אַייער געשעפט?

— זאָלען זיך שוין אַנדערע פערנעהמען מיט געשעפטען — ענטפערט בנציון און מאַכט מיט דער האַנד, ווי איינער, וואָס איז עפּעס מבטל. — זאָלען לופט-מענשען האַנדלען וואַנדלען זוכען דעם ווינד אין פעלד. איך — געה קיין ארץ ישראל.

מע זאָל געוועזן רב ישראל'ן דערלאַנגען אַ קלאַפּ אין קאָפּ אומגעריכט, וואָלט ער זיך ניט געדאַרפט אַזאַ וואָרף טאָן, ווי דערהערענדיג אַזוינע רייד. ער האָט נאָר געעפענט מויל און אויערען און ניט געקענט אויסריידען אַ וואָרט. איך האָב זיך אַריינגעמישט און גענומען טענה'ן

מיט'ן יונגען מאַן אויף מ י ן שטיינער. דעם אמת זאָגענדיג, האָט מיך דער נפש שטאַרק פעראינטערעסירט.

— האַ. קיין ארץ ישראל? — זאָג איך איהם. — ווי קומט אַזאַ יונגער מאַן קיין ארץ ישראל? אהין פאָהרען דאָך אַלטע יודען, זקנים, וועלכע שטעהען שוין מיט איין פוס דאָ, מיט'ן אַנדערען אויף יענע וועלט. און וואָס טוט מען דען אין ארץ ישראל? מע עסט די חלוקה, מע דאַווענט און לערענט. ביז'ן סע קומט די צייט — קעהרט מען אום די נשמה דעם רבונו של עולם און דעם גוף נעהמט-צו די הייליגע ערד. איהר זענט דאָך אָבער נאָך יונג, בלוט און מילך, איהר זענט ניט קראַנק ניט אויפ'ן גוף, ניט, דאַכט מיר, אויפ'ן מוח, ווי זשע קומט איהר אַהין?

— זאָלען טאַקי יענע פאָהרען אַהינצו שטאַרבען, אויב זיי געפעלט אַזוי, איך וויל אָבער פאָהרען לחיים טובים ארוכים ולשלום.

דער דאָזיגער ענטפער איז מיר עפּעס ניט געווען שטאַרק צום האַרצען, ניט, חלילה, ווייל איך האָב דערפיהלט אין איהם אַ שטיקעל פּהיתת-הכבוד. נאָר גלאַט דער נוסח פון די כפרות איז מיר אויסגעקומען פריקרע, אַזוי אַז איך האָב ניט ווילענדיג אַ דרעה געטאָן מיט דער נאָז. בנציון האָט פערשטאַנען, וואָס דער דרעה בעטייט, און האָט באַלד טאַקי גענומען פערטייטשען, וואָס ער מיינט:

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, רבותי: מיר זענען אַלע יודען און ליידען אַלע פון איין גלות... צרות האָבען מיר אַלץ-איינע, צרות אַלטע און נייע, אָבער אין די געפיהלען אונזערע איז פאַראַן אַ גרויסער חלוק. איך, אייער דור, קען מען פערגלייכען מיט אַ חולה, וועלכער קרענקט שוין לאַנגע יאָהרען: די קרענק האָט זיך אַזוי איינגעגעסען אין זיינע ביינער, אַז ער פיהלט זי שוין גאָר ניט, אַז סע אַרט איהם שוין נישט, וואָס ער ווערט צופוילט לעבעדיגערהייט; אייך קען מען פערגלייכען מיט אַ קבצן, אַ שלעפער, וואָס האָט שוין אָנגעוואוירען די הרפה: איהם איז אַלץ איינס, מע מעג איהם זידלען, מע מעג איהם שפייען אין פנים, אַבי די פרנסה, אַבי דער מאָגען זאָל זיין זאַט; איהם מעג מען וואַרפען דאָס שטיקעל ברויט, ווי אַ הונד, ער איז צופריעדען — אַבי ער לעבט. אַ ווי אַזוי לעבט ער, צי אין נחת, צי אין צער, צי אין רחבות, צי אין אָרימקייט, צי ער האָט כבוד, צי ער ליידט חרפות-בזיונות, — דאָס וויל ער גאָר ניט פרעגען, וואָרום ער האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירען דאָס געפיהל פון עהרע און פון אַכטונג צו זיך-

ליין. אין אייך האָט דער אייביגער דלות, די אייביגע יודישע שפלות פערפלאַנצט אַ משונה-ווילדען געדאַנק וועגען עולם-הזה און וועגען יודישקייט, איהר האָט אָנגעוואוירען דעם קלאָרען, לויטערען קוק פון אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס, וואָס האָבען געלעבט אויף דער אייגענער ערד. איהר זאָגט: די עולם-הזה איז ווי אַ פּאָר-הויז, אַ פּרוזדור, צו אַ גרויסען פּאַלאַץ. נו, גרייט איהר זיך דען, טוט איהר דען עפּעס, כדי מע זאָל אייך אַריינלאָזען אין גרויסען פּאַלאַץ? ניין און ניין! איהר ליגט פערשלאָפענע, פערטראַכטע, איהר רירט ניט מיט קיין אבר, איהר ט ר אַ כ ט אפילו ניט, אַז מע דאַרף עפּעס טאָן, כדי ס'זאָל ווערען בעסער. איהר קוקט אַלץ אַרויס, אַז ע מ י צ ע ר זאָל פאַר אייך טאָן, עַמיצער זאָל אייך העלפען, איהר וואַרפט זיך אָן אויף יענעם, און אַ ל י י ן טראָגט איהר זיך אַרום מיט נאַרישע פּוסטע חלומות, ווילדע נישטיגע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבען קיין פּיצעל שייכות ניט צום לעבען. איהר לעבט ניט. אפילו אין אונזער הייליגען לאַנד קומט איהר אויך ניט אויף צו בעאַרבייטען די ערד און צו לעבען, נאָר אויף אויסצובריינגען יודיש געלד, אויף צו פיהרען קריעג, מחלוקת און מאוס'ע פּליאָטקעס — און צו שטאַרבען. אויף אייך קלאָגט דאָס לאַנד פון אונזערע אבות: מיינע אייגענע קינדער האָבען מיך געמאַכט פאַר אַ בית-הקברות.

— הייסט עס, נאָך אייערע רייד קומט אויס, — זאָג איך, אַביסעל מטושטש פון דער פייערדיגער דרשה, — אַז איהר און אייער גלייכען פיהלט שטאַרקער די יודישע צרות, איהר זענט, דערכענט איהר, מעהר מסוגל צו פערשטעהן די שפלות פונ'ם גלות. נו, וואָס זשע איז די פּעולה? וואָס קומט אַרויס, אַז מע פיהלט דעם וועהטאָג, אויב דערפון ווערט ער נאָר שטאַרקער? איז אייך דען בעסער?

— אַודאי, — ענטפערט בנציון, — פיהלען דעם וועהטאָג הייסט זוכען אַ רפואה. פערשטעהן די צרות הייסט — וועלען זיך פון זיי בעפרייען. מיר ווילען לעבען. מיר האָבען דעריבער געמאַכט אַ חברה און אָנגעשריבען אויף אונזער פאָהן: בית יעקב לכו ונלכה! מיר פאָהרען קיין ארץ ישראל בעאַרבייטען די ערד און לעבען דאָרט, ווי ס'האָבען געלעבט אבות-אבותינו.

איצט האָב א י ך זיך שוין אָבגערוקט, ווי אַ פריטשמעליטער, פון דעם יונגען מאַן. קוקענדיג אויף איהם מיט אַ שטיקעל פּחד און טראַכטענדיג בשעת מעשה, אפשר איז ער משוגע. געענטפערט האָב איך גאָר

ניט, אָבער דאָ איז ר׳ ישראל אויפגעשפרונגען, ווי אַן׳אָבגעבריהטער, און גענומען זיך קאָכען מיט אַ כעס און אַ געפילדער:

— ווי געפעלען אייך עפּעס אַזוינע דבורים, אַזאַ חוצפה?.. האַ? אויס וועלט: התורה הרצועה! מע וויל שוין גאָר אַראָבברענגען משיח׳ן!.. און ווער? יונגע ציציקעס, חדר-יונגלעך, שנעקעס! זיי פאָהרען קיין ארץ-ישראל! נו, יאָהרען!.. און ווייסט איהר, פון וואַ־ען סע נעהמט זיך דער גאַנצער אומגליק? ווייל זיי זענען גדלנים. זיי האָבען ניט די יודישע מדה פון הכנעה, האָבען זיי ניט, זיי ווילען ניט בויגען דעם קאָפּ, ניט מקבל זיין יסורים באהבה. וואָס זשע טוען זיי? פריהער זענען זיי גאָר אַרויס לתרבות רעה, אַראָבגעוואָרפען דעם עול פון תורה און מצוות, געשפּינען קלעק אויפ׳ן יודישקייט אַלץ דערפאַר, וואָס זיי האַל־טען זיך צו גרויס. זיי מיינען, אַז זייער כבוד איז ביי אַנדערע אויך אַזאַ טייערע מציאה, ווי ביי זיי. איצט, אַז זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט: זיי שטעקען אין אַ בלאָטע, האָט מען אויסגעטראַכט אַ נייעם פּזמון: ארץ ישראל! מע וועט לויפען, ווייסט ניט וואוהין? אויף זיי זענען באמת אָנגעמאָסטען די רייד פונ׳ם יבנער גאון וועגען די, וואָס זענען דוחק את הקץ. מען לויפט — פּונקט ווי קליינע יונגעלעך פאַר אַ חופּה: מען שפּרינגט, מע יאָגט זיך, מע טאַנצט פאַר די כלי-זמר, פאַר די מחותנים מיט די אונטערפיהרערס... טפו!..

רב ישראל רעדט, און מיר איז דאָס ווי בוימעל צו אַ מכה. סע טוט מיר משונה הנאה. וואָס איך בין ניט קיין לויפער, ווי יענע שנעקעס, און איך בעריהם זיך פאַר׳ן רבונו של עולם, ווי אַ וואויל יונגעלע בעריהמט זיך פאַר אַ טאַטען, ווען סע וויל פון איהם אויסנאַרען אַ מתנה. איך טראַכט מיר: „זעהסט, טאַטע פאָטער, איך בין ניט אַזאַ פליהער ווי אַנדערע יודען. נעכטען האָב איך דוקא געשטעלט פיס, נעקראָבען איבער פאַרקענס, געשפּרונגען איבער טויערען, געקלעטערט אויפ׳ן לייטער, געזעסען אַ גאַנצען טאָג אין אַ לאָך, איינגעבויגען אין דרייען, אינאיינעם מיט אַנדערע יודען, געליטען יסורים מיט שלעק מיט וועהטאָגען, אָבער אַז ס׳איז געוואָרען נאַכט און איך האָב זיך אַראָבגע־לאָזט מיט מסירת נפש פונ׳ם בוידעם, האָב איך געדאַנקט און געלויבט דיין ליעבען נאָמען, וואָס ס׳זענען מיר ניט צושיט געוואָרען די ביינער און איך האָב מיר ניט אויסגעבראָכען אַ צאָהן, און איצט האָף איך אויך טאַקי נאָר אויף דיין הילף, גאָטעניו!.. אַזאַ כשר׳ער יוד, ווי איך, אַזאַ גרויסער בעל-בטחון, וואָס מאַכט אַוועק מיט דער

האַנד אַלע זיין צרות און זאָגט: „גאָט איז אַ פאָטער", פערדיענט טאַקי זאָלסט איהם געבען זיין שכר אויף דער וועלט פון דיין פולער האַנד"... איך רייד און גאָט, ברוך הוא, שמייכעלט, און מיר דאַכט זיך, ער ענטפערט מיר: הבן יקיר לי, מענדעלע ביזט מיר אַ וואוי־לער זוהן, אַ טרייסט, אַ נחמה, מיין טייערער מענדעלע, הלואי וואָלט איך געהאַט אַ סך אַזוינע יודען! —

אַזוי טראַכט איך מיר, און סע חאַפּט מיך אָן אַ חשק צו אָננעהמען זיך גאָט׳ס קריוודע, כדי ער זאָל טאַקי זעהען מיינע גוטע מעשים. און איך קערעווע זיך אויס צו בנציונ׳ען מיט אַזוינע ווערטער:

— מילא, וואָס איהר פאָהרט קיין ארץ ישראל בין איך אייך מוחל. זאָלען אַנדערע מיט אייך פיהרען וכוחים און אויסווייזען באותות ומופתים, אַז איהר טוט ניט אָדער איהר טוט שלעכט. פון מיינעטוועגען, פאָהרט אייך צו אַל די גוטע יאָהר. אָבער וואָס איז דאָס עפּעס פאַר ווערטער מכח יודען און יודישע געדאַנקען? וואָס קאַפּעט איהר מיר לינקס אויפ׳ן יודישקייט?

— חלילה! — ענטפערט בנציון און צאַפּעלט זיך אַזש מיט אַלע אברים — חלילה! ווער רעדט דען? דאָס יודישקייט איז דאָך מיין לעבען, מיין חיות, מיין נשמה. צוליעב דעם יודישקייט בין איך דאָך דאָס, וואָס איך בין — אַ יוד, אַ זוהן פון מיין פאָלק, ווייט אָבגעשיידט פון אַלע איבעריגע פעלקער אויף דער וועלט. דאָס יודישקייט — דאָס איז מיין בעזונדערע געשטאַלט, מיין אייגענער יודישער חאַראַקטער, מיינע מדות, מיין פיהרונג, אפילו מיינע תנועות און העוויות. פון דעם נגון, מיט וועלכען איך רייד, ביז דעם קנייטש אויפ׳ן שטערען, ביז דעם מינדסטען דרעה מיט אַ פינגער. דאָס יודישקייט איז כולל אונזער גאַנץ פערמעגען, אַלצדינג, וואָס ס׳איז אונז געבליבען פון די ישיבות פון שם ועבר, פון די ישיבות פון יבנה און אושא און פומבדיתא און נהרדעא מיט זייער גרויסע חכמים און רבנים, ווי אין ארץ ישראל, אַזוי אויך אין בבל, פון די בתי מדרשים און ישיבות און תלמוד תורות און די חדרים אין גלות אַלע יאָהרען ביז היינטיגען טאָג. זיי אַלע האָבען אַרויפ־געלעגט אויף מיר זייער שטעמפּעל. פון אַלע האָב איך גע׳ירשנ׳ט גע־וויסע סמנים, זיי אַלע האָבען מיך געמאַכט פאַר אַ יודען מיט אַלע פּי־שטשעווקעס, מיט אַלע קנייטשעלעך סיי אין גוף, סיי אין דער נשמה נאָך פון פריהערדיגע דורות, נאָך איידער איך בין נאָר געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. נו, זאָגט איהר אַליין: קען איך דען בייטען מיין

געשטאלט? קען איך זיך דען אָבזאָגען פון זיך אליין? חלילה וחס! איך רייד ניט פון דעם ריינעם יודישקייט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אונז במסורה פון משה רבנו'ס צייטען, נאָר פון דעם ווילד־פרעמדען, צוקאַליעטשעטען, פערדאָרבענעם יודישקייט, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונז אין גלות. ס'איז דאָך דאָ אַ חלוק צווישען דת משה און דעם היינטיגען יודישען דת.

— רב מענדעלע! — שרייט רב ישראל, אונטערשפּרינגענדיג ווי ניט אין זיך, און טאָרעט מיך מיט'ן גראָבען פינגער. — אוי, וואָס שווייגט איהר, רב מענדעלע! איך בעט אייך, זאָגט מיר, איהר'ט שוין אַמאָל געהערט אַזוינע נאַרישע דבורים? רבונו של עולם, היתכן... דת משה און יודישער דת! סע קומט איהם דאָך... נאָר וואָס טויג ריידען? וואָס וועט העלפען? לאָמיך בעסער שווייגען.

רב ישראל געהט זיך צו זיין ווינקעל, בויגט זיך אָן, צובינדט די שטריק אויף די זעקלעך און קלומקעס און שלעפּט פון דאָרט אַרויס עפּעס זאַכען. איך געה מיר אין אַן'אַנדער ווינקעל, נעהם אַרויס דעם תפלין־זאַק מיט אַלע מכשירים און שטעל זיך דאַווענען. איך גרייט זיך לויבען זיין ליעבען נאָמען מיט אַ לויטער האַרץ און אַ טיעפער כונה, איך וואָרט דעריבער, ביז איך וועל ווערען אַביסעל רוהיגער און וועל פערגעסען די זינדיגע דבורים, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהערט. נאָר אַז אָך און וועה צו מיינע שונאים! הלואי וואָלט איך בעסער ניט געטראַכט פון כונות און געדאַווענט פּראָסט פשוט, ווי אַלע יודען, וואָלטען מיר אפשר ניט אַרויפגעקומען קיין בייזע הרהורים, רחמנא לצלן! וואָרום טאַקי וויל איך האָב געוואָלט מבטל זיין בנציונ'ס דבורים כעפרא דארעא, האָב איך גענומען קלערען וועגען זיי, בעטראַכטען זיי פון אַלע זייטען; דאָס קלערען האָט מיך אָבער געבראַכט צו אַ שווינדעל: נאַרען דעם רבונו של עולם, וויזען איהם, אַז איך בין איהם איבערגעגעבען מיט אַלע געדאַנקען און מיט אַלע חושים; פון דעם שווינדעל איז שוין געווען נאָר אַ שפּאַן וועג צו חנופה: איך האָב גע'חנפ'ט דעם אויבערשטען מיט זיסע ריידעלעך, זיך געוואָלט אונטערקויפען בּיי איהם מיט פאַלשע ווערטער; די חנופה האָט, ווי דער שטייגער איז, אויפגעוועקט דעם יצר הרע און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. דער יצר הרע איז ביי מיר, דאַרפט איהר וויסען, אַ פּקח, אַ חכם עתיק, ער פערשטעלט זיך דוקא פאַר אַ חסיד, אַ כשר'ע נשמה, אַ וואוילען בעל־יועץ, וואָס מיינט אַלצדינג נאָר לשם שמים; ער איז געניט אין

וועלט־זאַכען, ווייסט, ווי אַזוי מענשען פיהרען זיך. און קען מאַכען פון שוואַרץ ווייס און פון אַ מאוס'ניצע אַ גרויסען פאַרשוין; ער פערשטעהט גוט אַ בלאַט גמרא, איז געניט אין די קליינע אותיות'לעך, דערביי האַלט ער זיך שטיל, געלאַסען אָהן כעס, און האָט אַזאַ צונג, אַז ער קען ווייך מאַכען אַ שטיין.

אָט דער בחור מיינער האָט מיך גענומען, ווי זאָגט מען דאָס, צום סמיק. איך שטעה, דאַווען בדחילו ורחימו, האַלט שוין בּיי שמונה עשרה, און יענער קומט מיט אַ גמרא און רוימט מיר איין אויפ'ן אויער: הערט נאָר, רב מענדעלע, אפשר קענט איהר מיר געבען צו פערשטעהן די משנה אין כתובות: „ואלו יוצאות שלא בכתובה"... — „אָט די געהען אַרויס אָהן אַ כתובה"?..

איך הייץ זיך, שאָקעל זיך, דאַווען מיט אַ ברען, וויל נאָר ניט הערען די טרפה'נע ווערטער, און יענער טרעט ניט אָב, פערטייטשט מיר וואָרט אין וואָרט די משנה: „העוברת על דת משה ויהודית"... „די וואָס איז עובר אויף דת משה און אויפ'ן יודישען דת..." צו אַל די שוואַרצע יאָהר! — בייזער איך זיך; — וואָס קעהר זיך אָן הלכות נשים צו „עזרת אבותינו"?.. איך מאַך מיר האַרץ, זינג און דאַוען מיט גרויס דבקות און וויל זיך גאָר ניט אומקוקען אויפ'ן עכבראָש. יענער טוט זיך אָבער זיינס, ער חזר'ט אויך מיט אַ נגון: „ואיזוהי דת משה וכו' ואיזוהי דת ישראל"?... „וואָס זשע הייסט דת משה און אַז. וו. און וואָס הייסט דער יודישער דת"?.. וואָס איז דאָס? איך פערשטעה גאָר ניט, קענען וואָס ברענגט ער די דאָזיגע משנה? — וויל איך זיך אַרויסדרעהען פונ'ם יצר הרע'ס הענד. יענער לאָזט מיך אָבער ניט אָב. ער מאַכט פון מיר חוזק און שטעלט מיר אַרויס אַ צונג: מענדעלע! (שוין גאָר ניט רב מענדעלע) מיך, מענדעלע, וועסטו ניט נאַרען! דו פערשטעהסט דוקא זעהר גוט, וואָס מע מיינט און קענען וועמען איך רייד דאָ... דערמאָן זיך נאָר, וואָס דער יונגער מאַן האָט דיר געזאָגט.

יאָ, אמת. איך האָב דוקא גוט פערשטאַנען, ווי טיעף דאָס ריהרט אָן און וויפיעל מען קען דרינגען פון אַזאַ משנה. נאָר יוואָס דען? איך האָב זיך ניט געוואָלט מודה זיין. איך האָב בעסער געוואָלט נאַרען זיך אַליין, ווי דער שטייגער איז. צוליעב דעם נאַרעניש האָט דער יצר הרע ערשט בעקומען נאָך מעהר כח און האָט מיר גענומען איבער'חזר'ען דעם גאַנצען שמועס פון דער משנה וועגען דעם, וואָס

הייסט יודישער דת. א שטיינער: „א פרוי געהט מיט א הוילען קאפ, זי שפינט אינמיטען מארק און רעדט מיט יעדערען, ניט ווי יודישע קינדער זענען זיך נוהג"... טפו זאל ער ווערען! ער נעהמט, דער ימח שמו'ניק, און מאלט מיר אויס פאר די אויגען א יודישע טאכטער, אנ׳ אויסגעלאסענע, ווי עס שטעהט דארט אין כתובות: זי שפינט מיט א שפינדעל און ווינקט דערמיט צו די בחורים און שפּיעלט זיך מיט זיי בפרהסיא. — און דאס אלץ, וועה איז מיר, אינמיטען דאווענען!.. בייזע געדאנקען קריכען מיר אין מוח, טאנצען און שפּריגגען און בייסען מיך, ווי פליעגען סוף זומער. איין געדאנק קומט, דער אנדערער געהט אוועק, און איך שטעה און קלעהר און פערקריך אלץ טיעפער אין אמונות און דעות, איך ציה דורך א מחיצה צווישען היילינ און ניט היילינ, צווישען יודישע דינים אייגענע און איבערגענומענע ביי אנדערע פעלקער, צווישען ערטער און צייטען, און איך בוי שוין א נייע שטה אין יודישען דת! ס'איז ניט גלייך, טראכט איך, יודישקייט צו יודישקייט: איינס שטאמט פונ'ם בארג סיני, עס איז אנגעשריעבען אין דער תורה און איבערגעגעבען פון דור צו דור — דאס איז דת משה; און איינס איז פונ'ם גלות, פון די יודען, וואס האבען זיך אויסגעמישט מיט אנדערע פעלקער — דאס איז דער יודישער דת. דאס ערשטע איז כלו קודש. אויף דעם שטעהט דאס יודישע פאלק מיט זיין בעזונדערער געשטאלט און זיין אייגענעם כאראקטער; דאס אנדערע איז א געמישעכץ פון היילינקייט מיט פראסטע, וואכעדיגע מדות און מנהגים און מיינונגען, וואס די יודען האבען ארייננעזאפּט אין זיך אין פיעלע ערטער אין א משך פון לאנגע יאהרען. ווען סע קומט א דור פון נאַרישע מענשען, אהן א קלארען קוק און אהן א רעכטען פערשטאנד, נעהמט דאס יודישקייט אין זיך אריין אלצדינג, דאס גוטע און דאס שלעכטע, דאס שענע און דאס מאוס'ע, דאס ריינע קארען און די פסולת, דעריבער זעהט עס אויס אזוי משונה ווילד, און דעריבער... דעריבער איז אפשר בנציון געשעכט...

וועה, וועה צו מיינע יאהרען! וואס טוט מען מיט'ן יצר הרע? איך לאז ארויס א טיעפען זיפץ, פערוויקעל זיך אין טלית ביז איבער'ן נארטעל און שטעה מיט'ן פנים צו דער וואנד, א צובראכענער, א צוקאכטער פון אזוינע זינדיגע מחשבות.

— זייט זשע מוחל, פעטער! — הער איך עמיצער רופט צו מיר און טאקי באלד דערפיהל איך א שטורך אין זייט.

איך קוק זיך אום און זעה: דער משרת פון דער אכסניא רוקט צוויי בעטלעך צו דער וואנד, וואו איך שטעה.

— וואס עפעס צוויי? — פרעג איך.

— הלילה הזה שתי פעמים, — ענטפערט מיר דער בחור מיט א ווערטעל און מיט א צוקאליעטשעטען פסוק, ווי דער שטייגער איז ביי די דאזיגע לייט. — וואו האט איהר דען געזעהען, אז צוויי זכרים זאלען שלאפען אין איין בעט?

— מילא איינער, ווייס איך, איז דא — טענה איך — דאס איז דער יונגער מאן. אבער וואו איז דער אנדערער?

— שנים שנים באו אל התבה, — לאכט דער משרת אויף זיין שטייגער. — איין אורח ברענגט דעם אנדערען אורח, און די בעל־הבית'טע איז צופריעדען, זאל איהר נאט העלפען. און אייך, אז איהר וועט שלאפען פיער־פינף אין איין חדר, וועט אייך, אם ירצה השם, ניט שאדען, סע וועט אייך נאר זיין ווארעם.

— וואו זשע זענען די איבעריגע? — וואונדער איך זיך, ניט זעהענדיג ניט רב ישראל'ן, ניט דעם יונגען מאן.

— די איבעריגע זענען, ווייזט אויס, פראסטע יודען, זענען זיי זיך אוועק אין שטאדט אריין, — ענטפערט דער משרת און קוקט אויף מיר מיט איין אויגעל. — איהר, פעטער, זעה איך, זענט מיר שטארק ארייננעטאן אין דער תפלה, סע פלאמט אייך אזש דאס פנים; איהר האט זיך אזוי פערטיעפט, אז איהר האט גאר ניט געהערט ארויסגעהן די איבעריגע שכנים... ווייסט איהר זשע, וואס איך וועל אייך זאגען? איך האב דא אנ'עקרה, א פיינע און א וואוילע, דארף זי האבען א ברכה פון א צדיק. זאל איך זי אפשר רופען, די יפהפיה, וועט איהר זי בענשען?...

שווער צו פערשטעהן, וואס אזא מין משרת, א ממזר־יונג, מיינט: דאכט זיך, ער רעדט מיט דיר בתמימות, און ס'קען זיין, אז ער טראכט נאר דער שווארץ יאהר ווייסט וואס. איך האב מיך מישב געווען: לאס איך בעסער זיין אצונד דער נאר. זאג איך דעם משרת, אז דער שליסעל פון קינדער געפינט זיך ניט אין מיינע הענד, און היים איהם געהן.

דער משרת איז ארויסגעגאנגען. איך בלייב ווידער אליין און הויב אן מלמד חוב זיין אויף אלע מענשען, ארויסגעהמענדיג א מוסר פון זיך. איך טראכט מיר אזוי: ווען עמיצער זעהט מ י ך, א שטיינער, ווי

איך דאַווען הײַנט מיט אַזאַ גרויסער התלהבות, וואָלט ער דאָך אוודאי געמיינט, אַז איך בין אַ פֿרומער יוד, אַ הייסער צדיק, אַ כּשר׳ע נשמה; ווען ער גיט אָבער אַ קוק אינווענינג, וואָלט ער זיך דערשראָקען פֿאַר מיין אייזערנעם יצר הרע און פֿאַר די שלעכטע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך מיר געפּלאָנטערט אין דאַוונען און מיך פֿערשלעפּט אין אַ העק. הײַנט אַז איך בין אַזוי, פֿון וואַנען זשע ווייס איך, אַז אַנדערע פֿרומאַקעס זענען בּעסער? אפשר איז בּיי זיי אויך די פֿרומקייט נאָר אַ מאַסקע און אינווענינג זענען זיי אָנגעשטאָפּט מיט מאוס׳ע געדאַנקען און טרפֿה׳נע תאוות? אפשר איז אין יעדען פּנחס בּעהאַלטען אַ זמרי בּן סלוא?

— גאָט אין הימעל! אויבּ אַזוי, איז דאָך גאָר קיין יודען ניט געבּליבּען! — שרייט אין מיר דאָס האַרץ, און איך קלעהר און טראַכט, שאַרף מיר דעם מוח צו בּעווייזען, אַז איך בּין אומגערעכט. סע העלפֿט אָבער ניט. איך זיץ איינער אַליין אין מיין חדר און זיפֿץ און בּין אויס מענש.

— האָבּ דיר אַכציג שוואַרצע יאָהר! בּיז וואַנען איז דער שעור אָרומגעהן פּוסטעפּאַס! — הער איך, ווי עמיצער טענה׳ט צו מיר. דאָס מאָלט זיך מיר אויס, אַז די אַלטע מיינע לענט אַוועק אַ בּרכה, ווי דער שטייגער איז פֿון ווייבּער, ווען זיי טרייבּען־אונטער דעם מאַן צו זוכען פּרנסה. — קוק איהם נאָר אָן, דעם תּכשיט מיינעם: ליעגט אין דער קרענק אויף דער סטאַנציע און בּרעכט זיך דעם מוח אויף נאַרישע מעשיות, וואָס זענען אַ דרייער ניט ווערט. שען, כ׳לעבּען! ער האָט שוין גאָר פֿערגעסען, אַז ער האָט אַ ווייבּ מיט קינדער און אַז ער איז געקומען אַהער מאַכען געשעפֿט. אַכזר! קוק זיך נאָר אַרום, וואו בּיזטו אין דער וועלט. אַלע יודען שטעהען אויף גאַנץ פֿריה, נעהמען די שטעקעלעך אין די הענד און לאָזען זיך געהן, זוכען, נישטערען, אפשר וועט גאָט צושיקען אַ געשעפֿטעל. און דו, עוכר ישראל, דו האָסט איינגאַנצען אַראָבּגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם עול פֿון פּרנסה און — אַ יום־טוב אויף דיר! זאָלסט שוין ניט דערלעבּען יום־טוב, טאַטע זיסער! קאַרג צרות האָבּען מיר געהאַט, קאַרג נעכט ניט דערשלאָפֿען, בּיז מיר האָבּען אויסגעקראַצט די עטליכע קערבּלעך אויף דער נסיעה, און דו ליעגסט זיך דיר און עסט אַ קערבּעל נאָך אַ קערבּעל, עסען זאָלען דיך ווערים אפשר וואָלט שוין אָבער געווען גענוג? אפשר וואָלסטו שוין אויך זיך געלאָזט אין שטאָדט אַריין, האַ?

ווען מע גיסט מיך אָבּ מיט אַ הייסען אָקראָפּ, וואָלט איך ניט געדאַרפֿט ווערען אַזוי צוקאָכט, ווי פֿון די דאָזיגע ווערטער. און איינגע זענען זיך צופֿלויגען אַלע מיינע פֿריהערדיגע רעיונות, און איך האָבּ זיך גענומען גרייטען אין שטאָדט אַריין: בּעטאַפּט די פּאות און די בּאָרד, אָנגעטאָן די שבּת׳דיגע קאַפּאָטע — אַ סגולה צו קרעדיט, ווי דאָס איז ידוע אַלע קליינשטעדטעלדיגע סוחרים. דורכגעהענדיג נעבּען שפּיגעל, האָבּ איך, ווי אומגערען, אַ קוק געטאָן אויף זיך און בּין זיך דוקא געפֿעלען!

— זייף און פּאָמאַדע, הענדשקעלעך און שטעקעלעך, טיכעלעך און קנעפּלעך, שוועבּעלעך, שניפּסען, גאָפּלען מיט מעסערס — איהר דאַרפֿט ניט קיין בּעסערס!.. שרייט עמיצער נעבּען דער טהיר. בּאַלד בּעווייזט זיך אַ פֿערסאָפּעטער יוד, לאָזט אַראָבּ דעם קלומעק מיט סחורה אויף דער ערד און נעהמט זיך ווייטער אויסרופֿען, וואָס ער האָט צו פֿערקויפֿען.

— מאַכט עס גיכער, רבּ קרובֿ, — זאָג איך איהם, — וואָרום איך האָבּ קיין צייט ניט. — יענער מאַכט זיך ניט הערענדיג און האַלט אין איין צעהלען:

— זייף און פּאָמאַדע, פּאַפּיער, קאָנווערטען, טינט און פּענעס, סם־המות פֿאַר שטשורעס!..

— לאָזט געמאַך! איך מוז אַוועקגעהן! — בּעט איך זיך בּיי׳ם יודען און קוק אויף איהם מיט רוגזה, טראַכטענדיג בּיי זיך, ס׳אַראַ מאוס׳ע אומה אונזערע סוחרים זענען: זאָגסט איהם קלאָרע דבּורים — ניין, ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג; זיין כּבוד איז בּיי איהם ניט ווערט אַ פּרוטה, ער וועט זיך פֿאַר אַ פֿערדיענסטעל לאָזען אָנשפּייען אַ פֿול פּנים. אַנ׳אמתער חלול השם!

— האָט רחמנות, פּאַני, גיט עפּעס צו לעזען, — בּעט זיך דער יוד מיט אַ רחמנות־פּנים, און איך לייען אין זיינע אויגען זיין דלות און זיינע בּיטערע צרות. — קויפֿט עפּעס אויף אַ פּאָטשאָנטעק. איך האָבּ היינט, גיט פֿאַר קיין שום יודען געדאַכט, אַ פֿינסטערען טאָג. פֿון אינידערפֿריה אָן, חאָטש ציה זיך אויס, קיינער קויפֿט ניט פֿאַר אַ גראָשען. איך בּין, לא עליכם, אַנ׳עני ואביון, אַ מטופּל מיט קינדער. נעכטען [illegible]ט מען זיך מיט מיר שען אָבּגערעכענט... נאָך אַ דאַנק גאָט פֿאַר׳ן גרויסען נס, וואָס מיר זענען אַלע לעבּען געבּליבּען און כ׳האָבּ אָבּגעראַטעוועט אָט דאָס בּיסעלע סחורה. קויפֿט, פּאַני, גיט צו לעזען!

מיר פערקלעמט דאָס האַרץ פאַר רחמנות אויף דעם אומגליקליכען יודען, און איך האָב שוין חרטה, וואָס איך האָב נאָר וואָס איהם נע־דעלט אין האַרצען. איך זאָג איהם זעהר פריינדליך:

— נו, ניט זשע מיר זאָקען!

איך שטעק אריין די האַנד אין קעשענע נאָכ'ן ביטעלע געלד — ניטאָ! איך זוך אין די הויזען, אין דער קאַפּאָטע, איך טאַפּ זיך אַרום פון אַלע זייטען — ניטאָ! מסתמא האָב איך עס אָנגעוואוירען נאָך נעכטען, בשעת איך האָב זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענד. אַ פּאָר מינוט שטעהען מיר אין געהאַקטע וואונדען און קוקען אָן איינער דעם אַנדערען — איך דעם יודען און דער יוד מיך, און זיפצען. נאָכדעם נעהמט דער יוד זיין פּעקעל אויף די פּלייצעס און געהט אַרויס מיט יסורים.

ס'איז נאָך אַ דאַנק און אַ לויב זיין ליעבען נאָמען, וואָס איך בין געפאַלען אויף אַנ'עצה, אַרויספאָהרענדיג פון דער היים, אַראָבנעהמען עטליכע קערבלעך און זיי בעהאַלטען אין אַ קניפּעל אונטער'ן העמד. אַניט וואָלט מיר אויסגעקומען חאָטש באַלד זיך לאָזען איבער די הייזער. איך טאַפּ אָן מיט דער האַנד דאָס קניפּעל אויפ'ן בויך און זאָג זיך: שישו בני מעי! דאַנקען גאָט דערפאַר! — נאָכדעם טו איך אַ טאַפּ די לינקע פּאה, אַ קראַץ אין קאָפּ — און לאָז זיך געהן.

איך בין נאָך ניט אַרויסגעגאַנגען פון דער אַכסניא, דערפיהל איך, אז — ניין! לא מיט אַנ'אַלף! איך קען זיך ניט ריהרען פונ'ם אָרט. סע האַקט מיר אין די זייטען און סע טוט מיר וועה יעדעס ביינדעל אינ'ם חוט־השדרה — נאָך אַלץ פון דעם נעכטיגען קלעטערען און פון דעם קלאַפּ אָן די באַנטעם. איך שטעה עטליכע מינוט ווי געלעמט, אין קאָפּ שווינדעלט מיר, די פיס זענען ווי צוגעקאָוועט. קוים מיט צרות האָב איך זיך פערשלעפּט צוריק אין מיין ווינקעלע. פּאַוואָלינקע, אויף אַלע פיער, האָב איך זיך צוגערוקט צום בעטעל און מיט גרויס מיה אַרויפגעקראָבען אויפ'ן געלעגער.

זזיך ליעג אויפ'ן בעטעל און סע לאָזט מיך ניט רוהען. סע טוט וועה דער גוף און סע נאָגט אין דער נשמה. גוטע און שלעכטע געדאַנקען מישען זיך איבער, שטויסען זיך אָן איינער אָן צווייטען, ערקלעהרען מיר די אַלע מעשים אויף פערשידענע אופנים.

אָט קיק איך זיך צו צו די צרות מיט די אומגליקען, וואָס האָבען זיך געטראָפען די לעצטע טעג, און איך ווער ביי זיך גרויס. איך טראַכט מיר: אַז וואויל איז דיר און אַז וואויל איז דעם פאָלק ישראל, וואָס דער גאָט פון אברהם'ן, פון יצחק'ן און פון יעקב'ן טוט אַייך ביישטעהן אין אַלע אַייערע נויטען. פרעהט זיך, יודעלעך, און דאַנקט זיין הייליגען נאָמען פאַר די נסים, וואָס ער בעוויזט אַייך יעדע שעה, יעדע מינוט!..

און איך ווער שטאַרק אויפגעלעגט און שיק אַ שבח דעם רבון עולם פאַר דעם נס, וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן: וואָס איך בין נצול געוואָרען מיט'ן לעבען, וואָס איך בין אָבגעקומען נאָר מיט אַ קלאַפּ, אַ שטורך, אַ וועהטאָג אין זייט, בשעת איך האָב געקענט ברעכען האַלז און נעקען, חלילה. אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, אַבי מע לעבט, אַ דאַנק דיר, פאָטער אין הימעל. — און אָט ווערט מיר קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה און איך זאָג מיר: אַז אָך און וועה איז דיר און אַלע יודען, וואָס איהר קענט אַ טאָג ניט איבערלעבען אָהן נסים! אַזוי לעבט נאָר אַ קנעכט, אַנ'עבד! מע דערלאַנגט איהם אַ פּאַטש אין פּנים — ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג; מע האַקט איהם אויס אַ צאָהן, מע נעהמט איהם אַרויס אַנ'אויג, ער דאַנקט גאָט, וואָס מ'האָט איהם ניט אויסגעהאַקט צוויי ציינער, ניט אַרויסגענומען ביידע אויגען... קנעכט זענט איהר, יודעלעך, קנעכט! איהר ווייסט נאָר דאַנקען פאַר יעדער מכה, פאַר יעדער צרה שלא תבוא; אין יעדען אומגליק, אין יעדער אָנשיקעניש געפינט איהר נאָך נסים ונפלאות. אָן יענץ יודעלע מיט'ן פּעקעל סחורה, וואָס איז אין איין טאָג געוואָרען אַנ'עני ואביון, זאָגט דאָך אויך על הנסים... אָבער צוריק, טראַכט איך מיר, אפשר איז טאַקי דער רבונו של עולם גערעכט? אפשר איז דאָס אַנ'אָבקומעניש פאַר אונזערע זינד?.. ענטפערט מיר דער יצר הרע: וואָס זענט איהר עפּעס זינדיגער פון אַלע אַנדערע מענשען? זאָגט מיר, איך בעט אַייך, מיט וואָס האָט איהר זיך דאָס אַזוי פערזינדיגט? אפשר דערמיט וואָס איהר לעבט, וואָס איהר עסט און טרינקט און האָט קינדער? זענט איהר דאָך אָבער נאָר מענשען, בלוט און פלייש, איהר האָט אַ מאָגען, ווי אַלע אַנדערע מענשען, איהר האָט אויך חושים און געפיהלען און תאוות און בעדערפענישען, ווי אַלע לעבעדיגע בעשעפענישען! דאַכט זיך, פערקעהרט, ניטאָ אויף דער וועלט קיין אומה ולשון, וואָס זאָל אַזוי דיענען גאָט פון אינדערפריה ביז ביי־נאַכט, ווי דער יוד. איהר לעבט דאָך גאָר ניט, איהר זענט דאָך פון אַלע זייטען אַרומגעצאַמט מיט דינים און

חומרות און סיגים, ביי אייך איז דאָך אויף יעדען פון אייערע רמ"ח אברים, אויף יעדער איינציגער פון אייערע בעדערפעניסען אָנגעטשעפעט גאַנצע פעק מיט מצות און דקדוקים גרויסע און קליינע. עסען עסט איהר קרענק, אָבער זאָגען זאָגט איהר זיך אָן, ווי אַ פויק אי פאַר'ן עסען, אי נאָכדעם. אויף יעדען טריט האָט איהר אויסגעבויט שוהלען און בתּי-מדרשים און חדרים און ישיבות, אַלע אייערע יאָהרען פערברענגט איהר באהלה של תורה. אייערע קינדער לערענט איהר ניט דאָס, וואָס זיי דאַרפען קענען צום לעבען, מחמת זיהר דאַרפט זיי דאָך שטאָפּען מיט דער הייליגער תורה. די בעדערפענישען פון דער איצטיגער צייט זענט איהר מבטל צוליעב אַזוינע הלכות און דינים, וואָס האָבען נאָר אַ שיכות צו פערגאַנגענע צייטען און דורות. און אַלץ צוליעב וואָס? כדי איהר זאָלט זיך אונטערקויפען ביי'ם רבונו של עולם, כדי איהר זאָלט איהם דיענען מיט אַלע אייערע חושים, מיט אַלע אברים, מיט אייער גאַנצען לייב און לעבען. און איהם איז נאָך אַלץ קאַרג, ער איז אַלץ ניט צו-פרידען, ער האָט נאָך אַלץ צו אייך טענות! נ-ָר לאָז שוין אפילו זיין, אַז איהר האָט זיך יאָ אַמאָל טועה געווען, אַז ס'האָט זיך אייך געטראָ-פען אַ מכשול — איהר זענט דאָך ניט מעהר ווי מענשען — נו, דאַרף מען שוין זיין ברוגז אייביגע יאָהרען, דאַרף מען שוין גאָר קיינמאָל ניט וועלען פערגעבען? דער פּחד און די הכנעה האָבען פון אייך געמאַכט אַ תּל, איהר זענט געוואָרען חניפה'ניקעס, צבוע'קעס, נידעריגע מענשען. איהר האָט מורא צו זאָגען דעם רבונו של עולם דעם אמת אין פּנים. איהר ניט איהם אָב דעם גערעכט, מחמת איהר ציטערט פאַר זיין שווערען משפּט. דערמאָנט זיך אָבער, וואָס האָבען אייערע עלטערען געטאָן! אָ, זיי האָבען קיינעם ניט גע'חנפ'עט, זיי האָבען געזאָגט דעם אמת אפילו גאָט אַליין! געקומען ירמיהו הנביא און געזאָגט: וואו זענען זיינע שרעקען? און האָט ניט געזאָגט: דער גאָט פון שרעק. געקומען דניאל און געזאָגט: זיינע קינדער זענען געפאַנגען, וואו זענען זיינע גבורות? און האָט ניט געזאָגט: דער גאָט פון גבורה... ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז ער האָט ליעב דעם אמת, איז ער מכבּד מיט'ן אמת, דעריבער האָבען זיי ניט גערעדט פאַלש. און אייערע ערשטע חכמים לעגען אַריין אַזוינע ווערטער אין דעם מויל פון דער כנסת ישראל: רבּון העולמים, דו האָסט געשריעבען אין דיין תורה: לא תקום ולא תטור *) —

---

*) ניט טראָגען קיין נקמה און האַס אין האַרצען

לעבעדיג, אַקוראַט ווי ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געלעגען פערשמאַכט. נעהם אַ יודען אַ דאַרען, אַ קוואַרען, וואָס קוים סע האַלט זיך אין איהם די נשמה, לאָז איהם נאָר איין מינוט האַפּען פרייער דעם אָטעם, קומט באַלד אַריין אַ גיי לעבען אין זיינע אויסגעטריקענטע ביינער און ער נעהמט זיך צו דער אַרבייט מיט אַלע אברים און מיט דער גאַנצער נשמה.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, זעה איך, סע ברענט אַ ליכט אויפ'ן טיש אין עק חדר, רב ישראל און בנציון און נאָך צוויי פרעמדע יונגע לייט זיצען אַרום טיש און פיהרען אַ הייסען וכּוח. איך ליעג אויפ'ן בעטעל, הער זיך איין אין אַלע זייערע טענות, שטעל מיר אַריין פאַר זיך מיינע הערות אין זייער שמועס און גיב זיי אָב דעם גערעכט.

— זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, — שרייט איינער פון די נייע, — איידער איהר וועט ניט בעפרייען דעם נפש, וועט די גאולה פון דעם גוף ניט האָבען קיין ממשות. אויב מיר ווילען אויסבעסערען דאָס יודישע פאָלק, דאַרפען מיר אָנהויבען פון די יודישע דעות, פון דער יודישער פיהרונג; מע מוז קודם כל אויסגלייכען דעם יודענ'ס נשמה, אַז ער זאָל ניט זיין אַזוי געפאַלען ביי זיך, ער זאָל זיך אויפהערען אַרומטראָגען מיט נאַרישע געדאַנקען, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון שאַחער-מאַכער, פון קנאה און שנאה און פון טויזענטער אַנדערע שלעכטע מדות, וואָס האָבען זיך צוגעקלעפּט צו איהם אין אַ משך פון צוויי טויזענט יאָהר. מע מוז ערשט מאַכען אַזוי, אַז דער יוד זאָל ק ע נ ע ן אויפנעהמען ריכטיגע געדאַנקען און אָרענטליכע מדות, אַניט וועט ער אין ארץ ישראל אויך ניט איינפיהרען קיין רעכטען ישוב און זיין לעבען וועט האָבען אַ פּנים פון חוזק.

„גערעכט"! — טראַכט איך מיר אין מיין ווינקעל, און איך שטעל מיר פאָר די אייביגע רייסענישען אין אונזער קהל'שען לעבען, די חוצפּה און די פאַלשקייט פון אונזערע עוסקים בצרכי צבור, וואָס ס'רוב זענען זיי גראָבע יונגען, בּורים, נידעריגע מענשען און וואָס נאָר צוליעב זייער עזות ווערען זיי ביי אונז קהל'שע מאַכערס. איך דערמאָן מיר די קריעג די מסירות, די פּייערדיגע פּעטש, וואָס פליהען צוליעב עליות רבנים, שוחטים, חזנים. איך מאָל זיך אויס, ווי די קלענערע חנפ'ענען ביי אונז די גרעסערע, זענען זיך מכניע פאַר אַ ליאַדע בעל יכולת, זינגען איהם שירות ותשבחות אָהן אַ מאָס און אַ שעור, און ווי יענער פערדרייסט די נאָז, האַלט זיך מעשה תקיף און איז מבוזה מבזה זיינע ברידער, —

און אליין ביסטו א נוקם ונוטר... דו מענסט און איך טאָר ניט ?!״ — ניין, מענדעלע, מע דאַרף זיך ניט נאַרען, ביסט דאָך א יוד א למדן און קענסט די אַלע מאמרים אין גמרא און מדרש, אפשר וועסטו מיר וועלען פערשטאָפּען דאָס מויל מיט דער תשובה, וואָס סע שטעהט דאָרטען, דהיינו: דו וועסט זאָגען, אַז ער איז א נוקם ונוטר צו א נ ד ע ר ע, ניט צו אונז, יודען, — איז אומזיסט דיין טרחה! מיך וועסטו ניט אָבּ־פּטר׳ען מיט אַזעלכע תירוצים. דו ווייסט דאָך זעהר גוט, אַז א ו י ף א י י ך, אויף אייך אַליין, קומען אַלע צרות מיט אַלע אומגליקען, און דאָס ציהט זיך שוין, ברוך השם, ניט איין יאָהר און ניט הונדערט...

„וועה, וועה, וואָס טוט מען מיט׳ן יצר הרע!״ איך זיפץ נעבעך, אַז סע קען ריהרען א שטיין, איך וויל אָנרייצען דעם יצר טוב, ער זאָל פערטרייבען דעם דאָזיגען אומגעריכטען אדוואָקאַט, וועלכער איז גאָר געקומען אינמיטען דערינען מלמד זכות זיין אויף דער כנסת ישראל. קום, בעט איך זיך, ענטפער אָב דעם טרפה׳נעם מסית. מיין יצר טוב האָט אָבער א יודישע טבע: אַז ער זעהט פאַר זיך א פּריץ, ווערט ער דערציטערט און קען ניט עפענען א מויל; יענער שרייט, זידעלט, פּילדערט, און ער שטעהט ווי א נייונקעלע מיט אַן׳איינגעבויגענעם קאָפּ. דערפאַר, אַז יענער שרייט זיך אָן און געהט אַוועק, קריכט ער ערשט אַרויס פון זיין ווינקעל און הויבט אָן מוסר׳ן מיט אַזאַ ברייטקייט און אַזאַ ליאַרעם, אַז הימעל עפענען זיך. אַזוי איז די טבע פון יעדען שוואַכען, ווען ער איז עולה לגדולה. הערען זיין מוסר איז ערגער. ווי א פּאַטש אין פּנים.

אַז אָך און וועה איז מיר מיט מיין יצר הרע, און אַז ווינד און וועה איז מיר מיט מיין יצר טוב!..

נעשלאָפען בין איך דוקא דעם טאָג אַזוי געשמאַק, אַז איך געדענק שוין ניט, איך זאָל אַזוי שלאָפען. דער שלאָף האָט פון מיר אַראָבגענומען אַלע דאגות, געמאַכט מיך פערגעסען מיין האַרצקלעמעניש און אַריינגעגעבען כח אין מיינע אברים. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אויפדערנאַכט, בין איך געווען פריש און געזונד, ווי א נייע הויט איז אויף מיר אַרויף. דער יוד איז ווי יענע קליינינקע בעשעפענישלעך, וואָס מע קען זיי שוין ניט אָנזעהן מיט׳ן אויג. אַזאַ בעשעפענישעל קען ליעגען א לאַנגע צייט טרוקען, דאַר, אָהן א סימן פון לעבען. פּרובסטו אָבער אַרויפגיסען דערויף א טראָפּען וואַסער, — אהא, סע לעבט שוין, סע שוועבט שוין, סע יאָגט זיך אינ׳ם טראָפּען, סע זוכט חיונה, פריש.

אַלץ ניט ווערליג דעם מענשענ׳ס פערדיענסט, נאָר גלאַט אַזוי, אָהן א כּאָלק, אָהן א חשבון. — איך דערמאָן זיך די אַלע שענע זאַכען און טראַכט מיר: אייב אַ ז ו י נ ע וועלען זיך לז׳יען קיין ארץ ישראל, איז שוין גלייכער בלייבען דאָ

— אדרבא, קאַץ! — ענטפערט בנציון, — דער שכל איז פּונקט פּערקעהרט. פריהער דאַרף קומען די גאולה! אַז די יודען וועלען לעבען אויף זייער ערד און פערדינען זייער ברויט דורך שווערער אַרבייט, ווי פאַרצייטען, אַז זיי וועלען בעקומען א געזונטען גוף און וועלען אויפהערען ציטערען פאַר׳ן מאָרגענדיגען טאָג, וועט די נשמה זייערע אויך ווערען געזונט. דעמאָלט ערשט וועלען זיי זיך אָנהויבען פיהרען מיט חכמה און מיט יושר, דעמאָלט ערשט וועלען זיי בעקומען גוטע מדות און נעהויבענע געדאַנקען — און ס׳וועט ניט בלייבען קיין סימן פון די אַלע מאוס׳ע הנהגות, וואָס מיר זעהען איצט ביי׳ם דערשלאָגענעם יודען. אָרימקייט — דאָס איז די שטינקענדיגע בלאָטע, וואו סע מעהרען זיך אַלערליי פּאַסקודנע שרצים און רמשים. זאָל נאָר אויסגעטריקענט ווערען די בלאָטע — וועט קיין שלעכטע בעשעפענישען ממילא ניט בלייבען.

„ער איז אויך גערעכט!״ — טראַכט איך מיר און איך דערמאָן מיר די אַלטע טענות צווישען דעם רבונו של עולם און דער כנסת ישראל. די כנסת ישראל זאָגט: רבונו של עולם, אין דיר איז געווענדט, דו זאָלסט אונז אויסלעזען. השיבנו ונשובה! ענטפערט ער איהר: ניין ס׳איז אָן ד י ר געווענדט, שובו אלי ואשובה אליכם! בעגנוגענט זיך ניט די כנסת ישראל מיט אַזאַ פּסוק, וואָס דער רבונו של עולם ברענגט פונ׳ם נביא מלאכי, און זי טענה׳ט זיך אויס מיט א פּסוק פון תהלים: „שובנו אלהי ישענו״ — און זי איז דוקא גערעכט. וואָרום וואָס זעהען מיר דען אין דער וועלט? א גראָבער יונג, א גס, א מנוול, א נידעריגע בריאה, אַז סע שפּיעלט איהם דאָס גליק און ער ווערט רייך, — ווערט ער גאָר אַנ׳אַנדער מענש. אינאיינעם מיט׳ן מזל בייט זיך ביי איהם אי די צורה, אי דער געדאַנק, אי דאָס ריידען, אי אפילו דאָס קול. אַז גאָט ריכט אויף א מענשען, און גיעט איהם ריינע קליידער, ווערען אפילו די וואַנצען שלום מיט איהם, פערשפּאָרט ער זיך קראַצען...

— ניטאָ קיין גאולה אָהן דעם גואל צדק! — שרייט רב ישראל אין גרוים אימפּעט. — ביאת הגואל איז אין די הענד פונ׳ם רבונו של עולם און דאַרף פאָרקומען בדרך נס. ווער סע וויל ברענגען די גאולה בדרך הטבע — איז א כופר און א הפקר־מענש און א גראָבער יונג.

„ער איז אויך גערעכט, אַזוי שטעהט טאַקי אין אַ סך ערטער אין גמרא און אין מדרש", — טראַכט איך מיר און דערמאָן זיך אַ טרויעריגע מעשה, וואָס איז זיך מיט מיר פּערלאָפּען, אַז איך בין געווען אַ יונגעל. ס'איז דעמאָלט געשטאָרבען מיין טאַטע, אַ יוד אַ לערנער און אַ מכובד. אונז, יתומים, האָט ער ניט איבערגעלאָזט גאָר ניט, אחוץ זיין מזרח-שטאָדט אין בית מדרש, וואו ער פלעגט דאַוונען און לערנען. איך, אַ בן-יחיד און אַ חשוב קינד, אַז איך פלעג זיצען מיט'ן טאַטען אין מזרח, בין איך געווען זעהר גרויס ביי זיך און פלעג קוקען מיט גדלות אויף מיינע חברים. אַז דער טאַטע איז געשטאָרבען, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד לערנען. איך האָב זיך גוט אָנגעליטען גלות, אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלערליי שטעדטלעך, אויסגעשטאַנען וואָס מע קען נאָר אויסשטעהן אַנ'עלענדער, פערוואָהרלאָזטער יתום. דערווייל האָט מען פערקויפט אונזער שטאָדט — אונזער קרוין און אונזער שענקייט. אַז איך האָב שפּעטער מיט אַ צייט זיך אומגעקעהרט אַהיים, ווי אַ פריבלודנע שעפעלע, און בין אַריינגעקומען אין בית מדרש, איז דאָרט יעדערער זיך געזעסען אויף זיין אָרט, נאָר איך האָב ניט געהאַט, וואו צו זיצען. איך האָב זיך געמאַכט האַרץ און געלאָזט געהן צו אונזער אַמאָליגער שטאָדט, וואוהין ס'האָט מיך אַזוי געצויגען אַלע יאָהרען. איך הויב אויף די אויגען — אי וועה! אויף מיין טאַטענ'ס אָרט זיצט אַ פרעמדער, אַ יוד פון אַ נידעריגען גראַד, וואָס דאָס רעדעל האָט זיך איהם אַ דרעה געטאָן און ער איז געוואָרען אַ גאַנצער גביר אין שטעדטעל; נעבען איהם שטעהען זיינע דריי בנים, דריי געזונטע בחורים, ווי די קאַטעס. — דער יוד וואונדערט זיך, קוקט אויף מיר מיט אַ בייזער מינע, ער האַלט זיך אָבער נאָך איין. די בנים האָבען מיך דערזעהען, האָבען זיי מיך גענומען שטופּען, שטורכען מיט די עלענבויגענס און מיט די זייטען, חאָטש איך בין געשטאַנען שטיל, ווי אַ לעמעלע, און האָב זיך געהיט, איך זאָל זיי, חלילה, ניט פערטשעפּען. דער יוד האָט דאָס דערזעהען, האָט ער מיר פריהער אַ וואינק געטאָן מיט די אויגען: געה! נאָכדעם האָט ער זיך שוין צושריעגען אויף אַ קול: אַוועק, שייגעץ! דאָ האָבען די בנים זיך ערשט דערפיהלט תקיף און האָבען מיך מיט חרפּות און בזיונות פּעדיאָגט פונ'ם מזרח, אַז איך בין אַרויס פונ'ם בית-מדרש אַ דערשלאָגענער, מיט אַ פערקלעמט האַרץ און מיט טרעהרען אין די אויגען...

„אוי, ברידער, ניט פאַר אייך געדאַכט אַזאַ וועהטאָג, ווי איך

האָב דעמאָלט געפיהלט". — שרייט אין מיר מיין האַרץ און איך קריעג שטאַרק רחמנות אויף די יודען דאָרט אַרום טיש... אַז איך חאַפּ זיך אויף פון מיינע געדאַנקען און הויב זיך אָן ווידער איינהערען אין שמועס, האַלט איינער פון די נייע אַ לאַנגע דרשה און די איבעריגע שווייגען.

... אָט אַלצדינג, וואָס זיי טוען, איז בלאָטע, אַלע פּרנסות טויגען אויף קלאָג, אַלע געשעפטען הענגען אין דער לופטען, אַ טייל פון זייער אַרבייט איז מיאוס-פּאַסקודנע, אַ טייל האָט ניט קיין פּיצעל ממשות! — הער איך, ווי ער רעדט, און איך פערשטעה, אַז דאָס מיינט ער די כנסת-ישראל. — זייער גאַנצער משא-ומתן, זייער האַנדלען און וואַנדלען, זייער יאָגעניש נאָך מסחרים פון דעם מסחר מיט וועקסלען, ביז דעם מסחר מיט אַלטע קליידער, מיט פערשימעלטע שמאַטעס, — איז גאָר איין האַרץ-וועהטאָג, איין גרויסע קללה: סע טריקענט אויס דעם מוח, סע נעהמט אַראָב דאָס פלייש פונ'ם לייב, סע זויגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער, און סוף כל סוף בלייבט מען קבצנים, עניים ואביונים. וואָס זשע טוט מען, ווי העלפט מען? דערצו איז דאָ נאָר איין רפואה: געזונטע, עהרליכע אַרבייט, וואָס ברענגט רייכע פּרוכט היינט און מע דאַרף ניט ציטערן, אַז זי וועט זיך אויסלאָזען מאָרגען. נאָר אין ערד-אַרבייט איז איצט די יודישע גאולה, ניט אין יאָגען זיך נאָך אַנ'אייגענער מדינה ווי איהר רעכענט, קאַץ! איהר, ברודער, פערשטעהט ניט ריכטיג אונזער שטה, איהר ווילט מיט אַמאָל פערחאַפּען צו פיעל, דעריבער מיינט איהר, אַז מע מוז פריהער מאַכען אַזוינע מורא'דיגע הכנות: זיך אויסלערנען פערשיידענע חכמות, זיך צוגעוועהנען צו מלוכה-פיהרונג, זיך בעפרייען פון אַלערליי מיאוס'ע מדות און אַזוי ווייטער. איהר ווילט צו פיעל, דעריבער בלייבט איהר ביי גאָר ניט. וואָרום ממה נפשך: אָדער די סבות פון אונזער פינסטערניש און אונזערע שלעכטע פיהרונגען זענען שטענדיגע, זיי בלייבען כסדר, ווי זיי זענען איצט, וואָרום מיר מיט אונזער אייגענעם ווילען קענען זיי ניט אָבשאַפען, און ווער ס'קען יאָ, דער וויל ניט, — אויב אַזוי איז דאָך ניטאָ, וואָס צו וואַרטען, אַז דער יוד אין גלות זאָל ווערען מעהר מענש, הייסט עס — מיר האָבען גאָר ניט קיין האָפנונג אויף ווייטער; אָדער סע וועט יאָ קומען אַ גוטע שעה און עמיצער, ווער סע האָט די יכולת, וועט אָבשאַפען יענע ביטערע סבות, וועט דאָך דער יוד קענען לעבען בכבוד דאָרט, וואו ער לעבט איצט און וועט פערשפּאָרען זיך שלעפּען אין עק וועלט. פערקעהרט, דעמאָלט וועט דער יוד נאָר פערגעסען אָן זיין

יורישקייט, ווי דער שטייגער איז פון אונזערע ברידער, אז סע ווערט זיי אביסעל גראמער אין קאפ. ניין, ניין, קאין! איהר זענט מיט אונז ניט מסכים נאר דערפאר, וואס איהר פערשטעהט ניט גוט, וואס מיר ווילען! מיר ווילען פראסטע, פשוט'ע ארבייט אין ארץ־ישראל. אהן חכמות, אהן קונצען. נאר צוליעב דעם פאהרען מיר אהינצו. מיר ווילען איינפלאנצען אונזער חברה אין דער דאזיגער ערד, אין א מקום נאמן, מיר ווילען בעארבייטען די דאזיגע ערד מיט אונזערע אייגענע הענד און לעבען דארט א חיים של שלום, חיים של ברכה, חיים של חלוץ עצמות, ווי אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס האבען געלעבט אין יענעם לאנד. אונזער ארבייט וועט אונז ניט נאר אויסגלייכען אונזערע ביינער, פערהיילען די וואונדען פון אונזער גוף, זי וועט אויך אריינגעבען נייע קרעפטען אין אונזער נשמה, זי וועט אויף אונז אויסגיסען א גאנצען אוצר פון הייליגע געדאנקען און טייערע זכרונות, זי וועט אומקעהרען דאס הארץ פון די קינדער צו זייערע עלטערן, פערבינדען דעם היינט מיט דעם מארגען, אז אונזער היסטאריע זאל זיך ציהען ווייטער, אז דער נאציאנאלער געדאנק זאל לעבען און זיך וועבען אין דער מחנה ישראל; זי וועט פעראייניגען ביחודא שלימא דעם ד ת מיט דעם ל ע ב ע ן, אזוי, אז די תורה וועט זיין די נ ש מ ה פון די מעשים, און די מעשים— דער ג ו ף פון דער תורה, און זיי וועלען לעבען איינס א י ן אנדערען און איינס ד ו ר כ'ן אנדערען, ניט אזוי ווי אין גלות, וואו די ווערטער פערנעהמען דאס ארט פון מעשים און דאס דאוונען און לערנען און לייענען זענען געווארען א מיטעל צו מקבל זיין שכר. אט דאס ווילען מיר, איך און מיינע חברים, אט צוליעב דעם פערלאזען מיר אונזערע עלטערען, אונזער היים, אפילו אונזערע אוניווערזיטעטען, און געהען ארבייטען אויף די בערג פון ישראל, אויסטרעטען א וועג פאר אונזערע ברידער און ווייזען זיי א לעבעדיגען ביישפיעל. דאס וויל אויך מיין חבר בנציון, זייט אויף אונז ניט ברוגז, רב ישראל, — קירעוועט זיך דער יונגער מאן אויס צו רב ישראל'ן מיט א ליעבליכען שמייכעל, — מיינט ניט, אז מיר זענען כופרים. מיר זענען יודען, געטרייע זיהן פון אונזער פאלק, נאר מיר ווילען ניט וויסען פון קיין סודות, פון הלכתא למשיחא. וואס ס'וועט שפעטער זיין, דאס ווייסט איין גאט, מיר ווילען אבער זארגען פאר'ן היינט, פאר דעם קיום פון אונזערע ברידער, ווי עס איז דער חוב פון יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש.

„ער דרשנ'ט גאר חריפות, ער איז, כ'לעבען, גערעכט", —

טראכט איך מיר, ווי דער מנהג איז ביי אונזערע לעזער, וואס זיי לייענען אבי יוצא זיין, הערען אויס אלערליי מיינונגען, איינע א היפך פון דער אנדערער, און געבען זיך ניט אב קיין דין וחשבון, וואס עמיצער וויל. ביי זיי איז שטענדיג גערעכט דער לעצטער, ווער שמועסט נאך דער, וואס האט א שארף צינגעל און קען יענעם דערגעהן ביז די לעבער מיט שטעכווערטלעך און חכמה'לעך, דער איז ביי זיי גאר דאס אייבערשטע פונ'ם שטויסעל און זיי האבען פון איהם ווילד הנאה, ווי, א שטייגער, פון אנ'אקם א גבור, וואס האט גענומען דעם אנדערען אויף די הערנער אין צירק. איך האב געחאפט א קוק אויף רב ישראל'ן: ער האט שטארק פערקרימט די נאז און פערקנייטשט דעם שטערען, געשטאנען עפעס לא־עליכם'דיג, געקראצט זיך אין דער בארד און אין די פאות און געמאכט מיט די ליפען, ווי איינער, וואס וויל עפעס זאגען און האט ניט קיין ווערטער. נאכדעם האט ער א מאך געטאן מיט'ן קאפ און א זאג געטאן:

— פונדעסטוועגען... פונדעסטוועגען זענט איהר פארט כופרים און הפקר־מענשען, אט וואס! בעטראכט זיך נאר וואו איהר האלט! ביי אייך אלע איז שוין אבגערעדט איינמאל פאר אלע מאל, אז א יור איז טריף, אז יודישע מדות טויגען אויף צעהן טויזענט כפרות, אז יודישע פיהרעבצען זענען פע, מאוס, פאסקודנע, לא יוצלח, טפו זאלט איהר ווערען! ס'איז דאך א חלול השם! ווארום באמת, וואו איז נאך דא לייטישערס פון א יודען, עהרליכערס, כשר'ערס פון א יודען? ווער טוט נאך אזוי פיעל מצות און מעשים טובים, ווי מיר, יודען? וואס איז, אויב ס'איז דא צווישען אונז שלעכטע, פערדארבענע, איינער צווישען טויזענט, זענען שוין א ל ע, חלילה, פערפאלען? וואס איז, אנדערע אומות זענען טאקי כ ל ו צדק, כלו קדש? ניין, ברידערלעך! מיר האבען זיך מיט אונז ניט, וואס צו שעמען, מיר האבען ניט, וואס צו פעריכטען! ווייסט איהר יא, וואס אונז פעהלט? א גוטער מליץ יושר, א מענש מיט א צונג און מיט א פען, וואס זאל דערווייזען לפני העמים והשרים אונזער פיינקייט און פערשטאפען דאס מויל יעדען שטן מקטרג, אט וואס מיר דארפען האבען.

„יא, יא, רב ישראל, אזא יאהר זאל איך האבען, ווי איהר זענט גערעכט. א יישר כח אייך, וואס איהר האט זיי געגעבען דאס קוויטעל — די דאזיגע שנעקעס", — טראכט איך מיר און קוק פון דער ווייטענס אויף דער חב־רה. גערעכענט האב איך, אז נאך אזא פסק וועלען זיי שוין

גאָר בלייבען אָהן לשון. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. רב ישראל'ס ווערטער האָבען זיי ערשט געגעבען אַ נייעם ענין צו שמועסען און טענה'ן און אַמפּערען זיך. איינער, דער דריטער, וואָס די איבעריגע האָבען איהם גערופען ס ע ג אַ ל, האָט סוף כל סוף איבערגערעדט זיי אַלע. מ'איז ביסלעכווייז אַנטשוויגען געוואָרען און מ'האָט זיך צוגעהערט צו זיין היציגער דרשה.

— אויב אַזוי, — האָט סעגאַל געזאָגט, אומקעהרענדיג זיך צו אַ פריהערדיגען שמועס, וואָס איך האָב איהם, ווייזט אויס, פערהערט, — אויב אַזוי, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז דאָס ליעגט שוין אין דער טבע פון אַ מענשען: אַזוי ווי יעדער איינציגער וואָלט אַ בעלן געווען זעטיגען זיין תאוה, ווען ער האָט חשק צו אַ נקבה, אַזוי וואָלט ער אַ בעלן געווען אויסגיסען אויף יענעם זיין כעס, ווען ס'איז איהם אָנגעזאַלצען אויפ'ן האַרצען. נאָר וואָס דען? אַזוי ווי אַ מענש איז ניט שטענדיג פריי צו ממלא זיין, ווען איהם ווילט זיך, זיין תאוה, נאָר ער מוז זיך איינהאַלטען, גובר זיין זיך אַליין צוליעב יענעמס כבוד און יענעמס גוטען נאָמען, אַזוי קען ער זיך ניט אַרויסוואַרפען מיט זיין שנאה און מיט ווינע זידלערייען אויף יהיה מי שיהיה, וואָרום מ'וואָלט זיך פשוט ניט געלאָזט. ס'איז אָבער דאָ איין קלאַס מענשען, די אָרעמסטע, די דערשלאָגענסטע, די נידעריגסטע, וואָס זיי זענען שוין הפקר, פאַר זיי נעהמט זיך קיינער ניט אָן, אויף זיי קען דער בעל־תאוה'ניק, דער אויסגעלאָזטער שאַלטאַק, אויסגיסען זיי'ן תאוה, ווי זיין האַרץ גלוסט איהם, און זיי מעג דער כעסן, דער פערביטערטער מרה־שחורה'ניק, זידלען און שעלטען, וויפיעל ס'וועט אין זיי אַריין, חאָטש זיי זענען נאָט די נשמה שולדיג. אַזוי איז אויך מיט די יודען. זיי זענען דאָס כפרה־הינדעל, דער אייביגער שעיר לעזאזל, אויף זיי שיט יעדערער אויס זיין פעקעל צרות: סיי די אומות העולם בכלל, ווען זיי רייסען זיך איינע מיט דער אַנדערער, סיי דער יחיד בפרט, ווען ס'איז איהם ביטער, פאַסקידנע אויף דער נשמה צוליעב אַ מכשול אין געשעפט, אין פרנסה, אין קהל'שע זאַכען און מאַלע אין וואָס סע קען זיך אַמאָל טרעפען אַנ־אומגליק. די יודישע פראַגע — דאָס איז דער ברייטער קאַנאַל, וואוהין סע געהען אַריין אַלע אומריינקייטען, מיסט און קויט און בלאָטע פון דעם מענשענ'ס נשמה. די דאָזיגע שטינקענדיגע וואַסערען גיסען זיך, פלייצען, ווי דער שטייגער איז, פון דער ה ו י ך אין דער נ י ד ע ר, און כל זמן ס'איז דאָ אַזוינע מינ'ע פאַסקודנע שטראָמען — און ווערדליג־

די טבע פון דעם מענשענ'ס האַרץ, וועלען זיי זיך ניט אויסלאָזען אייביג — און כל זמן דאָס יודישע פאָלק וועט זיך געפינען אין דער נידער, וועט עס אייביג מוזען דיענען פאַר אַזאַ מין קאַנאַל צו די איבעריגע פעלקער... יאָ, איך און מיינע חברים ווייסען אויך זעהר גוט, אַז יודען זענען ניט ערגער פון אַנדערע פעלקער. נאָר וואָס דען? די שפלות אונזערע מאַכט אונז מאוס. מיר זענען געגליכען צו אַ בוים אָהן בלעטער און אָהן צווייגען, — אַנ'אָבל צווישען בוימער. אונזער וואָרצעל איז אָבער נאָך געזונד, אונזער שטאַם — זאַפטיג, פול מיט לעבען. בטבע זענען מיר ג ל י י ך, נאָר אונזערע צרות און אונזערע וועהטאָגען האָבען אונז אויסגעקרימט; צוליעב זיי איז ניטאָ קיין סדר אין אונזערע קהל'שע זאַכען, ניטאָ קיין נחת און קיין ברכה און הצלחה אין אַלע אונזערע געשעפטען. אפילו אַ פושע ישראל זינדיגט ניט צוליעב זיין בייזען ווילען, נאָר די נויט ברענגט איהם צו חטאים. ניט פערענטפערען זיך דאַרפען מיר, ניט קיין מליץ יושר איז אונז נויטיג, וואָרום דאָס שעפּעלע איז שטענדיג שולדיג דערפאַר טאַקי, וואָס ס'איז אַ שעפּעלע. מיר, יודען, זאָלען אפילו זיין ריין, ווי דער געפאַלענער שניי, וועט מען אויך אין אונז געפינען אַ פלעק. ניין, מיר אַליין דאַרפען דערקענען אונזער אייגענעם כבוד, מיר אַליין דאַרפען זיך אויפהויבען אויף אַזאַ מדרגה, אַז קיין שום רגזן, קיין שום פערביטערטער כעסן זאָל צו אונז ניט קענען אויסלאָזען זיין האַרץ. אויפהויבען זיך אָבער אויף אַזאַ מדרגה איז מעגליך נאָר דאַן, ווען מיר וועלען ש ט ע ה ע ן א ו י ף ד ע ר ע ר ד, ווען די ערד וועט ניט ציטערן אונטער אונזערע פיס, ווען מיר וועלען עסען די פרוכט פון אונזער אַרבייט און וועלען פערשפּאָרען וואַרטען אייף שיריים פון פרעמדע טישען, קוקען אייף יענעמס מינע, אויף יענעמס וואונק, פערשוואַרצט און פערוואָגעלט און מבוזה ווערען פאַר'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט. ק י ו ם ה ת ו ר ה איז מעגליך נאָר ד ו ר ך אַ ר ב י י ט, דאָס ליכט פון דער שכינה וועט שיינען אויף אַ געזונטען גוף. דורך ישוב ארץ ישראל וועט אין אונז אַריין אַ נייע לעבען — אָט דאָס איז אונזער וואונש, ווי איך האָב אייך געזאָגט פון אָנהויב אָן. די ליעבע צו אונזער פאָלק ישראל ברענט ווי אַ פייער אין אונזער האַרצען און זי אַליין בעלייכט אונז דעם וועג אַהין ק ד י מ ה! — און איהר, רב ישראל, אייך זאָג איך מיט'ן גאַנצען האַרצען: שלום! איך שטעה פאַר אייך מיט כבוד און מיט ליעבשאַפט און מיט אַ ווייך געמיט, ווי אַ געטרייער זוהן, ווען ער געזעגענט זיך מיט זיין געליעבטען פאָטער. זיי געזונט,

טייערער פאָטער. גיב אונז דיין ברכה אויפ'ן וועג — מיר און מיינע חברים — אז מיר זאָלען קומען בשלום אין אונזער אלטער היים!...

איך דערזעה פלוצלונג א זעלטען בילד, א הייליג בילד, פול מיט געטליכער שענקייט, א בילד, וואָס מאַכט צוגעהן דאָס האַרץ און דערהויבט די נשמה און רופט אַרויס זיסע טרעהרען אויף די אויגען. ווער ס'האָט נים געזעהען דאָס בילד מיט די מענשען מיט דעם האַרציגען חן, וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיי, דער האָט נים געזעהען קיין שענס; אַלע שטעהען און קוקען, פערזונקען אין אַ שטילען טרויער; אַ ליעבע פריינדשאַפט, אַ צנוע'דיגער רחמנות האָט אויסגעשפרייט אויף זיי איהרע פליגעל; זיי שטעהען און קוקען איינער אויפ'ן אַנדערן און שווייגען. אָבער די הערצער רעדען אַזוי פיעל... וואונדערבאַרע געדאַנקען, טייערע געפיהלען ווערען געבוירען אין דער דאָזיגער הייליגער מינוט. שטילער! אַוועק, איהר אַלטע, פינסטערע צייטען! צוויי דורות האָבען זיך דערלאַנגט די הענד, יונג און אַלט האָבען געשלאָכען אַ פערבאַנד, איין נשמה רעדט מיט דער צווייטער. שלום, ברידערשאַפט. ליעבשאַפט צווישען אַלע. דעם אַלטער ישראל איז נים צו דערקאָנען: ער שמייכעלט פאַר נחת, גרייזעלט די פאות, שאָקעלט־צו מיט'ן קאָפּ צו די יונגע, ווי איינער רעדט: אַזוי, קינדערלעך, האָב איך אייך ליעב. — איך ווער אויך שטאַרק נתפעל, איך טו זיך אַ דרעה, אַ שאָקעל, מיין בעטעל דערפיהלט און לאָזט אַרויס אַ סקריפּ מיט אַ קוויטש מיט אַ ברומעריי, אז סע הילכט אַזש אין די אויערען; איך שפּרינג אַראָב און געה צו צום טיש אַ צודרעהטער, אַ פערטומעלטער, ווי איינער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהאַפּט פונ'ם שלאָף.

— שלום עליכם, רב מענדעלע! — זאָגט צו מיר ר' ישראל מיט אַ שמייכעל און שטעלט מיך פאָר דער קאָמפּאַניע. — איהר זענט, קיין עין הרע, געשלאָפען זעהר געשמאַק, האָט זשע קיין פאַראיבעל נים, וואָס מיר האָבען אייך אויפגעוועקט מיט אונזער שמועס. און בדיעבד, אז איהר זענט שוין דאָ, ווילען מיר אייך פרעגען, ווי מע פרעגט אין אַ ספר הגורלות: זאָלען מיר געהן קיין ארץ ישראל?

— צו וואָס?.. נאָך וואָס?... — ברום איך האַלבע ווערטער, ווי איינער, וואָס הערט אַ משונה'דיגע נייעס און סע לעגט זיך איהם נים אויפ'ן מוח בשום אופן. אין אמת'ן האָב איך זעהר גוט פערשטאַנען, וואָס מע רעדט און ס'האָט זיך מיר נאָך לכתחילה געלעגט אויפ'ן מוח. אלא וואָס דען? אַזוי איז די טבע פון אַ תלמיד־חכם: אז יענער זאָגט

יאָ, זאָל ער זאָגען ניין, אז יענער איז מתיר, זאָל ער דוקא אַסר'ן, אז יענער זאָגט: ס'איז אַ שרץ, זאָל ער דעם שרץ מטהר זיין בק"ן טעמים. חאָטש ער ווייסט זעהר גוט, אז יענער איז גערעכט, אז דער שרץ איז פאָרט אַ שרץ. דערפון נעהמען זיך דאָך ביי א... קריגע און רייסענישען, פלפולים און וכוחים און דין־תורות אָהן אַ ג'עק און אָהן אַ סוף. דער דאָזיגער מנהג פון אונזערע תלמידי־חכמים איז ביי מיר הייליג און ... טרעט פון איהם קיינמאָל נים אָב.

— אָהן טענות, רב מענדעלע! — זאָגט רב ישראל. — איך בין איצט ווי אַ חכם, איך וויל נים קיין חקירות מיט טענות מיט פירושים; פערשטעלט איהר זיך אויך אויף איין מינוט פאַר אַ תם און זאָגט אונז אַ פסוק, אַ וועלכען נים איז, וועט דאָס זיין ווי אַ שטיקעל נבואה אין דעם ענין, וואָס מיר זענען אין איהם דאָ עוסק.

— צדקה עשה הקדוש ברוך הוא עם ישראל, שפזרם בין אומות העולם! — זאָג איך אַ מאמר פון אונזערע חכמים און מאַך זיך כלא ידע, אַקוראַט ווי דאָס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעהאַפּט אומגערן; אין אמת'ן האָב איך פריהער אַ טראַכט געטאָן, וואָס צו זאָגען. אַזוי זענען זיך ביי אונז נוהג פרומע, כשר'ע יודען. וואָס אַ קיק טאָן אויף זיי — קענען זיי, דאַכט זיך, קיין צוויי נים צעהלען, רעדען נאָר כמשיח לפי תומו, אין האַרצען זענען זיי אָבער גרויסע רמאים און גאָט'ס גנבים.

— עט! דער וויל אונז נאָר פערדרעהען דעם קאָפּ מיט אַ אַגדתא, — האָבען יענע אָבגעענטפערט. — אַ אַגדתא איז קיין בעוויז נים. רעדט בעסער קלאָרע דבורים.

— אַדרבא, — חאַפּ איך זיך דוקא אָן פאַר דער אַגדתא מיט הענד און מיט פיס, ווי אַן אמת'ער תלמיד חכם, וואָס מוז זאָגען פערקעהרט, — אדרבא, קוקט זיך צו, וואָס פאַר אַ חלוק סע איז צווישען אַ שכן און אַ בעל־הבית. אַז עמיצער וויל בויען אַ דירה אין אַ שטאָדט, ווערט ער גענוג פערשוואַרצט און פערפינסטערט, איידער ער זעהט זי אַ פאַרטיגע: ער לעגט אַריין אי אייגען געלט, אי פרעמדס, ער פערזעצט זי אין באַנק, ער צאָהלט פּראָצענט; ער היט זי טאָג ווי נאַכט פאַר אַ שרפה און פאַר יעדער פגע רע: היינט האָט זיך אויסגעקרימט אַ וואַנד, מאָרגען רינט פונ'ם דאַך; ער האָט צו זינגען און צו זאָגען מיט די שכנים, מיט די מאָנערס פון טשינש, מיט די דוואָרניקעס, מיט די קוימען־קעהרערס, מיט די מעשענע קנעפּלעך, וואָס זענען ממונה אויף ריינקייט, און מיט טויזענטער אַנדערע שלעק. ער דערעסט נים, דער־

שלאָפט ניט, האָט אַ פולען קאָפּ מיט דאגות, — און דער סוף לאָזט זיך אויס, אַז וואוינען וואוינט ער ערגעץ אינ׳ם אונטערשטען גאָרען ביי אַל די שוואַרצע יאָהר, און דער שכן, וואָס דער קאָפּ האָט איהם אויף דער שטוב קיינמאָל ניט געדאַרט, קומט אויפ׳ן פאַרטיגען, בעצאָהלט די עטליכע קליינגערס און זיצט זיך בהרחבה אין אַ שענער, ריינער, ליכטיגער דירה, וואו איהם געפעלט. אַזוי איז אויך מיט די יודען. דער רבונו של עולם האָט פון אָנהויב אָן אַרויסגעזעהען, אַז ס׳וועט זיין שווערע מלחמות צווישען די פעלקער פאַר יעדער שפּאַן ערד, אַז מע וועט זיך בייסען און רייסען און קריכען איינער דעם אַנדערן אויפ׳ן קאָפּ און מע וועט דאַרפען מיליאָנען סאָלדאַטען און ביקסען און האַרמאַטען און געלד אָהן אַן עק, כדי מע זאָל בייטשטעהן אַנטקעגען שונא. נו, און די יודעלעך זענען דאָך שטענדיג געווען אַ קליין פאָלק, אַ פּיצעל, אַ ברעקעל, ווי אין פסוק שטעהט: עם קטן בגוים, היינט ווען זיי בלייבען, אַשטייגער, אויף זייער ערד, וואָלטען זיי דאָך געהאַלטען אין איין ציטערען פאַר די גרויסע, די לויתנ׳ם צווישען די פעלקער: מע וואָלט אָהן רחמנות געטרעטען זייערע פעלדער, געמאַרשירט איבער דעם קליינעם מדינה׳לע, דער אַהין, דער אַהער, און דער סוף וואָלט זיך אויסגעלאָזט, אַז עמיצער וואָלט עס חרוב געמאַכט און ס׳וואָלט פון די יודען ניט געבליבען קיין זכר אויף דער וועלט. וואָס טוט גאָט? גרייט ער אָן די רפואה פאַר דער מכה: ער נעהמט און פערטרייבט די יודען בייצייטענס פון זייער לאַנד און זעצט זיי אַריין אין שכנות ביי די אומות העולם... טיטוס האָט ניט פערשטאַנען, אַז די יודישע מפּלה — דאָס איז זייער נצחון, און אַז זיין נצחון איבער יהודה איז גאָר אַ מפּלה. טיטוס האָט זיך ניט אויסגעמאָלט, ווי פון רוים וועט ווערען אַ חורבן... אַ לויתן האָט געוואָלט חאַפּען פלאָטיצעס — און איז אַליין אַריין אין דער נעץ.

— זענט איהר זיך, הייסט עס, מיאש פון דער גאולה? — חאַפּט מיך ר׳ ישראל ביי׳ם וואָרט. — איז שוין גאָר אויס משיח, נאָך אייערע דייד, און די יודען וועלען שוין קיינמאָל ניט קומען אַהיים?

— חלילה, ווער זאָגט דען. איך גלויב אודאי בביאת המשיח. נאָר ווען וועט דאָס זיין? ווען די וועלט וועט בעקומען גאָר אַן׳אַנדער צורה, ווען ס׳וועט ניט זיין קיין מלחמות, קיין בלוט־פערגיסונג און אַלע מענשען וועלען ווערען גוט און פיין, ווי דער נביא זאָגט, דעמאָלט וועלען די פעלקער זיך לעבען בשלום ושלוה, יעדערער ביי זיך אויף דער

ערד, און דעמאָלט וועט גאָט אויך צונויפקלייבען די גולי יהודה און בעזעצען זיי אויף זייער אַמאָליגער נחלה.

— די נביאים האָבען נביאות געזאָגט אויף משיח׳ס צייטען, — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה, — און מיר ווילען אַרבייטען איצט, ווי פּשוט׳ע מענשען. איהר זענט געשלאָפען, רב מענדעלע, האָט איהר ניט געהערט, וואָס מיר האָבען גערעדט. יאָ, מיר ווילען בעאַרבייטען די ערד פון אונזערע אבות און עסען בכבוד אַ שטיקעל ברויט. איהר זענט גערעכט, רב מענדעלע: מיר זענען שכנים, אָבער שכנים איינגעבעטענע, און דערצו נאָך גרויסע עניים, דלפנים. קיין פּרנסה איז ניטאָ, און דער בעל־הבית שטעהט איבער׳ן קאַרק און יאָגט פון דער דירה. וואָס טויג איהם שלעפּערס, קבצנים, וואָס מעהרען זיך אין ענגשאַפט און אין בלאָטע? אַן עק! מע קען פון דער לופט שוין ניט לעבען, ניטאָ שוין קיין כח, ניטאָ קיין געלט.

— יאָ, אויב פּרנסה... איז גאָר אַן׳אַנדער מעשה... — ענטפער איך מיט אַ מאָדנע טרויעריגען נגון, וועלכער הויבט זיך אָן נידעריג און ווערט אַלעמאָל העכער, ביז ער ענדיגט זיך מיט אַן׳אָבגעריסענעם שאַרפען קוויטש, — דער געוועהנליכער נוסח פון אַ יודען, וואָס האָט דערהערט אַ נייעס און איז געוואָרען שטאַרק נתפּעל. איך דערמאָן זיך מיין אייגענעם מצב: דאָס געלד פערלוירען, אַליין אויסגעמוטשעט, אויסגעהאָרעוועט, ניטאָ קיין גאַנצער אבר. די פּרנסה — קוים־קוים וואָס מע שלאָגט זיך דורך. יאָ, ביטערע צייטען. אַ שווערער זיפץ רייסט זיך אַרויס ביי מיר פונ׳ם האַרצען, און די חברה פערשטעהט דוקא, וואָס עס בעטייט אַזאַ זיפץ, און מע נעהמט איהם אָן פאַר אַ הסכמה צו זייערע פריהערדיגע שמועסען. מע הויבט מיך אָן אויספרעגען, ווער איך בין, פון וואַנען, וואָס איז מיין פּרנסה. איך דערצעהל, אַז איך האַנדעל מיט השכלה־ספרים, — איך האָב מיט אַ כיון געזאָגט השכלה־ספרים און ניט סתם ספרים, ווייל איך האָב געמיינט, איך וועל דורכדעם נושא חן זיין אין זייערע אויגען, — איך גיב אָבער אַ קוק: עפּעס פערדרעהען זיי מיר שטאַרק די נעז, ווי איינער רעדט: נאַרישקייטען, ניט ווערט אַ שמעק טאַבאַק. פערדריסט מיך: ס׳טייטש, מיר זענען שוין עפּעס גאָר איבעריג: איך, די ספרים, די יודישע מחברים? וואָס הייסט? ביי דער חברה, וועדליג איך פערשטעה, וואָלט איך געווען אַ סך אַ גרעסערער חשוב, ווען איך האַנדעל, אַשטייגער, מיט שמאַטעס! פּע!

— חרושים נפלאים, זאָג איך מיט אַ בעהאַלטענעם כעס, — ווי

מענשען בייטען זיך דאָס היינטיגע צייטען! אַמאָליגע יאָהרען איז בײ
אַזוינע ווי איהר, יונגע לייטלעך אָהן פאות און מיט קירצע רעקלעך,
ניט געווען קיין העכערס, ווי די השכלה. אי, השכלה, השכלה,
האָט מען געהערט און אַלע זייטען, די השכלה וועט אויסלעזען די יודען
פון אַל דאָס בייז, די השכלה וועט זיין אַ רפואה צו אַלע מכות-בכורות.
פאַר דער השכלה פלעגט מען זיך שניידען ביז'ן בלוט אַריין מיט דעם
אלטען דור, פאַר דער השכלה פלעגט מען ליידען גלות, אַנטלויפען פון
טאַטע-מאַמע, פון שוועהר און שוויגער, זיך וואַלגערען ערגעץ אין דער
פרעמד, ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען, — וואָס איז? מען לערענט!
ווער ס'איז ניט אַרויסגעגאַנגען לתרבות רעה בפרהסיא, פלעגט זיך איינ-
שטעלען דאָס לעבען און לערנען בגנבה אין קעלער, אויפ'ן בוידעם, אין
אַ לאָך, אין אַ פוסטקע. אַזוינע בעהאַלטענע צדיקים פלעגען פון מיר
שטאַרק אָנקויעלען; וואווהין איך פלעג נאָר קומען מיט'ן פערד און ווע-
געלע, איז געווען שמחה וששון ליהודים. גרויס און קליין איז צו מיר
נע־אָפען, גערעדט מיט מיר, זיך געפרעגט אויף ספרי חכמה, אויף
מליצה, אויף שירים: רב מענדעלע, וואָס הערט זיך אין דער ליטעראַ-
טור? רב מענדעלע, וואָס הערט זיך מיט לשון? רב מענדעלע, וואָס
האָט איהר אונז געבראַכט עפּעס נייעס? און מע פלעגט זיך צונויפלעגען
צעהן מענשען, און קויפען איין מליצה-ביכעל און לייענען מיט פערגעני-
גען, מיט התלהבות, מיט אַ ברען און פאַסמאַקעווען יעדעס וואָרט און
לעקען די פינגער. היינט... היינט איז אַנ'איבערגעקעהרטע וועלט —
משכילים זאָלען פיינט האָבען השכלה! איך, מענדעלע, מיט מיינע ספרים
בין ניט ווערט ביי זיי אַ פּעטרישקע. ניין, ניין, מיך וועט איהר ניט
נאַרען: איך פערשטעה זעהר גוט וואָס סע בעטייט אייער דרעהען
מיט דער נאָז... היינט, היינט, היינט...

איך וויל נאָך ווייטער ריידען, מוסר'ן דעם עולם, נאָר סע פער-
שלאָגט מיר דעם אָטעם פאַר האַרצוועהטאָג. און איך קען מעהר ניט
אויסריידען קיין וואָרט, אַקוראַט ווי סע וואָלט זיך מיר געשטעלט אַ ביין
אין האַלז.

— היינט, וואַרט, איך וועל אייך זאָגען, וואָס ס'איז היינט! —
איז בנציון אויפגעשפרונגען, ווי אַנ'אָבגעבריהטער. — היינט זעהען מיר,
אַז דער עיקר איז אַ ר ב י י ט! היינט פערשטעהען מיר, אַז דער פריה-
ערדיגער מוח האָט געלעבט אין טעות, ניט קענענדיג אונזער פאָלק,
ניט וויסענדיג. וואָס איהם פעהלט. זיי האָבען געהאַלטען די יודען פאַר

ווילדע ברואים, פאַר פראים; נאָך זייער נאַרישען שכל איז אויסגעקומען,
אַז דערי בער איז דאָס יודישע מזל אַזוי ביטער, האָבען זיי געהאַל-
טען אין איין שרייען: השכלה, השכלה!... איצט ווייסען מיר, אַז
ניט פון השכלה וועט זיך צו אונז נעהמען די גאולה. אונזער אומגליק
איז דער דלות, די שפלות, די געפאַלענקייט, די גיעדעריגקייט אי ביי
זיך אין די אויגען, אי ביי יענעם. אונזער איינציגע רפואה איז — ערד-
אַרבייט. היינט ווייסען מיר, אַז מ צ י ו ן תצא ישועת ישראל! השכלה-ספרים
קענען אונז העלפען, ווי דער נעכטיגער טאָג.

רב ישראל קוקט אויף בנציונ'ען און שיינט, ווי איינער רעדט: אַז
וואויל איז די אויערען, וואָס הערען אַזוינע טייערע רייד! איך בעטראַכט
אייך דעם נפש און זאָג מיר: וואָס וועל איך געהן מיט דיר טענה'ן, אַז
אַ יוד קען אַנדערש ניט! הויבט ער איינס אויף, מוז ער אַלע אַנדערע
אַראָבוואַרפען אין שאול תחתיה. אַ יודען איז ווייניג, וואָס סע געפעלט
איהם אַ זאַך, ניין — ער מוז נאָך דערווייזען באותות ומופתים, אַז אַלע
אַנדערע זאַכען פון דעם אייגענעם מין זענען בלאָטע שבבלאָטע. אַ חסיד
וועט זיך לעגען אין דער לענג און אין דער ברייט צו איינריידען דיר,
אַז זיין רבי איז דער איינציגער אמת'ער רבי. אַ משכיל, להבדיל,
וועט מיט דעם אייגענעם אימפעט דיר טענה'ן, אַז אחוץ זיין צדיק
איז ניטאָ קיינער. נאָך מעהר: אַ יוד האָט משונה הנאה, ווען ער קען
עפּעס מבטל זיין, זאָל זיין אפילו זיך אליין, זיין אייגענעם כבוד. ניטאָ
ביי אַ יודען קיין גרעסער פערגעניגען, ווי אויסטאָן זיין צורה, וואָס ער
האָט זי בירושה פון זיין טאַטען, ניטאָ קיין גרעסערע שמחה, ווי אַנ'-
אפיקורס, אַז ער איז כופר בעיקר און זאָגט: הכל הבל!

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, — האָט זיך קאָץ אַריינגעמישט אין די
רייד, — מאַכט ניט אַזוי אַוועק מיט דער האַנד די השכלה און דעם גאַנצען
פריהערדיגען דור! ס'איז נאָר ניט אַזוי פּראָסט, ווי אייך דאַכט זיך. אמת,
ס'איז היינט דאָ אַסך אַזוינע, אי ביי אונז, אי ביי אַנדערע פעלקער,
וועלכע פרעגען שאלות אויף דער השכלה. ביי זיי קומט אויס, אַז די
השכלה, די ציוויליזאַציע, האָט געבראַכט אַ סך שלעכטס אויף דער וועלט:
מענשען יאָגען זיך היינט, מעהר ווי אַמאָל, נאָך תענוגים, נאָך כבוד, נאָך
רייכקייט, מענשען ווילען הערשען איינער איבער דעם אַנדערען, סע
שטאַרקט זיך די קנאה, די תאוה; בעסער וואָלט געווען, זאָגען זיי, ווען
דער מענש וואָלט זיך אומגעקעהרט צו דעם מצב פון פאַרצייטען, ווען די
וועלט וואָלט געלעבט וועדליג דעם נאַטירליכען סדר העולם. נאָר זאָלע

זיי דרשנ'ען, וואָס זיי ווילען: השכלה איז אַ חוב אויף יעדען מענשען, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלהים. אָהן השכלה איז ניטאָ קיין פערשטענדליכע אַרבייט, ניטאָ קיין טאַלאַנט, קיין רעכטער מייסטער, קיין קינסטלער, ניטאָ קיין דרך ארץ, קיין עהרליכקייט, קיין מוסר, קיין גערעכטיגקייט, קיין גאָט אין האַרצען; אָהן השכלה איז דאָס לעבען נאָר צוליעב'ן גוף. די פערגעניגענס זענען אומגעלומפערטע, נידעריגע, גראָבע. פערקעהרט, וואָס מעהר השכלה, איז איידעלער דער גוסט, וואָס איידעלער ס'איז דער גוסט, פיהלט מען מעהר דאָס שענע און דאָס געהויבענע, וואָס מעהר מע פיהלט דאָס שענע און דאָס געהויבענע, האָט די נשמה מעהר פערגעניגען, וואָס מעהר פערגעניגען די נשמה האָט, איז דער מענש גליקליכער, לעבט ער אַנ'איידעלער לעבען, אַ געבענשטער לעבען. —

מיר בשר ודם'ס, האָבען איבער זיך אַ שטאַרקען יצר הרע, וועלכער מאָנט ביי אונז די הצטרכות'ען פון אונזער גוף און רעדט איין יעדען איינציגען: האָב הנאה, מענש, די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב דיר, אַנדערע קעהרען זיך מיט דיר ניט אָן. ווי האַלט מען מלחמה אַנטקעגען איהם? מע פאָלגט דעם פ ע ר ש ט אַ נ ד, מע פיהרט זיך מיט דער מדה פון י ו ש ר, וועלכע ווערט ביי'ם מענשען מיט דער צייט אַלעמאָל שטאַרקער און לערענט איהם צו בעהערשען זיך אַליין, צו ברעכען די איינענע תאוה צוליעב יענעם. צוויי קרעפטען, הייסט עס, וואוינען אין אונז, האַלטען איינס מיט'ן אַנדערען מלחמה פון דורות אָן. די היסטאָריע לערענט אונז, אַז דאָרט, וואו ס'איז דאָ מעהר השכלה, איז גובר דאָס גוטע און דאָס שענע. דאָרט וואו די השכלה פאַלט, בעקומט דאָס שלעכטע און דאָס מיאוס'ע די אויבערהאַנד. אַזוי איז געוועזען ביי אַלע פעלקער, אין אַלע צייטען. ניט מעהר, ס'איז אין יעדען כלל פאַרהאַן אַ יוצא מן הכלל. אין אַ שלעכטען, נאַרישען דור וועט איהר אַמאָל געפינען גוטע, אויפגעקלעהרטע יחידים, אין אַ קלוגען דור בעגעגענט איהר פוסטע, נאַרישע מענשען. ניטאָ אַזאַ משכיל, וואָס זאָל ניט פערמאָגען אין זיך אַביסעל נאַרישקייט, און ס'איז דאָ אַזוינע, וואָס פערמאָגען מעהר נאַרישקייט ווי חכמה; אַזוינע זענען אויפגעקלעהרט נאָר לפנים, אין האַרצען זענען זיי שוטים גמורים. דאָס זענען די שאָטענס, וואָס איהר געפינט אין יעדען ליכט; דאָס זענען די בייזע פליגען, וואָס פער'מיאוס'ען זייער דור. כל זמן זיי האָבען קיין מאַכט ניט, זענען זיי נאָר מיאוס פאַר זיך, גיט מען זיי ממשלה איבער אנדערע — פערפאַסקודען זיי דאָס גאַנצע לעבען... אונזער פאָלק, אַנ'עם תורה ודעת, פערמאָגט זיין אייגענע השכלה שוין

פון טויזענדער יאָהרען; די השכלה האָבען מיר בעקומען פונ'ם באַרג סיני, זי שטעהט פערשריבען אין אונזערע אַלטע הייליגע ספרים. אין די ווערק פון אונזערע בעריהמטע חכמים און גדולים. אונזערע עלטערען האָבען זי איבערגעגעבען פון דור צו דור זייערע קינדער. נאָר וואָס דען, ס'זענען געקומען שווערע צייטען, מיר האָבען געוואַנדערט אין גלות פון לאַנד צו לאַנד, געליטען צער און בזיונות, זענען מיר געוואָרען פערפינסטערט, געפאַלען אַלע מאָל נידעריגער פערגעסענדיג אונזער ח כ מ ה, אונזערע וויסענשאַפטען, דעריבער האָט די ת ו ר ה אויך ביי אונז אָנגעוואָרען איהר אַמאָליגען חן. לאַנגע יאָהרען האָבען יודען געלעבט אָהן קענטעניש, אָהן אַ שפּראַך, אָהן כבוד, אָהן ליעב און לעבען, ביז ס'האָט זיך בעוויזען פריהער מיט אַ דור די זון פון דער השכלה אויף דער וועלט און האָט בעלויכטען די ערד און די מענשען מיט איהרע ליעבע שטראַהלען. האָבען אונזערע ברידער געזאָגט: לאָמיר אויך געניסען פון דעם דאָזיגען ליכט, וועלען פערהיילט ווערען אונזערע וואונדען, וואָרום אַז די גאַנצע וועלט וועט ווערען גוט און פיין, וועט אויף אונז אויך קומען אַ ישועה. און מיינט ניט: דאָס איז ניט געוועזען קיין פוסטע פאַנטאַזיע, קיין נאַרישער חלום. אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין על פי דרך הטבע, דערצו פיהרט די היסטאָריע פון דער וועלט, אַזוי האָבען נאָך צוגעזאָגט אונזערע נביאים, און די אַלע האָפנונגען וואָלטען אַוודאי מקויים געוואָרען, ווען ניט...

דאָ האָט זיך קאַץ שטאַרק פערהוסט, און אַזוי ווי ער האָט דערביי ניט אויפגעהערט צו ריידען, האָרחלענדיג און שלינגענדיג די ווערטער, האָב איך ניט געקענט חאַפען, וואָס ער זאָגט, ביז ער האָט זיך אויסגעהוסט און האָט ווייטער אָנגעהויבען ריידען קלאָרע דבורים:

... האָבען די יודען אויך געמוזט זיך אומקעהרען צו זייער פריהערדיגען מעמד... איצט, אַז די יאָהרען זענען שלעכט, קיין צייט איז ניטאָ, צרות וואַקסען אויפ'ן פוד און פון דער האָפנונג איז געוואָרען אַ טייך, — איצט זידעלט מען די אַמאָליגע משכילים, איצט שיט מען אויף זיי שוועבעל און פעך! פרעגט, ווער זידעלט? יונגע לייט, וואָס האָבען צו פערדאַנקען דעם פריהערדיגען דור אַלצדינג, וואָס זיי פערמאָגען: אי זייערע געדאַנקען, אי דאָס געפיהל פון כבוד צו זיך אַליין, אי זייערע פלענער! יונגע לייט, וואָס ווען ניט די ערשטע משכילים, וואָלטען זיי גאָר ניט געקענט ריידען אַזוינע ווערטער ווי איצט, וואָלטען זיי גאָר ניט געהאַט אַזוינע השגות, וואָרום זיי וואָלטען געווען בלינדע מענשען, בהמות, וואָס וואָלטען גאָר ניט געפיהלט, אַז זיי איז שלעכט און וואָלטען גאָר ניט גע-

זוכט קיין רפואה צו זייערע מכות, נידעריגע ברואים, וואָס וואָלטען נעלעגען אין דער קרענק און געשוויגען, צו אונזער גרויסער חרפה, ווי דאָס איז געווען אמאָליגע יאָהרען! — אויב מיר זעהען היינט, אַז עפּעס וואַקסט, זאָלט איהר ניט פערגעסען, אַז געזייהט האָט מען עס פריהער: דאָס קערענדעל האָט געמוזט צופאַלען ווערען אין דער ערד, די שאָלעכץ האָט געמוזט ווערען פערפוילט, כּדי ס'זאָל זיך בּעווייזען דער תוך, כּדי די פלאַנצונג זאָל אָנהויבּען וואַקסען און בּליהען און בּרענגען פרוכט. זאָלען דאָס געדענקען אונזערע יונגע און זאָלען זיי ניט זידלען זייערע עלטערן היינט, ווען אַלצדינג ווערט צופאַלען!... נו, אַ גוטע נאַכט אייך, ליעבּע פריינד, דאָס ליכט געהט שוין אויס. סע ווערט פינסטער און מיר אלע זענען שלעפעריג! איך געה שלאָפען, לעגט זיך אייך און גאָט זאָל אייך העלפען, איהר זאָלט זעהען גוטע חלומות אויף אייך און אויף כּל ישראל...

ס'איז שטיל... מע שלאָפט. סע הערט זיך אַ חראָפּען פון אלע זייטען. די נעזער פייפען, פּישטשען, זינגען אויס אַ זמר, און בּיי מיר פליהען די געדאַנקען אין קאָפּ און לאָזען מיך ניט שלאָפען. סע געהט דורך פאַר מיינע אויגען די היסטאָריע פון די יודען: אַלץ קלאָג און געוויין, העניתים און געשרייען, צרות און שלעק, שפּאָט און שאַנד און צאָרען און צער און אַלע מינ'ע וועהטאָגען און וויסטע בּהלות, הונגער, פוילקייט, צונויפגעלעגטע הענד, פערמאַכטע אויגען, קלעפּ און פּעטש און קולאַקעס — און שטענדיג געבּוקט זיך, געפאַלען אויף די קניע, געקראָכען אויף אַלע פיער, געבּעבּעט פוסטע ווערטער, געחאַפּט מיט די הענד דעם ווינד, געשטויסען וואַסער אין אַ שטייסעל, געטריבּען רכילות, געפיהרט פליאָטקעס, גע'רודפ'ט מיט שנאה און מסירות, געטאָן לשם שמים אַלערליי רשעות... און פון דער אַנדערער זייט דערמאָן איך זיך די קאָמפּאַניע און די שמועסען פון היינטיגען אויפדערנאַכט, זייער חברה, זייער ציעל, זייער פעסטקייט, זייער חשק צו אַרבּייטען, און מיין הארץ זאָגט מיר: גבּורים, מענדעלע, שטעהען אַרום דיין געלעגער! ——

די נעזער קוויטשען, פּישטשען, זינגען, און איך דרעה זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, קלעהר מיר און טראַכט וועגען יודישער היסטאָריע, יודישע פיהרונגען, יודישע גענג, און איך האָב געקלעהרט אַזוי לאַנג, בּיז מיינע געדאַנקען זענען געוואָרען צומישט, אין קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבּען רוישען, ווי אין אַ מיהל... איך הער, סע דונערט אינדרויסען, סע בּליצט און סע רעש'ט, ווילדע קולות, געוואַלדען, געשרייען פליהען

אין דער לופטען, הינט בּילען, דער ווינד בּרומט און וואָיעט און קלאָגט — איך פאַל, ווי אין אַן'אָבּגרונד און פערגעס אַלצדינג... אַז איך חאַפּ זיך אויף, איז אויף מיר שוין גאָר אַ נייע הויט, איך געדענק ניט, וואָס פריהער איז געוועזען, אַקוראַט ווי איך האָב גאָר פריהער ניט געלעבּט, אַקוראַט ווי איך בּין נאָר וואָס בּעשאַפען געוואָרען אין מיין איצטיגער געשטאַלט: איך בּין אַ קליין בּעשעפענישעל מיט אַ האָריג פעלכעל, מיט קורצע פיסעלעך און אַ קורץ וויידעלע. איך ליעג מיר אויף אַלע פיער, שאַ, שטיל. דער קאָפּ איז ליידיג, דער מח אַרבּייט ניט, סע פליהט ניט דורך אפילו די קלענסטע מחשבה, דערפאַר דער מאָגען, די קישקעס זענען שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער עבודה: זיי מאָלען, רייבּען, פערדייהען געטריי דאָס איינגעשלונגענע גראָז. איך לעבּ מיר פּאַוואָלינקע אָהן אַ שום דאגה, אַחוץ די דאגה פון עסען; מיר איז גענוג וואָס איך לעבּ. ניטאָ קיין שאלות, קיין חקירות, קיין „פאַר וואָס" און „פאַר ווען"; אָט אַזוי בּין איך, אַזאַ צורה האָב איך, אַזוי לעבּ איך, אַזוי דאַרף זיין, אַזוי איז מיין טבע — און ווייטער גאָר ניט... ליעג איך אַזוי מיט אַן'אויסגעצויגענער מאָרדע, חאַפּ אַ דרעמעל און סאַפּע מיט דער נאָז. דערהער איך ווי מע זאָגט: אַ וואוילער בּ אַ י בּ אַ ק, אַ שען חיה'לע, לאָמיר איהם נאָר חאַפּען! — רייס איך זיך אויף פונ'ם אָרט און אַנטלויף, וויפיעל איך האָב כּח, און פערקריך אין אַ לאָך. ווייס איך שוין, אַז איך בּין אַ בּ אַ י בּ אַ ק, אַ קליין חיה'לע, פון ניט קיין שטאַרקער משפחה. אינ'ם לאָך, וואו איך האָב זיך בּעהאַלטען, געפין איך אַ גרויסע קאָמפּאַניע בּאַיבּאַקעס, קרובים פון דער אייגענער משפחה; צווישען דער חברה זעה איך אַ סך בּלינדע, הינקענדיגע, מיט אויסגעריסענע זייטען, אויסגעבּראָכענע פיס, אויסגעפליקטע האָר, אויסגעצופּטע וויידלען — בּאַיבּאַקעס זענען אָבּער גרויסע פּעפּערס, לעדאַשטשעס, זיי האָבּען נאָר ליעבּ צו ליעגען און צו דרעמלען. האָב איך זיך אויך אויסגעצויגען און אינאיינעם מיט די איבּעריגע געחאַפּט אַ דרעמעל... ליעגען מיר אַזוי און רוהען זיך אָבּ, הערען מיר — י ע ג ע ר! האָבּען מיר זיך איפגעחאַפּט און אַ לאָז געטאָן אויף גאָט'ס בּעראָט, יעדערער וואוהין די אויגען טראָגען. לויף איך אינאיינעם מיט עטליכע בּאַיבּאַקעס, וואוילע יונגען, חוואַטעס, וואָס האָבּען געוואוסט פון עפּעס גאָר אַ קונציגער נאָרע, — אַ גאַנצער הייל צווישען די שטיינער, וואוהין די יעגער וועלען בּשום אופן ניט דערלאַנגען. לויפען מיר, יאָגען זיך פון לאָך צו לאָך, פון גרוב צו גרוב — זיי פאָרענט. איך נאָך זיי. ס'איז איינג. פינסטער, גליטשיג, טייל פון אונז פאַלען און קע-

נען שוין ניט אויפשטעהן, טייל שלעפען זיך אויף און לויפען ווייטער מיט יסורים; איך אליין האלט זיך שוין קוים אויף די פיס, איך בין מיעד, טויט הונגעריג, איך פאכע מיט דער נשמה, ניטא אין מיר קיין גאנצער אבר, די פעל איז אויסגעפליקט, צעריסען. איך הינק אויף א פיס. מיר לויפען אבער אלץ מיט אנ'אימפעט, ווייטער און ווייטער. אט זענען מיר שוין גאר נאהענט, נאר זיך פער'גנב'ענען אהינצו, נאר זיך דורכשפארען דורך א שפארונע, דורך א שמאלער לאך... מיר פאלען אויף אנ'עצה, מיר שטעלען זיך איינער הינטער'ן אנדערען א לאנגע שורה, מיר שטופען איינער דעם אנדערען, קוועטשען זיך אריין איינציגווייז אין דער שפארונע. אז ס'איז געקומען צו מיר און איך האב אריינגערוקט דעם קאפ אין לאך אריין, האט דער הינטערשטער באיבאק מיך געגעבען א שטארקען שטופ, וויפיעל ער האט געהאט כח, האב איך פאר וועהטאג און שטיקעניש אנגעהויבען פייפען, ווי דער שטייגער איז פון באיבאקעס, וואס זיי פייפען, אז סע ווערט זיי ענג.

— אוי, יודען, מע פייפט! — חאפט זיך רב ישראל אויף אין הוילע שרעק. — געוואלד, מע פייפט. דאס איז ניט אומזיסט...

— אוי, באק, באק—באק, — בעלעמעטשע איך פונ'ם שלאף, און מיין קול הילכט ווי פון א פאס.

— גאט איז מיט אייך, רב מענדעלע, — שרייט רב ישראל, — וואס איז דאס פאר קולות? וואס איז דאס פאר א פייפען?

— גאר ניט, גאר ניט, — ענטפער איך, אז איך בין געקומען צו זיך. — קיינער פייפט ניט און קיינער מאכט ניט קיין קולות, ס'האט זיך אייך גע'חלומ'ט, רב ישראל, געהט לעגט זיך.

ווען גאט זאל מיר, א שטייגער, געוועזען זאגען: וואס איז, מענדעלע, דיין פערלאנג, וועל איך דיר געבען? וואלט איך איהם געענטפערט: רבונו של עולם, גיב מיר געלט איך זאל קענען קויפען חאטש צו ביסלעך פון די פערשיעדענע ספרים, ספרי קודש און ספרי חול, וואס איך האב אויפ'ן אנדערען טאג געזעהען אויסגעשטעלט אין די קלייטען פון ספרים. ווייסט איהר, וואס איך האב דעמאלט געהאט פאר א פנים? מאלט אייך אויס א פוקס, וואס האט דערזעהען אין א גארטען וויינטרויבען, נאר ער קען זיי ניט דערלאנגען: ער פאדעט ארום, שפרינגט און טאנצט און בעלעקט זיך, נאר סע העלפט איהם ניט קיין שום תחבולות — די וויינטרויבען

וואקסען צו הויך! אזוי האב איך דעמאלט אויך ארומגעפאדעט ארום די קלייטען פון ספרים, געחאפט אלעמאל א קוק אויף די ווערק פון אונזערע מחברים און שרייבער, פון שרה בת טובים ביז די היינטיגע בעלי-מליצה — אלץ טייערע סחורה, נאר קויפען — לא מיט אנ'אלף: ניטא קיין קלינגערס! ס'איז, פערשטעהט איהר מיך, אזא מאדע, אז ווער סע האט ניט אין קעשענע, זאגט מען איהם: רב קרוב, געהט ווייטער! וואס טוט אבער א יוד, אז ס'איז איהם אויסגעגאנגען געלט און ער וויל פארט מאכען א מסחר? פאלט ער אויף אנ'עצה: שטעלט ער צו דעם פינגער צום שטערן און קלעהרט און טראכט אזוי לאנג, ביז ער געפינט עפעס אנ'אנהאלט, — איך ווייס, א ווייטען קרוב, א שטיקעל בעקאנטען, א גביר צו ניט קיין גביר, אבי א מעורב עם הבריות, א מענש, וואס האט א נאמען, געהט ער אין טשעפעט זיך אין איהם אן און לאזט איהם שוין ניט אב, ווי א וואנץ, וואס האט זיך צוגעקלעפט צו א מענשען און הערט ניט אויף זויגען, ביז סע רינט בלוט...

אין א נויט האב איך זיך דערמאנט אן רב שמשונ'ען פונ'ם בוידעם און אן דעם אדון אלבערט, דעם בעל-תשובה, וואס האט דארט, אין דער ישיבה של מעלה, זיך אומגעקעהרט צוריק צום יודישקייט און זיך אנגערופען אברהם ב"ר פייבוש. כ'האב מיר א טראכט געטאן: אפשר... פאר וואס זאל איך זיך ניט דורכגעהן צו אזוינע גוטע פריינד בעטען, זיי זאלען מיר העלפען אין א עת צרה. ווער ווייסט...

א כלל איז, אז קיינער געדענקט ניט אזוי אנ'אלטע גוט-פריינדשאפט, קיינער דערצעהלט פון איהר ניט אזוי פיעל גוזמות, קיינער קוועלט פון איהר ניט און אזוי שטארק, ווי אנ'ארימאן, אז ער קומט צו א בעקאנטען גביר און קוקט ארויס אויף א נדבה. אזא מין קבצן מאכט א פרעהליך פנים, דערלאנגט דעם גביר שלום מיט אזא מינע, אקוראט ווי ער איז איינער א גליקליכער אויף דער וועלט, ער פרעגט זיך ביי איהם אויס, וואס מאכט ער, דערמאנט איהם טויזענטער מעשיות, פוסטע גליקען, וואס יענער האט שוין לאנג פערגעסען, הכלל — ער שיינט, ווי די זון אין מיטען תמוז, ער צעגעהט זיך ממש פאר שמחה, זאגענדיג: א דאנק דיר, גאטעניו, וואס מע זעהט זיך געזונטערהייט! — און אלץ צוליעב וואס? אפשר וועט ער זיך אריינ'גנב'ענען דורכ'ן גביר'ס הארצען אין גביר'ס קעשענע. יענער איז אבער אויך ניט קיין נאר, ער ענטפערט מיט א האלב מויל און מיט א ברוגז'ער מינע. ער שאקעלט מיט'ן קאפ און רעדט געצעהלטע ווערטער, טאמער וועט ער זיך, חלילה, ארויס-

חאַפּען און וועט ניט קענען פּטור ווערען פון אַ צרה. ס'איז אַ גרויסער חסד פון זיין ליעבען נאָמען, וואָס ער האָט אַריינגעגעבען יעדען בעשעפעניש אַ בעזונדער חוש צו דערפיהלען אַ מזיק און צו היטען זיך פאַר איהם. אַ גביר, מעג ער זיין דער גרעסטער שוטה, האָט ער פונדעסטוועגען אַ גוטען חוש הריח אויף אַנ'אָרימאַן, ער דערשמעקט איהם פון ווייטען — און גיט זיך אַנ'עצה...

אַז איך בין אַריינגעקומען צו רב שמשונ'ען, האָב איך איהם געטראָפען ביי'ם אָנבייסען. פאַר איהם איז געשטאַנען אין אַ שיסעל אַ פיינע פּאָרציע רעטעך מיט ציבעלעס, צוגעשמאַלצען מיט פרישער, שמעקענדיגער היהנער־שמאַלץ. רב שמשון איז געזעסען אַריינגעטאָן אין דער שיסעל מיט די הענד און מיט די אויגען, געגעסען, קיין עין הרע, מיט חשק, אַזוי אַז די נאָז און דער שטערען האָבען אַזש געגלאַנצט פון שוויים. איך קום אַריין, זאָג איהם גוט מאָרגען, רב שמשון מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. איך געה צו נעהענטער און זאָג איהם נאָך אַ מאָל: גוט מאָרגען אייך, רב שמשון! מיט אַזאַ שמחה, אַקוראַט ווי איך האָב דערזעהען מיין בעסטען גוטען פריינד. — רב שמשון הויבט אויף די אויגען און קיקט אויף מיר מיט אַ „בתמיה", ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?

— איך האָב נאָך אייך באמת געבענקט, זאָל מיר אַזוי גאָט העלפען בכל אשר אפנה, — זאָג איך מיט אַ פרעהליך פּנים און מאַך זיך האַרץ און זעץ זיך ניט געבעטענערהייט. — האָב איך זיך מישב געווען, פאַר וואָס זאָל איך טאַקי ניט אַריינגעהן. סע טוט מיר באמת הנאה, אַבער טאַקי שטאַרק הנאה: ווי איהר זעהט מיך לעבען...

— שטאַרק הנאה... וואָס איז?... וואָרטשעט רב שמשון און פּאַקעווועט אָן אַ פול מויל מיט רעטעך.

— ס'טייטש, וואָס מע זעהט זיך בשלים, וואָס איך טרעף אייך, גאָט צו דאַנקען, אַ לעבעדיגען, אַ געזונטען ביי'ם טיש, ביי זיך אין דער היים — ענטפער איך און טו אַ זיפץ. — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? מיר איז דאָס דוקא ניט אָבגעגאַנגען גלאַט... די ענגשאַפט, די שטיקעניש דאָרט אויבען... עט! איך פיהל אויף זיך ניט קיין גאַנצען אבר. סע האַקט מיך, ניט פאַר קיין יודען געדאַכט, אין די קריזשעס, סע טהוט מיך וועה אין די זייטען, ס'איז מיר, לא עליכם...

— הקיצור, רב יוד, וואָס זשע ווילט איהר? ענטפערט מיר רב שמשון מיט רוגזה און האַקט מיר איבער די רייד.

ס'איז זיך ניט שווער געווען אָנצושטויסען, אַז רב שמשון איז מיט מיר ניט זעהר שטאַרק צופריעדען און אַז ער האָט ניט קיין חשק מיך צו דערקענען. פרעג וואָס? ער האָט נאָך, דאַכט זיך, גאָר ניט געהערט, חאָס איך וויל פון איהם! ניט מעהר, מסתמא האָט דאָס האַרץ איהם געזאָגט, אַז סע שמעקט מיט אַ טובה, מיט אַ גנ'ות חסד. סע קען זיין, אַז דעריבער האָט ער טאַקי געזעהן פּטור ווערען פון מיר וואָס גיכער. אַ שטיק צייט בין איך אַליין געווען אָהן לשון, נאָר עפּעס געבעבעט, געשטאַמעלט האַלבע ווערטער, אָהן אַ שום טאַלק. נאָכדעם בין איך געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער און זאָג איהם מיט אַ טענה:

— ס'טייטש, איהר דערקענט מיך גאָר ניט? איך בין דאָך מענדעלע, אייער פריינד מענדעלע, דער אייגענער מענדעלע, וואָס איהר זענט מיט מיר געוואָרען גאָר נפש אחת דאָרט אויפ'ן בוידעם, במחילה.

— אַ, דאָס זענט איהר... יענער דער ליטוואַק! רופט זיך אָן רב שמשון, ווי איינער, וואָס דערמאָנט זיך אַ מעשה פון פריהער מיט צעהן יאָהר.

— חס ושלום! — חאַפּ איך זיך אויף מיט אַ ברוגז. — וואָס רעדט איהר! איך בין ניט קיין ליטוואַק, איך בין אַ קאַבצאַנסקער, טאַקי אַ געבוירענער פון קאַבצאַנסק.

— אַ קאַבצאַנסקער צו אַ ליטוואַק — אַלץ איינס!... אַ קיצור, וואָס ווילט איהר? — שטעלט אויף מיר רב שמשון אויף די אויגען. ער האַלט נאָך אַלץ אין איין קייען, און דער ריח פונ'ם רעטעך מיט די ציבעלעס פערגעהט מיר אין דער נאָז.

— אַ קיצור, רב שמשון, די מעשה דערפון איז אַזוי.

און איך דערצעהל איהם די גאַנצע מעשה פון אַלף ביז תיו, און איך זאָג איהם מיט זיסע ריידעלעך, טראַכטענדיג בשעת מעשה, אפשר וועט דאָס איהם פאָרט ווייכער מאַכען:

— איהר זעהט רב שמשון, פאַר אייך איז ביי מיר קיין סודות ניטא, פאַר אייך פערטרוי איך מיך, ווי פאַר אַנ'אמת'ען גוטען פריינד. בעט איך אייך, אפשו קענט איהר מיר אַ טובה טאָן אין אַ סקלאַד פון ספרים, מע זאָל מיר געבען אויף באָרג. איהר מעגט מיר גלויבען, איך שווער אייך בהן צדק שלי, אַז ס'וועט זיין אָבגעצאָהלט פיין און שען און צו דער צייט, איהר וועט, חלילה, צוליעב מיר ניט האָבען קיין שום עגמת נפש.

— יאָ, נעה גלויב אין אַ ליטוואַק׳ס יושר! — ברומט רב שמשון און קנייטשט מיט די פּלייצעס.

ס׳טייטש, רב שמשון, אויפ׳ן בוידעם האָט איהר דאָך גערעדט גאָר אַנדערע דבורים. דעמאָלט, בשעת צרה, ווען דער חלף איז געלעגען ביי אַלעמען אויפ׳ן האַלז, איז ביי אייך געווען כל ישראל אחים. דעמאָלט האָב איך געהערט פון אייער אייגען מויל, אַז אַ יוד איז אייך טייער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ יוד, דעמאָלט האָט איהר ניט געקוקט, פון וואָסער אַ קאַנט איך, מענדעלע, בין: ניין, איהר האָט מיך גערופען ברודער און האָט מיר צוגעזאָגט העלפען בשעת הרחק. דעמאָלט זענט איהר געווען ווייך ווי אַ פּוטער, וואָרום ס׳האָט אַ צאָהן אין אַ צאָהן פאַר פּחד. היינט, אַז ס׳איז מיר באמת ענג, ס׳האָט זיך מיר געטראָפען אַן אומגליק, און אייך, קיין עין הרע, איז גוט אויפ׳ן האַרצען, איהר זיצט זיך רוהיג ביי זיך אין שטיב און סע פעהלט אייך גאָר ניט, — היינט מאַכט איהר זיך שוין ניט ווייסענדיג. היתכן! ווי טוט מען אַזוי? איך קען דאָך נאָך, חלילה, קלעהרען, אַז ס׳איז אַ בזיון, וואָס איהר זענט אַ יוד, איהר גיט דאָך דעם שונא אַ פּתחון פּה צו זאָגען: רעכט אויף די יודען! סע קומט זיי טאַקי דער גלות!

אַזוי מוסר איך רב שמשונ׳ען מיט ווייכע רייד. איך רעכען נאָך אַלץ, אפשר וועט דאָס איהם נעהמען. רב שמשון הערט און שווייגט און קוקט מיט כונה אין שיסעל, רייבענדיג דעם רעטעך מיט די ציבעלעס אויף ביידע באַקען, — האָטש רעד צו איזהם, האָטש רעד צו דער וואַנד, אַלץ איינס. איך האָב דערזעהען — אומזיסט מיין טרחה, אַזוינע יודען ווי רב שמשון קען מען מיט קיין ווערטער ניט ריהרען, האָב איך זיך אָבגעזעגענט און אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שווער געמיט, טראַכטענדיג: אַזאַ חזיר קען טאַקי נאָר העלפען דער בוידעם...

אַ מענש, כל זמן ער לעבט, האָפט ער אויף בעסערס. איך נעה מיר איבער דער גאַס און טראַכט מיר אַזוי: אויב אונזערע עהרליכע יודען, גאָט׳ס סטראַפּטשעס, טיילען זיך אויף קלייזלעך, האָבען פיינט אַ פרעמדען חסיד, אַ יודען פון אַן׳אַנדער קאַנט, אויב ביי זיי איז די שנאה אַזוי איינגעעסען אין די ביינער, אַז ס׳איז ניטאָ צו איהר קיין שום תרופה, איז אפשר ביי די דייטשען בעסער? אפשר פערשטעהען זיי יאָ, אַז ס׳איז ניטאָ קיין חלוק פון אַ יודען צו אַ יודען, אפשר איז ביי זיי א י י ן י ו ד י ש ק י י ט אָהן שום קלייזלעך... ווער שמועסט נאָך אַ דייטש א בעל־תשובה, איז ער דאָך אודאי אַ לייט, מאָר מען דאָך אויף איהם געוויס ניט איבערטראַכטען...

בלייבט ביי מיר — אַריינגעהן צו אַלבערט׳ן, בעטען ביי איהם אַ שטיקעל טובה, און אַזוי ווי איך ווייס, אַז ער איז אַ בעל־תשובה וועל איך איהם ברענגען אַ יודישען ספר אַ מתנה, — דאָס וועט איהם געוויס פערשאַפען אַ נחת־רוח, וועט ער מיר ערפילען מיין בקשה מיט פערגעניגען.

אויף מאָרגען מאַך איך ניט קיין שהיות און לויף אַוועק צו אַלבערט׳ן. איך גיב האָפּערדיג אַ ציה פאַר׳ן גלעקעל און סע לאָזט זיך הערען אינוועניג אַ שטאַרקער קלונג, ממש קולי קולות: די טהיר עפענט זיך, און אַ מיידעל בעוויזט זיך אויף דער שוועל. זי קוקט מיך אָן ווי אַן׳עזות׳ניצע און פרעגט מיט כעס:

— וואָס דאַרפט איהר דאָ האָבען, פּאַני זשיד?

— איך דאַרף האָבען צו רב אברהם ב״ר פייבוש, — שיס איך אויס און רוק זיך דערווייל אַריין וואָס גיכער אין קאָרידאָר.

— ניטאָ דאָ, יוד, קיין אברהם׳ס, דאָס איז אַלבערט האָצעקלאָצער׳ס הויז, שרייט דאָס מיידעל.

— אָט איהם, מיין איך דאָך טאַקי, יאָ, יאָ, הער אַלבערט, הער אַלבערט! — ענטפער איך שוין שטעהענדיג אין פאָר־הויז. — זייט זשע מוחל, טאָכטערוניע, געהט זאָגט דעם בעל־הבית, אַז אַ גוטער פריינד וויל זיך מיט איהם זעהען. נאָר מאַכט עס, נשמה מיינע, אַביסעל גיכער, זאָגט איהם אָן די גוטע בשורה, וועט איהם הנאה טאָן.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך בעוויזען דער אָדון בכבודו ובעצמו. צוויי אַקטיאָרען זענען אַרויס אין טעאַטער אויף דער סצענע; ביידע שפּיעלען קלוג, קונציג, יעדערער ווערדליג זיין ראָלע און אויף זיין אייגענעם שטייגער.

אַן׳עבירה, וואָס ס׳איז פערפאַלען געוואָרען אַזאַ סצענע! קיינער האָט ניט געזעהען אונזער שפּיעל, אַ חוץ אונז ביידע. ווי געוועהנטליך זעהט מען ניט אַ סך שענע סצענעס צווישען מאַן און ווייב, צווישען גוטע פריינד. אַזוינע סצענעס איז דוקא כדאי צו זעהען.

דער דייטש, אַז ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער און האָט מיך דערזעהען, האָט ער אַזש אַ ציטער געטאָן און האָט בעקומען אַלעהליי קאָלירען. ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט, אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און געקוקט שווייגענדיג, אַקוראַט ווי ער זעהט מיך דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען. איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט געשפּיעלט אויסגעצייכענט, מ׳האָט טאַקי באמת געקענט מיינען, אַז איך בין איהם אַ

ווילד־פרעמדער. איך ווייס אָבער אויך, וואָס איך האָב צו טאָן; איך בין דוקא אַ מבין אויף אַלע זיינע שטיק. איך זעה איהם דורך און דורך, נאָר איך שפּיעל מיט פּערגעניגען די ראָלע פון אַ תּם, כּלומר׳שט הויב איך גאָר ניט אָן צו וויסען, וואָס ער מיינט.

איך ציה זיך אויס, ווי איך בין גרויס, און שטעה און קוק אויף איהם מיט אַ מין שמחה, אַקוראַט ווי איך בין נאָר וואָס געקומען פון אַ וויטער נסיעה און האָב דערזעהען אַ נאָהענטען פריינד, אַ חבר פון קינדערשע יאָהרען. איך שטעה און קוק און שמייכעל — און רייד ניט אַ וואָרט. מיין שיינענדיגער פּנים אַנטקעגען זיין בייזען קוקט אויס ווי אַ רעגענבויגען אַנטקעגען דער חמאַרע.

ער צו מיר (אַז ס׳איז איהם שוין נמאס געוואָרען דאָס שווייגען): וואָס דאַרפט איהר, רב יוד?

איך צו איהם (מיט אַ ליעב שמייכעלע, הויבענדיג דעם קאָפּ אין דער הויך): אַנו, דערקענט!... אדרבא, ווער בין איך?

ער צו מיר (מיט רוגזה; ער פערזשמורעט די אויגען, קנייטשט מיט דער נאָז): איך קוק און קוק און ווייס אַלץ ניט, ווער איהר זענט.

איך צו איהם (שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ און פּישטשענדיג מיט די ליפּען): פּס, פּס, אַ וואונדער, כ׳לעבען! איהר דערקענט שוין ניט מענדעל׳ען?

ער צו מיר (מיט אַ משונה קול, וואָס האָט אין זיך אַלצדינג: אי כּעס, אי געלעכטער, אי שפּאָט): מענדעלע!

איך צו איהם (כּלומר׳שט מיין איך, אַז סע טוט איהם ווילד הנאה, וואָס ער ווייסט שוין מיין נאָמען): יאָ, רב אברהם. נו, דערקענט איהר מיך שוין! (איך נעהם אַרויס פון דער קעשענע דאָס ספר׳ל, שטופּ עס איהם אַריין אין דער האַנד און זאָג אַרויס אין איין אָטעם) נעהמט, נעהמט, רב אברהם, פון מיר אַ מתּנה, אַז איהר וועט לייענען אָט דעם יודישען ספר, וועט איהר מיך דערמאָנען צו גוטען!

ער צו מיר (קעהרט אום דאָס ספר׳ל מיט גרויס מהירות, אַקוראַט ווי ער האַלט אין דער האַנד אַ הייסע קויהל): איך דאַרף עס ניט האָבען; איך קען ניט קיין יודיש, איך פערשטעה ניט די אַלטע מצרים־שפּראַך.

איך צו איהם (אין האַרצען קאָכט מיר, נאָר ריידען רייד איך שטיל, בנעימות׳דיג): אויב איהר קענט ניט, וועט איהר זיך אויסלערנען, מיט׳ן אויבערשטענ׳ס הילף. איך ווייס דאָך, אַז אַייך ציהט צו דער חיוּלי־נער תּורה און צו די ספרים פון אונזערע חכמים.

ער צו מיר (מיט געשפּעט, ער האָט שוין ניט די העזה צו שרייען אויף מיר אין האַלט אַיין דעם כּעס): איהר רעדט נאַרישקייטען, רב יוד איהר האָט אַ גרויסען טעות! — אויב איך שטעה און הער אויס די צלע ווילדע מעשיות אַייערע, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ס׳איז אַ שטיקעל קאָמעדיע צו קיקען אויף אַייך, ווי איהר נעהט אָנגעטאָן, ווי איהר רעדט, ווי איהר דרעהט זיך, ווי איהר מאַכט אַלערליי משונה׳דיגע העוויות. זאָל מען זאָגען אויף די יודען, וואָס מע וויל — אַז זיי זענען אַ ווילד פאָלק, אַ נאַר׳ש פאָלק, אַז זייערע פיהרונגען זענען מיאוס, זייער חכמה איז פערשימעלט, זייערע געלערענטע טויגען אויף קלאָג, זייערע ספרים זענען פוסט, זייער שפּראַך איז, ווי זיי אינגאַנצען, אָרים, פויל, צעקאַליטשעט, אָהן רייב און לעבען, — פונדעסטוועגען איז אין זייערע ווילדע מנהגים, אין זייער שמיעס, אין זייער הולך, אין זייערע אַלע פּאָסטעמקעס פּאַרהאַן עפּעס אַזוינס, וואָס סע גלוסט זיך אויף זיי קוקען, ווי מע קוקט אויף קאָמעדיאַנטען, דעריבער האָבען טאַקי אונזערע עלטערען אַמאָליגע יאָהרען זוכה געוועזען צו שטעהן אין די פּריציש׳ע פּאַלאַצען: זיי האָבען געוויזען, ווי מע טאַנצט פאַר אַ כּלה, ווי מע זינגט מה־יפית און זמירות פאַר׳ן שבת׳דיגען קוגעל, — זיי האָבען פּשוט פרעהליך געמאַכט די פּריצים מיט זייערע אומגעלומפּערטע געננג.

איך צו איהם (מיט אַ בעהאַלטענעם כּעס און אַ פריינדליכען שמייכעל): איהר טרייבט קאַטאָוועס, רב אברהם! איהר גלויבט אַליין ניט, וואָס איהר רעדט. ווער ווייס גאָך אַזוי גוט ווי איך, אַז איהר האָט אַ יודיש האַרץ, אַז איהר זענט אַ יוד ווי אַלע יודען. דערויף זאָל מען מיך פרעגען, איך בין אַן עדות.

ער צו מיר (מיט אַ הלצה׳לע, וואָס ער האָט פון איהר אַליין שטאַרק הנאה): אָט דאָס איז דאָך די מעשה, אַז אַ יוד ווייסט אַלצדינג, אַ יוד איז אַ יאָהר־עדות, אַבי דו וועסט איהם נאָר ווייזען אַ מטבע.

איך צו איהם (אויך מיט אַ הלצה): איך בין דוקא אַ גוטער עדות. איך בין דאָך אַליין געווען דערביי, איך האָב אַליין געזעהען, ווי אַזוי אַ יוד ווערט אַ בעל־תּשובה, אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, אַ געטרייער זוהן פון זיין פאָלק — אַ מענש, וואָס ליידט גלייך מיט אַלע יודען... נאָר דעם אמת מוז איך זאָגען, אַז אויב אַזוינע שבי פשע ביעקב, אַזוינע „געהויבענע״ יודען איז היינטיגע יאָהרען פאַרהאַן ניט איינער און ניט צוויי, זענט איהר, פּאַני, טנ׳אויסנאַהם צווישען זיי. אין אַ קורצער צייט זענט איהר, ס׳זאָל אַייך קיין עין הרע ניט זיין, געשטיגען פון מדרגה צו מדרגה,

פון אַ פושע ישראל געוואָרען אַ בעל־תשובה, פון אַ בעל־תשובה — אַ נסתר, אַ למד־וו'ניק, אַ צדיק גמור, וועלכער פ ע ר ש ט ע ל ט זיך נאָר פאַר אַ דייטש, און אין אמת'ען איז ער כּלו קדוש. אַ למד־וו'ניק מעג אַלצדינג, איהם איז אַלצדינג מותּר, אַלצדינג איז מען איהם מוחל, אין זיינע מעשׂים איז ניטאָ קיין חלול השם, ער מאַכט ניט מיט דער בלאָטע די גרעסטע יודישע חכמים, בּיי איהם איז ניטאָ ניט קיין קופּערנער שטערען, ניט קיין מיאוס'ע ווערטלעך, ניט קיין נאַרישע דבּורים, ניט קיין פאַלשע רכילות, ניט קיין יאָגעניש נאָך פוסטען כּבוד, ניט קיין שווינדעל און נאַרערייען. בּיי איהם איז אַלץ — סודות, טיעפע כּונות, דברים בּגו. איך מוז זיך מודה זיין: מיר איז נאָר אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען, אַז דאָ אונטען וועט איהר זיך אַזוי גיך אויפהויבּען אויף אַזאַ הויכקייט פון דער נידעריגער מדרגה, וואָס איהר זענט אויף איהר געשטאַנען דאָרט... דאָרט...

ע ר צ ו מ י ר (ער קען זיך שוין ניט איינהאַלטען, און פּנים בּייטען זיך איהם די פאַרבּען — דאָס איז אַ חסרון: ער ווייזט אַרויס אַ אומצופריעדענקייט אינמיטען שפּיעל, אַזוי דאַרף ניט זיין): וואָס?! —

א י ך צ ו א י ה ם (פאַוואָלינקע, קלאָרע דבּורים, ווי אַ גוטער שפּיעלער, כּדי איהם צו דערלאַנגען אין דער זיבּעטער ריפּ): דאָרט, א ו י פ ' ן ב ו י ד ע ם! אַי איז דאָרטען געווען אויף אײַך אַ מחיה צו קוקען. אַ יוד זיצט זיך צווישען פּראָסטע יודען, הערט זיך צו צו זייער שמועסען, זייערע חכמות, זייער תּורה, קוועלט אָן פון זיי ווי אַ ווייניגער עפּעל. אַ קאַטאָוועס—יודען! איהר זענט דאָך צוליעב זיי אַפילו געקראָכען אויף די באַנטעם, מוחל געווען אויף אײַער כּבוד, געגעסען מיט אונז אינאיינעם ציבּעלעס און קנאָבּעל — און דוקא מיט פערגעניגען. איך געדענק — פאַר וואָס זאָל איך ניט געדענקען! איהר האָט מיר אפילו צוגעזאָגט אויסהעלפען אונטער אַ נויט, איהר האָט געשוואוירען, אַז איהר וועט בּלייבּען נאָהענט צו מיר מיט'ן האַרצען און מיט דער נשמה און מיט'ן גאַנצען לעבּען, — נו, האָבּ איך זיך מישב געווען, פאַר וואָס זאָל איך ניט אַריינגעהן זיך זעהען מיט אַ ליעבּהאַרציגען פריינד. בּין איך טאַקי געקומען צו אײַך און פערנייג זיך פאַר אײַך מיט דעם גרעסטען כּבוד און דרך־ארץ (איך טו דאָס טאַקי מיט אַ ערנסטער מינע).

ע ר צ ו מ י ר (פערנייגט זיך אויך מיט אַ בּיטער שמייכעלע, נאָר הנ'ודיג, ווי די מאָדע איז): סע טוט מיר שטאַרק הנאה. אָבּער איצט, רבּ יוד, לאָזט מיך צורוה און געהט אײַך צו... (די לעצטע ווערטער זאָגט ער מיט אַ הויך קול און מיט התלהבות. די ווערטער געהען בּיי איהם

אַרויס קלאָר און שאַרף און די האַנד זיינע איז אויסגעשטרעקט צו דער טהיר).

א י ך צ ו א י ה ם (איך פערשטעה זיין כּונה, געה גיך אַרויס, זאָגענדיג שוין אויפ'ן וועג צו דער טהיר): צו אַל די שוואַרצע יאָהר, נאָר ניט צו אברהם ב"ר פייבוש!

אוים סצענע און אוים האָפנונג!...

איך האָבּ נאָכדעם פערגלייכט רבּ שמשון'ען דעם פרומען יודען מיט אַלבּערט דעם דייטש, איך האָבּ זיך צוגעקוקט צו זייערע מעשׂים אין זייער פיהרונג, וועלענדיג געפינען דעם חלוק צווישען זיי, פערשטעהען, וואָס האָט פון זיי דער כּלל, — האָבּ איך אַיינגעזעהען, אַז חאָטש זיי זענען פערשיעדענע בּרואים, איינער שימעל און דער אנדערער סם, בּריינגען זיי פונדעסטוועגען דעם כּלל־ישראל אַלץ איינע צרות: איבּער זיי בּיירע פוילט דאָס יודישע פאָלק, בּעקומט אַ שלעכטען, עפּוש'דיגען ריח...

סע נעהמט אַוועק אַ טאָג און צוויי און דריי... איך עס און טרינק און צאָהל פאַר מאָהלצייטען און צאָהל פאַר נאַכטלעגער אויף דער אכסניה. געלט ווערט ווייניגער, דאגות אַלעמאָל מעהר, און פרעגט מיך כּחרם, וואָס דער סוף וועט זיין, ווי אַזוי וועל איך אַרויס פון דעם קלעם. קיין סחורה קען איך ניט קויפען, ווייל ס'איז ניטאָ קיין געלט. אמת, יודישע ספרים זענען ניט אַזאַ סחורה, וואָס מע קויפט זיי פאַר מזומנים, אָבּצאָהלען דאָס גאַנצע געלט אויפ'ן אָרט איז קיינער ניט מחויב; יודישע ספרים אָדער מע קויפט דורך אַ בּייט: נאַ דיר, וואָס מיר איז איבּעריג, גיבּ מיר, וואָס סע נעהט בּיי דיר ניט, אָדער בּשעת דער קניה בּעצאָהלט מען האַנד־געלט און דאָס איבּעריגע לעגט מען אָבּ אויף אַ זמן צו גלאַט אַזוי, בּיז דער אויבּערשטער וועט העלפען, דער פדיון וועט ווערען גרעסער — אויף דעם סמך בּין איך דאָך טאַקי געקומען אהער לכתחילה, געמיינט אַבּיסעל נעהמען פאַר מזומן, אַבּיסעל אויף בּאָרג, אַבּיסעל אויסדרעהען מיט אַלערליי מאַניפּאָרגעס, ווי דער שטייגער איז. בּעדאַרף זיך אָבּער טרעפען אַנ'אומגליק, איך ווער אָן די עטליכע קערבּלעך. און ווער וועט דאָס זיין משוגע געבּען סחורה אַ מוכר־ספרים אָהן אַ קאָפּיקע געלט! זיצען ווידער און וואַרטען, איז אויך ניט קיין פּלאַן, וואָרום וואָס קען איך זיך דערוואַרטען? ס'זאָל אויסגעהן דער לעצטער גראָשען, איך זאָל שוין אפילו ניט קענען פאָהרען אַהיים ניט מיט דער בּאַהן, ניט מיט אַ בּעל־

עגלה? וואס זשע וועט זיין? וועל איך מוזן געהן — איבער די הייזער. שלעפען זיך פון שטאדט צו שטאדט ווער ווייסט ווי לאנג, ביז איך וועל זיך דערשלעפען אהיים. איז אבער די פרנסה פון א שלעפער, א מקבל שוין אויך היינטיגע יאהרען ניט דאס, וואס אמאל: סע וואקסען, ברוך השם, קבצנים ווי גראז, וואו מען גיט א ווארף מיט א שטיין, טרעפט מען א מקבל. היינטיגע יאהרען איז סתם קבצן ניט ווערט א צובראכענעם דרייער, מע דארף דערצו נאך האבען א שטיקעל געשעפטעל, א מסחר'ל, א שטייגער פערקויפען נאדלען, שוועבעלעך, דעמאלט איז ערשט גוט צו געהן אין די הייזער. אזא קבצן, ווי איך, למשל, א יוד א מכובד און אין די יאהרען, קלויבט זיך איים א שטיקעל קהל'שע ארבייט, עפעס א שליחות'ל אין א דבר-מצוה: ס'איז דא קבצנים-אדוואקאטען, מליץ-יושר'ס, קבצנים-חובבים, גוט-זאגערס, קבצנים-עצה-געבערס, קבצנים-מחברים, בעל-לשונ'ס, קבצנים מיט'ן טיטול „אמת'ע", קבצנים-דרשנים און אזוי ווייטער...

וואס זשע פאר א מין קבצנות זאל איך מיר אויסקלויבען, אז איך זאל חלילה ניט געהן צו גרונד? זיין א מליץ-יושר פאר יודען אויף יודען — איז דען דא א גרעסערע נארישקייט אויף דער וועלט? אז מענשען לויבען זיך אליין, דערצעהלען פון זיך אליין שבחים צווישען זיך, איז דאס ניט נאר א פוסטע ארבייט, נאר סע ברענגט נאך דעם גרעסטען שאדען, ווארום מע געוועהנט זיך צוצומאכען די אויגען אויף אייגענע חסרונות, אויף חטאים בזדון ובשגגה, מע טראכט גאר ניט וועגען לייטישער, פיינער... נו, און א בטלן — א חובב איז אויך אז אך און וועה. סע בלייבט שטענדיג די קשיה: וואס קען אויפטאן אזא מין חובב, רחמנא לצלן? אז ארבייטען קען ער ניט, קיין כח האט ער ניט, קיין געלט פערמאגט ער ניט, קיין טובה קען פון איהם אין קהל'שע זאכען ניט ארויסקומען בשום אופן. היינט וואס טויג דאס ריידען, דאס הילכען, דאס פלאפלען גלאט אין דער וועלט אריין? ובפרט נאך, אז מיט דעם פלאפלען ביזטו אויסען דיין אייגענע טובה, אז דו מאכסט עס גאר פאר א פרנסה! דו קומסט צו מיר מיט ווערטער, כדי איך זאל קומען מיט קאפיטאלען, מיט א ברייטער האנד, וואלט שוין באמת גלייכער געוועזן אי פאר מיר, אי פאר דער וועלט, אז דו זאלסט אונז גאר אינגאנצען לאזען צו רוה. און גלאט, מאי קא משמע לן? וואסער יוד איז דען ניט קיין חובב? ניט מעהר, מע שוויגט, מע וועט זיך ניט געהן בעריהמען. אויף דערויף איז מען דאך א יוד...

בעסער שוין איז די פרנסה פון אן'עצה-געבער. דאס איז א גרינגע און א ריינע מלאכה. גרינג איז זי, ווארום מע גיט דאך עצות יענעם, ניט זיך. אויב דער ענין איז א שווערער, איז ער דאך ווידער שווער אן'אנדערען, ניט דעם עצה-געבער, וועלכער האט אויף זיך ניט קיין שום אחריות. נו, און ווען איך זאג, אז די מלאכה איז א ריינע, מיין איך דאס אזוי, ווי עמיצער זאגט: א ריינער משוגע'נער, דאס הייסט א מענש, וואס ער פערמאגט ניט קיין פיצעל פערשטאנד. סתם יועץ, האבען מיר א קימא לן, איז א שוטה, און ס'איז ניטא נאך אן'אנדער מצוה, וואס פרומע יודען זאלען זי מקיים זיין מיט אזא שמחה און מיט אזא משונה-דיגען פערגעניגען, ווי געבען יענעם עצות. אז איך בין געוועזן יונגער, פלעג איך אויך שטארק מדקדק זיין אין דער דאזיגער מצוה, ווי אן'אמת'ער יוד. איך פלעג שטענדיג געבען עצות, ווען קיינער האט מיך ניט געפרעגט, ביז ס'האט זיך געטראפען א פאסקודנע מעשה — מ'האט מיר אבגעהאקט די פליגעל, א געשריי געטאן: שוטה, וואוהין קריכסטו, נעהם דעם וועג! פון דעמאלט אן וועל איך שוין פערזאגען א צעהנטען, מע זאל זיך ניט רוקען מיט קיין אומגעבעטענע עצות. דאס איז ביי מיר א נדר...

וואס איז שייך צו דער מלאכה פון ווערטער, מיין איך שרייבען ספרים, איז דאס ניט פאר מיר. די דאזיגע מלאכה איז גרינג נאר דעמאלט, ווען זי איז ריין, דאס הייסט, ווען דער מחבר איז ריין פון קענטענישען, ווען ער האט ניט געלייענט די ווערק פון אונזערע חכמים, ניט אריינגעקוקט אין דער אלטער יודישער ליטעראטור, ניט געלערנט, ניט געקלעהרט, ניט פערטיעפט זיך אין געדאנקען, — איהם איז דאס גרינג, ער האקט אין קרויט אריין, בעשאפט גאר פון גארניט, ווי איהם ווילט זיך — ווער קען איהם זאגען א דעה? די מלאכה איז אבער זעהר שווער פאר אזוינעם, וואס האט אמאל יא געלערנט, אריינגעקוקט אין די קליינע אותיות'לעך. אזוינער האפט זיך ניט מיט זיינע חדושים ביז ער האט ניט פערקוקט אין די אלטע אוצרות, ביז ער האט ניט איבערגעטאפט און איבערגעטרייסעלט אלע בעהאלטענע ווינקעלעך, טאמער וועט ער געפינען א זאך, וואס זאל איהם פאסען צו זיין ענין. אזוינער, אז ער טוט שוין עפעס אויף, איז דאס מיט א טעם און מיט א געדאנק. בעשאפען גאר פון עפעס איז זעהר א שווערע ארבייט, דא דארף מען א סך קענען און א סך פערשטעהן!...

דער טיטול „אמת'ער" אדער „באמת" איז היינט אין גרויס חשיבות.

מע שענקט איהם יעדערען, וועמען מע וויל אָפּגעבען כבוד, נאָר איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך פֿערשטעה ניט, וואָס ער בעטייט. מע זאָגט היינט: אַנ'אמת'ער חכם, אַנ'אמת'ער צדיק, אַנ'אמת'ער חובב, ס'איז דאָ אַזוינע, וואָס זאָגען אַפּילו: אַנ'אמת'ער איש־אמת, אָדער: ער איז באמת אַ חכם, באמת אַ צדיק, באמת אַ חובב, באמת אַ איש־אמת. אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז אַ סתם חכם איז ביי אונז אַ שוטה, סתם צדיק — אַ רשע, סתם חובב — אַ שונא, סתם איש־אמת — אַ ליגנער, סתם הס — אַ שווינדלער. און אויב אַזוי, הייסט עס דאָך, אַז היינטיגע יודען זענען אַלע איבערגעשפּיצטע, דורכגעטריבענע יונגען, וועלכע ריידען נאָר אויף לשון סגי־נהור! היינט, אַז אַ יוד איז ניט בעגלויבט אויף אַ טיטול, וואָס ער אַליין האָט געשענקט אַ מענשען, איז ער דאָך במילא ניט בעגלויבט אויך אויף אַ טיטול צו אַ טיטול. הייסט עס, אַז דער סגי־נהור, וואָס איז טייטש בלינדער, וועט טאַקי בלייבען אַ בלינדער לעולם ועד, ווי־פּיעל דו ווילסט אַליין? ווי מענסט איהם רופען אמת'ער סגי־נהור, — דאָ וואָלט איך געדאַרפט אָנקומען צו אַ שאלת חכם, נאָר מיר ווייסען אָבער, אַז זינט ס'איז חרוב געוואָרען דער בית־המקדש, האָט מען צוגענומען די סמיכה ביי'ם בית־דין של חכמים און זי איבערגעגעבען צו קונדסים: אַ ליאַדע חדר־יונגעל גיט היינט וועמען ער וויל דעם גרעסטען, דעם ווילדסטען, דעם מורא'דיגסטען טיטול. פֿאַר אָט די יונגע צוציקעס איז קיין זאַך ניט שווער. אַמאָליגע יאָהרען האָבען די חכמים געזאָגט: ניט יעדערער, וועמען עס וויל נעהמען אַ נאָמען, מעג איהם נעהמען (לא כל הרוצה ליטול את השם יבא ויטול), מיר אין אונזער צייט דאַרפֿען זאָגען: הלואי וואָלט ניט יעדערער, ווער עס וויל געבען אַ נאָמען, איהם געמענט געבען!...

און נאָך אַלע זאַכען זענען די צוויי לעצטע פּרנסות גאָר ניט קיין פּרנסות — אַפּילו פֿאַר אַ קבצן. מע קען פֿון זיי קיין נחת נישט האָבען. אויב איך האָב זיי דאָ אַריינגעשטעלט אין צעטעל, איז נאָר פֿון כבוד וועגען, כדי איך זאָל ניט מבייש זיין אַ געוויסען סאָרט קבצנים — שענע יודען.

הכלל, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? ס'איז אַריבער נאָך עטליכע טעג, רב ישראל איז אָוועקגעפֿאָהרען, די איבעריגע אורחים זענען זיך אויך צופֿאָהרען, איך בין געבליבען אויף דער סטאַנציע איינער אַליין. וואָס טוט מען, געוואַלד, וואָס טוט מען? ניטאָ קיין געלט, ניטאָ קיין ספרים, ניטאָ קיין פּרנסה, און דער היים געלאָזט אַ ווייב מיט קינדער!

פֿער'גנב'עט זיך צו מיר אין מח אַ מחשבה'לע: האַ, מענדעלע, אפשר פֿאַרט ווערען אַ דרשן?! — איך מאַך זיך ניט הערענדיג, ניט וויסענדיג, איך פֿערקאַטשע דעם אַרבעל ביז'ן עלענבויגען און קראַץ זיך געשמאַק און סטאַרע זיך טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען. געהט אַוועק אַ שטיקעל צייט, און דער איינענער געדאַנק קלינגט שוין ווידער אין מיר, ווי אַ גלעקעלע: געה, מענדעלע, מאַך ניט קיין שהיות, נעהם זיך צום זאָגען! דרשנים זענען איצט אין דער מאָדע, ס'איז אַזאַ סחורה, וואָס זי געהט... האָב איך שוין איצטיגס מאָל יאָ אַ פּאָר ווערטער פֿון דעם דאָזיגען געדאַנק, נאָר איך קווינקעל זיך, איך ווייס אַליין ניט, וואָס צו טאָן: פֿון איין זייט האָב איך מורא פֿאַר'ן עולם — ווי געהט מען דאָס גלאַט אַרויף אויף אַ בימה און מע זאָגט פֿאַר אַנ'עדה מיט יודען, אַז מ'האָט עס זינט מע לעבט ניט געפּרובט? היינט איז דרשנות טאַקי אַ שטיקעל עבירה אויך, וואָרום מע געוועהנט זיך צעקאַליעטשען די פּסוקים און מע ווערט אַ גרויסער עזות־מחוצף־פּנים, ניט אויסגערעדט זאָל זיין; פֿון דער אַנדערער זייט אָבער טראַכט איך מיר: פּרנסה! און סע שטעהען מיר פֿאַר די אויגען גאַנצע קופּקעלעך מטבעות, וואָס מע צאָהלט פֿאַר אַ דרשה. איך קווינקעל זיך נאָך אַלץ, נאָר עפּעס טאָרעט מיך שוין אינוועניג, סע טראָגט מיך אונטער: געה, געה, זאָג און פֿערדיען אַ גראָשען און זאָלען דיין ווייב מיט די קינדער פֿערשפּאָרען אויסגעהן פֿאַר הונגער!... סע ווערט מיר קאַלט און וואַרעם אין האַרצען און אין אַלע רמ"ח אברים; דאָס פֿיבער פֿון דרשנות, די מגפה פֿון איצטיגען דור, כאַפּט מיך אַרום מיט'ן גאַנצען כח: סע ציהט ביי דער נשמה, סע נאָגט, סע קיצעלט אינוועניג, סע לאָזט ממש ניט רוהען, איך זאָל נאָר, למען השם, ריידען, ווערען אַ מגיד צווישען יודען. סע טרייבט מיך ווי אַ דבוק, ווי אַ שד, רחמנא לצלן. סע דאַכט זיך מיר — איך וועל ניט אויסהאַלטען, אויב איך ווער ניט אַ בעל־דרשן.

איך לעג זיך אַריין אין בעט און בין שטאַרק פֿערטאָן אין מחשבות, איך זוך, איך נישטער אין מדרשים, אגדות און פּסוקים, איך קלויב שטיקלעך פֿאַר אַ דרשה, וואָס איך וועל, אם ירצה השם, האַלטען. איך בינד צונויף אין מיין געדאַנק איין מאמר מיט'ן אַנדערען, חאָטש סע קלעבט זיך אָפּט ווי אַנ'אַרבעס אָן וואַנד, איך האַלט מלחמה מיט די פּסוקים: די נאָהענטע מאַך איך וויט, די וויטע נאָהענט, דאָס קרומע גלייך, דאָס גלייכע קרום, איך צעקאַליעטשע זיי, פֿערדרעה און פֿערפּלאָנטע זיי, אַז ס'איז זיי ניט צו דערקענען; איך שפּרינג פֿון איין ענין צום אַנדערען,

הייב אן און לאז ניט אוים, הייב אן עפעס אנדערש און האק אב אינמיטען ! דערווייל איז ביי מיר נאך אלץ אהן א טאלק, אהן א סדר : פיצעלעך, ברעקלעך, רמזים, מעהר געמיינט ווי געזאגט, מעהר לאטע ווי בגד. דער משל איז זיך א משל פאר זיך, קיין נמשל האט מען נאך דערווייל ניט נעקאכט. דער אנהויב איז דא, דעם המשך וועט גאט געבען. בכלל איז מיר די דרשה געראטען, — א דרשה ווי גאט האט געבאטען, מיט אלע פיטשעווקעס, מיט אלע פליטערלעך, מיט הכל בכל מכל כל : א סך נאריש מליצה, צוגעזאלצען מיט צביעות און שווינדעל, א מארנע ליעבשאפט צום כלל ישראל, צוגעשמאלצען מיט חנופה — זים ווי לאקריץ, א טראפען אמת און א פאס ליגענס, אלצדינג ווי עס רעדט זיך ביי אונז, ברוך השם... איך ליעג אויפ'ן בעט און האב הנאה פון מיין דרשה, איך קוועל ממש אן, איך חזר זי אלעמאל איבער, דא שטעל איך אריין א צאצקע, דארט מאך איך א נייעם קנייטש, א נייעם אויפטו, איך האלט שוין ביי „ובא לציון גואל" — קומט עמיצער אריין...

דער משרת, האב איהם אכציג שווארצע יאהר ! וואס האט ער צו מיר...

— רב קרוב, מעות...

— לייזער, איך האב איצט ניט !

— פעטער, אז א בעל-הבית'טע הייסט, מוז מען געבען.

— איך ווייס, לייזער, אוי, ווייס איך, פאר וואס זאל איך ניט וויסען. איך קען זי גוט, די מרשעת !

לייזער'ס וויזיט האט איבערגעריסען מיינע מחשבות. איך האב זיך אויפגעכאפט, ווי נאך א חלום. לייזער'ן האב איך פערדרעהט די צייהן מיט א תירוץ : מילא, דאס, יענץ, איך וועל קריגען, איך וועל איהם געבען מארגען. מיר אליין איז אבער זעהר געווען שטארק קאלעמוטנע, ווארום איך האב גוט געוואוסט, וואו דער שוך קוועטשט מיר. טראכט איך מיר, וואס איז דאס פאר א פלאן — זיצען אין שטוב און ניט טאן א האנד אין קאלט וואסער. נאר פערנעהמען זיך מיט פוסטע פאנטאזיעס, וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען ! אמעהר לאמיך בעסער ארויסגעהן אין מארק אריין, אפשר וועט מיר דער אייבערשטער עפעס צושיקען מיט זיין גרויס חסד.

אז איהר וועט קומען, רבותי, קיין ווארשא, און וועט געהן איבער

די גאסען, זאלט איהר זיך שטארק היטען פאר א סכנה. ווארום אויב אונזערע יודעלעך זענען אומעטום, ברוך השם, ריהרעווודיגע נפשות, לויפען, איילען, יאגען זיך אויף וואס די וועלט שטעהט, זענען די ווארשאווער יודען מיט זייער ריהרעווודיגקייט גאר אנ'אויסנאהם צווישען אלע. אז א ווארשאווער יוד קומט אייך אן אנטקעגען, איז דאס ווי א באמבע, ווי א פייל אויסע'ן בויגען. איהר אוספייעט זיך ניט צורוקקוקען, ליעגט איהר שוין אויף די שטיינער און קלייבט די צייהן. אז א ווארשאווער יוד שנייצט, במחילה, די נאז און איהר טרעט ניט אב אן א זייט, זאלט איהר וויסען, אז איהר דארפט תיכף לויפען אהיים און וואשען די קאפאטע מיט זייף... וויפיעל נסים האט מיר גאט געהאלפען יענעם טאג, וואס איך בין ניט געווארען בלינד און הינקענדיג און ניט געבליבען אהן זייטען, בשעת איך האב זיך ארומגעבלאנקעט א פערטראגענער אין די גאסען און געסלעך און מארקען, וואו סע זשומעט, קיין עין הרע, ווי אין א בינען-שטאק, וואו סע לויפען און טימלען און דרעהען זיך און שטויסען זיך אונזערע יודעלעך אין חאפעניש און איילעניש, ווי ביי א שרפה. געלעזט האב איך דוקא יענעם טאג — ניט צו פערזינדיגען — וואו א שטעקען, וואו א שטופ אין זייט, א קלאפ אין פלייצע, א קולאק אין בויך, סטוסאקעס, באבענציעס אהן א צאהל, און איך בין מיר אלץ געגאנגען ווייטער און מקבל געווען די קלעפ באהבה. סוף כל סוף האט זיך מיר געטראפען אזא מין מעשה : צוויי יודען זענען אויף מיר אנגעלאפען אין איין צייט, איינער פון פארענט, דער אנדערער פון הינטען, איינער גיט מיך א שטופ רעכטס, וויפיעל ער האט נאר כח, דער אנדערער שטופט מיך מיט דעם איינענעם אימפעט אויף לינקס. מיר ווערט פון אזא אפעראציע אזש ליכטיג אין די אויגען און איך זעה בחוש, אז ס'איז א נס, וואס פון אונז אלע דריי איז ניט געווארען איין מאטשינקע. אט אזוי געה איך אויף צרות און פאל און שטעה אויף און געה ווייטער, ביז מ'האט מיך צוגעשטופט אהן מיין ווילען צו א גרויסען סקלאד פון ספרים. וואס זאל איך אייך זאגען ? איך האב טאקי באלד דערזעהען בעשיינפערליך, אז די קלעפ זענען ניט געווען אומזיסט : פון זיי האב איך, פערשטעהט איהר מיך, בעקומען מעהר שטארקייט, צוליעב זיי האב איך זיך אנגענומען מיט הארץ און גענאנגען און געטאן און אויסגעלעזט געווארען פון א צרה און דערשלאגען זיך, וואס איך האב געוואלט. ניט אומזיסט זאגט די וועלט א ווערטעל : דער הונד פערדיענט דעם שטעקען.

רבותי, איך בין שוין, קיין עין הרע, א יוד א ... ם און זינט

איך בין געקומען צו מיין דעה האָב איך צו טאָן מיט יודישע ספרים, האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַ חכם, אַז איך פערשטעה עפּעס אין דעם מסחר, — אָבער אין דעם סקלאַד, וואו איך בין פערגאַנגען, בין איך ערשט געוואויר געוואָרען, אַז איך פערשטעה גאָר ניט, אַז מיין געניטערשאַפט איז דאָ ווי אַ טראָפּען אין ים. געוואוסט האָב איך, למשל, אַז ספרים זענען ביי אונז ניט אַי-אַי-אַי, אַז דער עסק פון ספרים איז געשלאָגען: דער פערקויפער ליעגט אין דער ערד און מוז באָרגען דעם קונה נאָך מיט אַ טאַנץ. אָבער אַז דער מסחר זאָל זיין אַזוי טויט, אַז מע זאָל קענען איינקויפען אַ גאַנצען פּאַק ספרים אַפילו אָהן אַ פּרוטה, אָהן אַ צעבראָכענעם גראָשען, נאָר מיט אַ וועקסעל און מיט אַ צוזאָג און מיט אַ הן צדק, און דערצו נאָך אַזאַ מוכר ספרים ווי איך, וואָס איך בין דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשאָ און האָב דאָרט ניט קיין איין בעקאַנטען, — זאָגט אַייך וואָס איהר ווילט, דערויף האָב איך זיך ניט געריכט. דעריבער אַז ס'איז מיר אויסגעגאַנגען געלט, האָב איך געמיינט — פערפאַלען, ניטאָ מעהר קיין האָפנונג. וויפיעל מאָל האָב איך זיך אומגעדרעהט איבער די סקלאַדען, געקליבען, כלומר'שט, ספרים און זיי אָבגעלעגט אָן אַ זייט, ווי איינער רעדט: איך וועל נאָך האָבען אַ ישוב. — ריידען אָבער מיט דעם בעל-הבית פונ'ם סקלאַד האָב איך ניט געהאַט קיין העזה, וואָרום ווי קומט מען דאָס צו אַ מענשען און מע זאָגט איהם: גיב מיר סחורה און איך וועל דיר געבען אַ הבטחה אויף שפּעטער, אַז דער אויבערשטער וועט שענקען דאָס לעבען? איך האָב, פערשטעהט איהר מיך, גוט געפּידלט מיין וועהטאָג. נאָר יענעם טאָג איז, ווייזט אויס, שוין פול געוואָרען דער בעכער פון מיינע צרות, דאָס לויפען איבער די גאַסען מיט די קלעפּ מיט די באָבענציעס, וואָס האָבען זיך אויף מיר געשיט, האָבען מיך אַזוי צעשרויפט, אַז איך האָב שוין אַוועקגעוואָרפען בזיון אין אַ זייט. אַ צעטראָגענער, אַ בייזער בין איך אַריין אין סקלאַד און אויסגעשאָסען מיט אַ מאָל:

— רבי עזריאל, די מעשה דערפון, רבי עזריאל, איז אַזוי: איך האָב קיין געלט ניט!

— ווער האָט היינטיגע יאָהרען יאָ? — זיפצט רבי עזריאל און נעהמט מיך דורך מיט די אויגען, — שלעכטע געשעפטען, פּאַני, געשלאָגען דער מסחר, — זיץ און קוק אָן די פיער ווענד!... מע וויסט דען, מ'שטיינסגעזאָגט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט מע לעבט?... היינט בין איך דאָ, מאָרגען... ווייס איך, וואו איך וועל מאָרגען זיין?

— איך האָב ניט, מיט וואָס צו בעצאָהלען פאַר דער סחורה היינט, רב עזריאל, איהר הערט, וואָס איך זאָג?

— אוי, איך הער, איך הער, רבי מענדלע, פאַר וואָס זאָל איך ניט הערען... נאָר וואָס דען, ס'איז עפּעס אַ חידוש? אַז אַ יוד קען ניט צאָהלען, זוכט מען זיך עפּעס אַנ'עצה, טוט מען זיך, ווי זאָגט מען דאָס, אַביסעלע אַ קוועטש, ציהט מען זיך איבער'ן כח... אַ ברירה האָט מען?... אַזוי פיהרט זיך שוין די וועלט, רבי מענדעלע, מע קוועטשט דעם יודען, קוועטשט ער זיך, קוועטשט ער יענעם, האַלט מען אין איין קוועטשען, אין איין שטופּען... דערויף איז מען דאָך יודען...

— גאָט איז יודע דעם אמת, רבי עזריאל, אַז איך וואָלט זיך דוקא געקוועטשט, וויפיעל איך האָב כח, די מעשה איז אָבער אַזוי, רב עזריאל... די מעשה איז, אַז סע העלפט ניט קיין קוועטשען זיך! לאָזט זשע, רב עזריאל, וועל איך איצט אייך אַביסעל אַ קוועטש טאָן...

— אַביסעל — פאַר וואָס ניט, אָך, מיט'ן גרעסטען כבוד, רב מענדעלע! אַביסעל זיך לאָזען אַ קוועטש טאָן, דהיינו: איצט במזומנים אַ העלפט, אַ דריטעל, דאָס איבעריגע אין אַ צייט אַרום — דאָס אַרט מיך דוקא ניט. דערויף בין איך מוסכם. וואָס דען זאָל מען טאָן?... געשעפט איז געשעפט. כל זמן שהנשמה בקרבי, ווי זאָגט מען דאָס, דאַרף מען מקיים זיין די מצוה, דאַרף מען האַנדלען און וואַנדלען... איך האָב געהערט אויף אייך, רב מענדעלע, אַז איהר זענט אַ בטוח, אַ איש נאמן... קוועטשט רב מענדעלע, קוועטשט, פאַר וואָס ניט, אָבער קוועטשט מיט רחמנות!

— ניין, ניין, רב עזריאל! היינט זאָלט איהר מיר ניט ריידען, היינט זאָלט איהר מיר בעסער שווייגען, היינט זאָלט איהר ניט האָבען קיין טענות, ווען איך וועל אייך, במחילה, אַ קוועטש טאָן אַריבער דער מאָס: קוועטשט זיך אַליין, רב עזריאל, קוועטשט זיך איבער די כחות און שווייגט, וואָרום ס'איז היינט שלעכטע צייטען אויף דער וועלט! די היסטאָריע פון דער מעשה איז אַזוי און אַזוי... אַ שעת הדחק... ניטאָ קיין מזומנ'ער גראָשען.

— און אַז דאָס איז ניטאָ... ס'הייסט מזומנים אַז סע פעהלט אויס, דאַרף מען, ווי זאָגט מען דאָס, זיך דרעהען... אפשר מאַכען אַ חילוף, רב מענדעלע? אפשר האָט איהר אויף צו בייטען?

— ניטאָ!

— וואָס זשע דען?

— א חתימה, רב עזריאל. מיין וועקסעלע איז דאס בעסטע ערבות. איהר דארפט ניט האבען קיין בעסערע בעווארעניש.

— איהר זענט טאקי א בטוח, רב מענדעלע, אודאי. פון איין זייט איז דאס אזוי... אז מיר וועלען אבער נעהמען דאס אייגענע פון דער אנדערער זייט, וועט זיין ניט אזוי, נאר גאר אנדערש, — שלאגט זיך רב עזריאל מיט דער דעה, און דערביי דרעהט ער מיט די פינגער דעם שפיץ בארד און לעגט איהם אריין אין מויל אריין, נאכדעם שטעלט ער אויף מיר אוים די אויגען און זאגט:

— אזוי, אזוי טוט זיך דאס היינט אויף דער וועלט, ניטא!...

נו, שרייבט זשע, רב מענדעלע, שרייבט און חתמ'עט און נעהמט סחורה און זאל זיין אין א גוטער שעה. נאר געדענקט, א ווארט איז א ווארט...

אויף מארגען בין איך למזל שוין געפאהרען אהיים מיט דער באהן. אין וואגאן איז דער עולם געזעסען חאפטעסווייז, יודען בעזונדערס, גויים בעזונדער. די יודען ריידען פון מסחר, פון דער בירזשע און דעם תבואה־מארק. מע רעדט אויף יודיש, אלע מיט אמאל, און ס'איז, קיין עין הרע, א געפילדער, א יריד, ווי דער שטייגער איז. די גויים ריידען אויף זייער לשון, טייל שעפטשען זיך, טייטען מיט די פינגער, שפעטען אב — אויך ווי דער שטייגער איז. אין וואגאן איז פינסטער. איך זיץ מיר אין א ווינקעל און וויל גאר ניט וויסען, וואס סע טוט זיך ארום מיר. איך זיץ איינער אליין, איך דערמאן מיך אלע מעשים מיט אלע טרעפעניש'ן, וואס האבען זיך מיר געטראפען די לעצטע טעג, איך בעטאפ מיך, צו בין איך טאקי באמת געבליבען גאנץ מיט אלע מיינע אברים, און דאס הארץ פרעהט זיך מיר, וואס פון אלע צרות מיט שלעק מיט אומגליקען בין איך ארוים געזונד און שטארק און פיהר נאך דערצו א שלל מיט סחורה אויך! א דאנק דיר, גאטעניו, א דאנק דיר, פאטער אין הימעל, פאר דיינע גרויסע נסים, פאר'ן דראפען זיך אין דער הויך, פאר'ן ווינקעלע אויפ'ן בוידעם, פאר'ן נצול ווערען פון א סכנה, פאר די געשעפטען מיט די מסחרים מיט די פרנסות מיט אלע גרויסע וואונדער און חסדים, וואס דו האסט געטאן מיט אונז, כדי צו גרויסען אונזער נאמען און צו הייליגען דיין גרויסען, פארבטיגען נאמען, וואס ווערט גערופען אויף אונז...

איך שטעל מיר פאר מיין אלטיטשקע, ווי זי וועט זיך דאס דערפרעהען, ווען זי וועט דערזעהען, אז איך קום אריין אין שטוב מיט גאנצע פעק

ספרים, ווי זי וועט דאס שיינען, אנקוועלען פאר נחת; איך מאל מיר אוים, ווי איך פעסטע זיך פאר איהר, און זי טוט מיין רצון, זי בעדינט מיך, זי קיבע־ט מיך, זי זאגט מיר מיט א ווייך קול: מענדעלע, עס, מענדעלע טרינק, און לאז דיר וואויל בעקימען! מענדעלע, גנה, לעג זיך צו אביסעל! מענדעלע אהין, מענדעלע אהער!

זיץ איך מיר אזוי און מאל מיר אוים בילדער, איינס שענער פונ'ם אנדערען. איך גלעט מיר די בארד, גרייזעל די פאות און שמייכעל מיט פערגעניגען, — דערהער איך פלוצלינג א געשריי, א קללה, א זילעריי: איינער שרייט: א רוח אין דיין טאטענ'ס טאטען! נאכ'ן טאטען דערהער איך א קנאק, ווי פון א פאטש, נאכ'ן קנאק — א קוויטש און א געלעכטער. וואס קען דאס זיין? איך שטעה אויף און גנה צו נעהענטער... א שענע מעשה, כ'לעבען.

איך דערזעה רב שמשונ'ען און אלבערט האצעקלאצער — זיי רייסען זיך, ווי די הינער! ארום און ארום שטעהען יודען און גויים און לאכען...

די מעשה איז געוועזען אזוי:

צו א קאמפאניע פאליאקען, גויים, וואס זענען זיך געזעסען בעזונדער אין א ווינקעל, איז געהאט צוגעשטאנען אויך :.ונזער בעקאנטער אלבערט. געהאלטען האט ער זיך אזוי, אז מ'האט געקענט מיינען — ער איז טאקי באמת א פאליאק. ער האט גערעדט מיט זיי אויף זייער לשון, אבגעלאכט פון יודען גלייך מיט זיי, חוזק געמאכט און געזאגט ווערטלעך — און געהאט שטארק הנאה. איז אבער א גזרה פון זיין ליעבען נאמען, אז א יודען איז ניט בעשערט קיין גוטס, האטש ער מעג זיך אפילו שעמען מיט'ן נאמען יוד, דארף זיך טרעפען, אז אין אנדערן ווינקעל, פונקט אנטקעגען, איז גראד געזעסען רב שמשון צווישען א קאמפאניע יודען. דערזעהען פון דער ווייטענס אלבערט'ן, ווי ער זיצט דא אזוי בהרחבה און רעדט און לאכט און איז גאר בגילופין, דארף מסתמא רב שמשון אויפשטעהן פון זיין ארט, צוגעהן צו איהם, דערלאנגען איהם דעם פרעהליכען שלום עליכם, און דוקא אויף יודיש, און דוקא גאנץ ברייטליך, אזוי אז אלע זאלען הערען, און רופט איהם דוקא: רב אברהם, און איז זעהר צופריעדען, וואס מע זעהט זיך געזונטערהייט. דערהערען דאס די פאליאקען, וואונדערן זיי זיך, און אלבערט איז זיך גרייט צו בעגראבען ניין איילען אין דער ערד. וואס זשע טוט ער? מאכט ער זיך הארץ און טוט א געשריי אויף רב שמשונ'ען, און דוקא אויף פויליש: גנה ווייטער,

יוד, איך קען דיך ניט! — דערהערט דאָס רב שמשון, ווערט ער שטאַרק אין כעס: ס'טייטש, מע קען איהם שוין גאָר ניט! און אַזוי ווי ער ווייסט, אז דאָס איז אַ יוד, ניט קיין גוי, וויל ער דאָס ניט פערשווייגען, זאָגט ער שוין אויף פויליש: אַז אָך און וועה איז רב פייבוש'ען, וואָס ער האָט גאָר געהאַט אַזאַ בן סורר ומורה! זיין פאָטער, רב פייביש, — דערצעהלט ער די פּאָליאַקען אויף אַ געבראָכענער שפּראַך, — איז געווען אַ פרומער, אַ כשר'ער יוד... ווערט אַ געלעכטער, אַ זידלעריי: די פּאָליאַקען לאַכען אונזערע יודען, רב שמשון און אַלבערט, זידלען זיך, סע ווערט אַ רעש, אַ טומעל, און אינמיטען דערינען פאַלט אַ פּאַטש. ווער ס'האָט איהם געגעבען דער ערשטער, דערינען איז דאָ חלוקי דעות, די זאַך איז נאָך ניט קלאָר עד היום. איינס אָבער איז בעוואוסט און זיכער, אַז ביידע צדדים האָבען זיך נאָכדעם צעטיילט מיט די פּעטש חלק כחלק. בשעת איך בין צוגע־גאַנגען נעהענטער אינאיינעם מיט די איבעריגע יודעלעך, וואָס זענען גע־וועהנטליך להוט נאָך נייעס, איז דאָס מחלוקת געווען אין סאַמע ברען. דערזעהט מיך רב שמשון און חאַפּט מיך אָן און שלעפּט מיך צו די פּאָליאַקען:

— אָט האָט איהר, פּאַנאָוויע, אַנ'עדות! זאָגט איהר, רב מענ־דעלע, איהר קענט אָט דעם רב פייביש'עס זוהן? איך פערלאָז זיך אויף אייך.

— אַודאי קען איך איהם, רב שמשון! פאַר וואָס ניט? איך קען איהם אַזוי, פּונקט ווי איך קען אייך! — ענטפער איך איהם בקול רם, און אין האַרצען טראַכט איך מיר: הלואי וואָלט אייך ביידע געקענט דער שוואַרץ יאָהר... איהר זענט, כ'לעבען, ווערט איינס דאָס אַנדערע.

— מיאוס'ער זשיד, פּרא אדם! — שרייט אויף מיר דער דייטש.

איך דערהער אַזאַ חוצפה, עפען איך אַ מויל און הויב אָן ריידען מיט אַמאָל אויף דריי לשונות — פויליש, רוסיש און יודיש. איך זאָג מיר רוהיג, געלאַסען:

— פּאַנאָוויע! ווי מע שמועסט, איז ציבעלעס און קנאָבעל אַנ־עדות ביהוסף, אַז...

נאָר איך האָב נאָך ניט דערערדט ביז'ן סוף, בלייבט דער צוג שטעהען ביי עפּעס אַ סטאַנציע, די קאָנדוקטאָרען קומען אַריין און שלעפּען אַוועק אי רב שמשונ'ען, אי אַלבערט'ן צום נאַטשאַלניק סטאַנציע — בע־שטראָפען זיי פאַר אַ סקאַנדאַל אין אַנ'עפּענטליכען אָרט. דער צוג פאָהרט ווייטער, און מיין עדות־זאָגען וועגען רב אברהם בר' פייבוש איז טאַקי אַזוי

געבליבען ניט דערזאָגט — דערווייל ע, ביז די צייט וועט קומען...

די פּאָליאַקען זיצען און שמועסען וועגען דעם ענין און טייטשען איהם אויס אויף פערשיעדענע אופנים: מע לערענט אָב פונ'ם פרט אויפ'ן כלל, מען פערגלייכט, מע אַמפּערט זיך. איינער, דער עלסטער פון זיי, וואָס האָט געשוויגען די גאַנצע צייט, רופט זיך אָן:

— מיינע הערען! אויף מיין וואָרט, איך האָב בעסער ליעב די פּראָסטע יודען פונ'ם פאָלק, וואָס זענען מקיים זייער חוב פאַר גאָט, וואָס חקירה'ן ניט און פאַלשעווען ניט און לעבען, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבען געלעבט, און איך קען ניט איבערטראָגען די, וואָס פער־שטעלען זיך פאַר פּאָליאַקען, מאַכען זיך מיאוס, שעמען זיך מיט זייער יודישקייט, טוען אָן אַלערליי מאַסקעס, ווילען נאָכמאַכען אַנדערע פעל־קער, כדי מ'זאָל ניט דערקענען, אַז זיי זענען יודען.

פיעלע פון די פּאָליאַקען זענען מיט איהם מסכים, און צוויי דער־צעהלען אַזאַ מין מעשה:

— געווען איינער אַ יודישער פּאָליאַק, וואָס איז געזעסען מיט אונז אין קלוב און געשפּיעלט אין קאָרטען, האָבען מיר גראָד געדאַרפט וויסען, ווען עס געפאַלט דאָס יאָהר סוכות ביי יודען, פרעגען מיר איהם. זאָלט איהר געווען זעהען, ווי דער איז געוואָרען אַ פערביטענער, אַ קוראַט ווי מיר האָבען איהם באמת אָנגעריהרט זיין האָנאָר, און ווי ער האָט אונז געענטפערט מיט אַ מין גאוה און אַ אומצופריעדענקייט: פרעגט אייך, פּאַנאָוויע, אַנ'אַנדערען, איך ווייס ניט פון קיין יודישע ימים־טובים, — אויף עהרען־וואָרט, פּאַנאָוויע, דאָס איז אַ פאַקט. נו, היינט ווי קען מען איהם שעצען, אַז ביי איהם אַליין איז ניטאָ קיין כבוד צו זיינע היילינקייטען, צו זיינע ימים־טובים, צו זיין אייגענער פערזאָן?

אַזוי ריידען צווישען זיך די פּאָליאַקען, ווער סע לויבט, ווער סע זידעלט די יודען, ביז זיי ווערען ביסלעכווייז אַנטשלאָפען. איך גיב זיי אָפּט אָב דעם גערעכט, און איך שעם זיך פאַר זיך אַליין, און דאָס האַרץ טוט מיר וועה. אַ גאַנצע נאַכט בין איך אַזוי געזעסען אין יסורים, גע־זיפצט, געזאָרגט זיך, ניט געשלאָפען און ניט געוואַכט. אין קאָפּ האָבען זיך מיר געדרעהט אַלערליי בילדער. ווי אַזוי סע לעבען אונזערע יודעלעך, ווי אַזוי זיי פיהרען זיך, ווי אַזוי זיי שטעהען און געהען, וועמען זיי האָבען ליעב, וועמען זיי האָבען פיינט, וועמען זיי יאָגען און וועמען זיי געבען אָב כבוד, אַלע משונה ווילדע מעשים זייערע בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה. איין בילד שלעפּט נאָך אין קאָפּ דאָס צווייטע, איין געדאַנק דערוועקט אַנדערע גע־

דאַנקען. סע מאַלט זיך מיר אַזוינס, וואָס ס'איז געווען פריהער מיט הונדערטער יאָהרען, וואָס ס'איז געשעהן אין עק וועלט. איך דערמאָן זיך, אַגב, איין מעשה, וואָס איך האָב געהערט נאָך קינדוויז פון איינעם אַ שרייבער, אַ געלעהרענטען נאַטור-פאָרשער. ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס הומבאָלד האָט געזעהען בּיי אַ טייך ערגעץ אין די וייטע מדינות.

דער טייך האָט אַ טבע, אַז פון צייט צו צייט געהט ער אַרויס פון די ברעגען און פערפליייצט דאָס לאַנד אַרום זיך. ווען ס'הויבּט זיך אָן אַ געוויסער, פאַלט אַ גרויסע אימה אויף אַ"ע חיות און אַלע בּהמות אַרום און אַרום, אַ מהומה, אַ געלאַף! דעמאָלט פערגעסט מען די שנאה, דעם האַס, מע בּייסט זיך ניט, מע רייסט זיך ניט, מע טראַכט נאָר וועגען שלים און פריינדשאַפט. איין חיה העלפט דער אַנדערער, דער שטאַרקער האַלט אונטער דעם שוואַכען: אַ וואָלף ראַטעוועט אַ שאָף, אַ בּער ציהט אַרויס פונ'ם וואַסער אַ ציקעלע. סע געהען אינאיינעם גרויסע חיות און קליינע, ווילדע און היימישע, פריעדליכע און בּייזע; מע געהט, מע לויפט, מע קומט צו אַ הויכען בּאַרג און מע בּלייבּט דאָרט די גאַנצע צייט, בּיז די צרה וועט אַריבּער. — אַז סע פאַלט אָבּער אָב דאָס וואַסער, סע ווערט אַבּיסעל גראַמער, אַהאַ! איז שוין ווידער אויס בּרודערשאַפט, אויס ליעבּשאַפט! דער לייבּ קריצט מיט די צייהן, דער לעמפּערט רעוועט, בּרומט, דער טיגער שטרעקט אויס זיינע נעגעל, ווער סע קען נאָר, בּעפאַלט דעם שוואַכערען און פערצוקט, די שעפּעלעך, די ציגעגן לאָזען זיך לויפען. ס'איז אויף זיי אַ פּחד, אַ צרה, אַנ'אומגליק. ראַטעווען קען זיך נאָר דער, וואָס איז גרינג אויף די פיס. מע צעלויפט זיך אין אַלע זייטען...

נאָט, האָב רחמנות אויף דיין פאָלק ישראל! — — —

נאַנץ פריה האָט דער צוג זיך אָבּגעשטעלט נעבּען אַ גרויסען וואָקזאַל, פון וואַנען סע שיידען זיך די וועגען: איינער נעהמט זיך קיין ג ל ו פ ס ק, דער אַנדערער קיין בּ ו י בּ ע ר י ק. דורכ'ן פענסטער פונ'ם וואַגאָן האָב איך געקוקט אויף די גרויסע מחנות דורכפאָהרער, וואָס דרעהען זיך דאָרט אַרום איבּער דער פּלאַטפאָרמע, צווישען זיי אַ היבּש בּיסעל יודען, גרויסע און קליינע, מאָגערע, דאַרע, קוואַרע, אַיינגעבּויגענע, אַיינגעהויקערטע, פינסטערע, חשבּ'דיגע, וויסטע — אַ געמיש פון כּל המינים. אַלע לויפען מיט גרויס אימפּעט, מע שלעפּט קלומקעס, בּעט-

געוואַנט, אַלערליי בּעבעכעס. מע רעדט מע שרייט, מע פילדערט, ס'איז אַ יריד, אַ טאַראַראַם, ממש טויבּ צו ווערען. צווישען אָט דעם גרויסען עולם דערזעה איך פלוצים — טרעפט וועמען? שמואל דעם קליינעם! ער האַלט זיין שותף יעקב פאַר דער פּאָלע, שפּרינגט איהם אין פּנים אַריין, רעדט עפּעס מיט גרויס היץ, גיסט אויף איהם אויס זיין בּייז מזל. איך גיב אַ געשריי: שמואל! — איינמאָל, דאָס אַנדערע מאָל, ער הערט ניט. איך שריי דאָס דריטע מאָל — ער דרעהט זיך אויס און דערקענט מיך.

— יעקב, יעקב! — שרייט ער, און שלעפּט דעם שותף פאַר דער פּאָלע, — זעה נאָר, זעה, אָט איז דאָך רב מענדעלע אין וואַגאָן, רב מענדעלע, יענער פונ'ם בּוידעם, רב מענדעלע, וואָס איז געזעסען מיט אונז דאָרט אין עק בּוידעם!.. שלום עליכם, רב מענדעלע! — שרייט ער און לויפט צו מיין פענסטער.

— שלום עליכם, רבּי שמואל! רבּי יעקב! — ענטפער איך זיי פון דער ווייטען. נאָר איידער זיי לויפען צו, טוט מען אַ קלונג, אַ פייף, און דער צוג ריהרט זיך פונ'ם אָרט.

— וואָס מאַכט איהר, בּרידער?.. וואָס הערט זיך עפּעס?... וואוהין פאָהרט איהר?.. שריי איך צו זיי מיט'ן גאַנצען כּח און שטרעק צו זיי די הענד.

און יענע לויפען, אײלען, שרייען עפּעס, נאָר איך פערשטעה שוין ניט, וואָס... איך הער נאָר געשרייען הינטער זיך, ניט קיין קלאָרע ווערטער, און דער סוף לאָזט זיך — אין פּויבּעררעס!...

(ענדע).

א סגולה צו די יודישע צרות.

הקדמה.

די גרויסע צרות און וועהטיגען, וואָס אונז שלימזלדיגע יו האָט אין דער לעצטער צייט געטראָפען, זענען אַזוי שרעקליך פיל און אַזוי נאָך פריש, אַז מיר קענען נישט און מען פאַרשפאַרט עס אויך מאַקי זיי אַרויסצוזאָגען. נישט אין דעם לאַנגען צעטעל פון די אַלע רדיפות, מכות און פורעניות, מיט וועלכע מיר זענען אין די לעצטע צײַטליכע יאָהר געשטראָפט געוואָרען, נישט אין דעם געניטיגען מיר זיך איצינד, בשעת מיר פיהלען נאָך די גרויסע שמאַרצען, אָנקוקענדיג די וואונדען אַליין מיט אונזערע אויגען, בשעת זיי טהוען נאָך שטאַרק וועה און צופען ביים האַרצען. א דאָקטאָר בעדאַרפען מיר האָבען, א מומחה, וואָס זאָל אונז געבען עפּיס אַ סגולה צו אונזערע וועהטיגען. נאָר וואו האָט איהר געזעהן אַ יודען בשעת ער פאַלט, לא עליכם, אויף די קריזשעס, אָדער עס חאַפּט איהם, נעבעך, אָן ציינוועהטיג, וואָס ער זאָל אויף זיך נישט האָבען גוזמות יודען בעלי־רחמים׳ס, איטליכער בעזונדער מיט זיינע באַבסקע מיטעל? נישקשה, כ׳לעבען, מיט צרות, מיט בעלי־רחמים׳ס, בעלי־טובות און עצות־געבער האָבען מיר יודען, ברוך־השם, נישט צוזאָרגען. אַ סך אַזעלכע האָבען אין דער לעצטער צייט זיך אָנגעוואָרפען צוזיין אונזערע רופאים און אָנגערולט אַ קאָפּ מיט זייערע בויך־סברות. דאַרונטער זענען געווען שפּרעכערס, וואָס ריידען בויבעריק, טאָטעריש, און געוואָלט היילען דורך דער סיטראָ אחראָ. ווידער אַנדערע זענען פאַרקראָכען דוקאָ נאָר ווייט אין דער קדושה און געזוכט די רפואָה נאָר אין אַ היילינען יהי רצון, אין אשר יצר זאָגען הונדערט מאָל אין טאָג, שונאים אויף צוזעטצעניש. ווייטער נאָך אַזעלכע, וואָס האָבען אָנגעשריבען אַלערליי קמיעות, אַזוינע מיני סטאַטייקעס, און וועלכע ס׳איז אויסגע־

מישט בוידעם=פאלעצע, סיור=בור ומפליא לעשות, וואס אוממעגליך צופארשטעהן דארט א ווארט. אויך אזעלכע, וואס האבען געהייסען אויף גאטס בעראטה געהן מיט פארמאכטע אויגען, מיט א ניכטערען מאגען און לעדיגע קעשענעס מעסטען פעלד דארט אויף דער מערת=המכפלה. די אלע דאזיגע לייט האבען זיך בעטיהט, עס פארשטעהט זיך, אומזיסט, ווי די אלע אנדערע בעלי=טובות, וואס מיינען, חלילה, נישט קיין גראשען, נאר גלאט לשם מצוה, פאר גרויס ליבשאפט צו אונז. און זייער ליבשאפט האט דערווייל געקאסט טהייער, יודען אנגעמאכט שאדען אפשר גאר אזוי פיל ווי פון יענע די גרויסע שנאה. בעהיט זאל מען ווערען, רבונו של עולם, פאר א שרפה, אבער נאך מעהר פון נארישע מבולבלע גוטע פריינד, וואס חאפען זיך ראטעווען, גלאט חאפ=לאפ, און טהוען דערביי גרויסען שאדען אן. שוין דרינגען אליין בעשטעהט דער גרויסער שאדען פון יענע לייט, וואס מיט זייערע און געפילדער האבען זיי פארטויבט די אויערען, נישט צוהארכען רעכט די מיטעל, וועלכע קלינגערע, געניטערע פון זיי האבען געגעבען, האלטענדיג דאס קראנקע יודישע פ::לק ביים דפק און אויסהערענדיג איהם גוט דאס הארץ. ערשט אצינד, אז די בייזע מהומה האט אביסיל זיך איבערגענומען און די סגולות פון יענע מיני פארשווינען האבען זיך דערוויזען פאר נאריש, אהן א שום האפט, האט מען אנגעהויבען זיך רעכט ארומצוקוקען, צו בעטראכטען מיט ישוב=הדעת די יודישע שלעכטע לאגע און צוצוהערען זיך מיט קאפ, וואס מבינים, פארשטענדיגע מענשען זאגען.

זעהר פיל ספרים און ארטיקלען זענען אצינד ביי אינז דא פון געלעהרענטע מענשען איבער דער איצטיגער יודישער לאגע. צווישען זיי געפינט זיך איין ספר, אויף וועלכען ס'איז נישטא דער נאמען פונ'ם מחבר, געשריבען אין דער דייטשער שפראכע — אין דעם לשון פון יענעם פאלק, וואס ווי גרויס ס'איז די חכמה, די מענשליכקייט פון זיינע בעריהמטע געלעהרענטע, אזוי גרויס איז אויך די נארישקייט און די רשעות פון זיינע ווילדע טיפשים. דארט אין דעם לאנד האט, מיט עטליכע יאהר צוריק, זיך צום ערשטען געוויזען די מיאוסע קרעטץ אינטער דעם ניי=מארנעם נאמען „אנטיסעמיטיזם“. דאס הייסט אויף אונזער לשון: די שנאה צו יודען, וואס שטאמען פון דער גזע שם. גלייך ווי היינט וואלט זיך בעשיינפערליך דערוויזען, אז שם האט אין דער תבה געהאלטען א שיינקיל און געגעבען יפת'ן מיט זיינע בהמות דארט געלט

אויף פראצענט. — פון דארט האט דער עיפוש זיך פארטראגען אין אנדערע מדינות און דאס מיאוסע קרעטציל האט זיך געזועטצט ביי מענשען מיט שלאפע קעפלעך, נישט=דא גערעכט, וואס מחמת דעם האט זיי, נעבעך, זיך איבערגעקעהרט דער מוח, זיי האבען גערעדט פאר פייער און פאר וואסער, געארבייט מעשים און אנגעטאן גרויסע צרות, אליין נישט צו וויסען אויף וואס פאר א וועלט זיי זענען.

אט דעם דאזיגען ספר, וואס איז געשריבען אין דער דייטשער שפראכע וועגען דעם כלל יודען אויף דער גאנצער וועלט און וואס איז אפגעדרוקט געווארען אין יאהר 1882 אין בערלין, אין דעם רעכטען ארט, וואו דער גאנצער צארען פונ'ם „אנטיסעמיטיזם“ איז אויף יודען אזוי גרויס, גיבען מיר היינט ארויס אויף אונזער יודישען לשון מיט דעם נאמען „א סגולה צו די יודישע צרות“. דאס ספריל איז, ווי איהר זעהט, רבותי, נישט גרויס, נאר אין איהם זענען נכלל כמעט אלע געדאנקען און די הויפטזאכען, וואס אין די אלע איבעריגע ספרים פון דעם מין. דאס איז דער ברונען, פון וועלכען די אנדערע געלעהרענטע מחברים האבען דערנאך געשעפט געדאנקען, צוגעבענדיג צו זיי נאר נאך אביסיל געווירץ און זיי אויסגעלעגט אויף אנדערע טעלערלעך. דעריבער, אז מען לייענט דעם דאזיגען ספריל, קען מען שוין מיט איהם יוצא זיין פונ'ם לייענען נאך תרי"ג אנדערע זיין גלייכען. און דאס אייגענטליך איז אונזער גאנצער כיוון, בעקאנט צומאכען דעם עולם מיט דעם גאנצען היינטיגען שמיעס איבער יודען און צוגלייך טאקי איהם פארשפארען די מיה, אנצולייענען זיך ווי א פויק מיט א סך ספרים, וואס אין תוך ארייין זענען זיי אלע גלייך, ווי איין מאמע האט זיי געהאט.

א גרויסע מעלה האט דער דאזיגער ספר, וואס דער מחבר זיינער רעדט בנימוסדיג. ער ריהרט נישט אן, חלילה, מיט א גראב ווארט קיינעם, אפילו די שונאי ישראל. אדרבה ער איז אויף זיי נאך מלמד זכות דערמיט, וואס דער גאנצער האס זייערער איז, כפי ער דערוויזט, שוין אזוי אין דעם מענשענס טבע, און אינגאנצען שולדיג איז נאר דאס יודישע פינסטערע מזל. אין דעם מוסר זיינעם צו די יודישע קינדער זעהט מען ארויס, ווי שטארק ליב ער האט זיי. זיינע רייד גיסען זיך ווי א שטראם טיף פונ'ם הארצען. דאס זענען הייסע פלאם=פייערדיגע נעפיהלען, וואס צונויפשטיקענדיג זיך אינאיינעם רייסען זיי זיך מיט אימפעט ארויס פון דער ברוסט און שיטען זיך איהם ווי פערעל אויף

דעם מויל. זיין וואָרט איז פייער און ברענט ווי אַ האַמער אַ האַרץ אפילו ווי אַ שטיין. שילדערט ער די יודישע לאַגע, הערט מען עפּיס אַ ביטערען קרעכצען, אַ זיפצען, וואָס חאַפּט אָן ביי דער נשמה, און גיט ער זיך אַ מאָל אַ בייזער, פיהלט מען, ווי עס טריפט איהם דערביי דאָס בלוט. אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען דער פּסוק: „נאמנים פּצעי אוהב ונעתּרות נשיקות שונא“, וואָס איז גלייך מיט דעם עולם'ס אַ ווערטיל: „בעסער פון אַ גראַטש אַ פּאַטש, איידער פון אַ נאַר אַ קיש“.

אַצינד, תּי, זייט מיר געזונט און לייענט, זייט מוחל, דעם פּאַר אַליין!

אַ סגולה צו די יודישע צרות.

פון אייבּיגע יאָהרען ביז אויף היינטיגען טאָג דולט זיך אַ גאַנצע וועלט מענשען דעם קאָפּ מיט אַ שטאַרק אַלטע רעטהעניש, אַלץ מכּח יודען. און הגם דאָס איז פאַר זייערע ציין שווער איינצוביסען ווי תּרגום, דאָך ווערד מען עד היום נישט מיד צוברעכען זיך דאַרויף דעם מוח. די מעשה דערפון איז, ווייל דאָס איז נישט ווי אין לערנען עפּיס אַ האַרבּ שטיקעל, וואָס איז גלאַט אַזוי זיך, נאָר אויף אַ בעלנות, כּדאַי צוטרעפען דערפון דעם פּשט, אלא וואָס דען, דאָס קומט טאָג-טעגליך פיר פּשוט טאַקי אין דעם לעבען, עס זעטצט אין קאָפּ און שרייעט: געוואַלד אַ ענטפער, אַ עק, אַ סוף לאָז עס האָבען!

נאָך אונזער חות-דעת ליגט דאָס גאַנצע פינטעלע פון דער שווערער הלכה אָט דרינען: די יודישע קינדער זענען צווישען די אַלע אומות העולם עפּיס אַזאַ מין ווילד פרעמדער טייל, וואָס קיינער פון זיי קען איהם נישט פאַרדייען, ווערען מיט איהם איין לייב און לעבען און דאַריבער טאַקי קען איהם אויך קיינער נישט ליידען.

די גאַנצע הסבּרא שטעקט דרינען טאַקי, ווי געפינט מען עפּיס אַ מיטעל דעם דאָזיגען פרעמדען טייל אַריינצודרעהען אין דעם קניפּעל פון די אַלע אַנדערע פעלקער אַזוי, אַז יענע אַלע שאלות-תּשובות מכּח יודען זאָלען אויף אייבּיג שוין אויפהערען.

דערמיט אָבער זענען מיר נישט אויסען אַזוי ווייט, אַז עס זאָל אַ סבּרא זיין צומאַכען גאָר אַ גאַנץ גוט לעבען, טאַקי וואָס גוט הייסט, ניין. אַזעלכס איז צווישען די אַלע אומות-העולם אַליין נאָך קיינמאָל נישט געווען. דאָס קען ערשט זיין אפשר אַ מאָל העט העט, אַז משיח וועט,

אם ירצה השם, קומען, און לעת=עתה מוזען די פעלקער פון דער וועלט זיך בעגניגען מיט דעם מדובר צווישען זיך, חאטש ווי=ס'איז איינס מיט דעם אנדערען צוהויזען. דאס מחותנשאפט ווערד ביי זיי געשלאסען מיט געשריבענע תנאים דורך די גלייכע פראוועס, וואס איטליכער צד גיט אין נדן אריין, דורך א געוויסע גלייכקייט אין דעם גראד זייערען, דורך דעם רעכט האבען פון איינעם, צופאדערען פאר זיך עפיס אזוי=גוט ווי יענער, דורכדעם, וואס קיינער פון זיי לאזט זיך נישט שפייען אין דער קאשע און מוזען איינער פאר דעם אנדערען דרך=ארץ האבען. זאגט זשע אדרבה, רבותי, וואס פאר א נאהענטע שייכות קען זיין צווישען די אומות העולם און יודישע קינדער, אז פון אזא גלייכקייט אין דער לאגע זייערער איז נישטא, משטיינס=געזאגט, אפילו קיין זכר. דא פעהלט דאך דער גאנצער חיזוק פונ'ם דרך=ארץ האבען איינער פאר דעם אנדערען, וואס ווערד ביי צוויי גלייכע צדדים אבגעהיט דורך זייערע גלייכע פראוועס און צווישען זיך אבגעמאכטע תנאים. ערשט דענסטמאל, ווען יודישע קינדער וועלען ווערען לייט גלייך אלע אנדערע פעלקער און סם וועט שוין זיין אויף וואס דער דרך=ארץ פאר זיי זאל זיך האלטען, דענסטמאל, זעהט איהר, וועט מען קענען זאגען: גע'פטר'ט, ברוך=השם, די אלע שאלות=תשובות איבער יודען.

נאר אויף אזא גוטען שטאנד, אין וועלכען יודען זענען פארצייטענס געשטאנען, איז בעונותינו=הרבים נאך אזוי לאנג צו ווארטען, אז אצינד ביי היינטיגע שלעכטע אומשטענדען און ביטערע צרות קען, דאכט זיך, נאר נישט געמאהלט זיין אין דער וועלט, יודישע קינדער אריינצושטעלען ווי א פאלק אין איין צעטעל מיט די אלע אנדערע פעלקער. יודען פעהלט דערצו דער רעכטער עיקר פון יענע נייטיגע זאכען, וואס נאר דורך זיי ווייסט מען, אז מען איז א פאלק אויף דער וועלט. יודען האבען נישט אליין פאר זיך זייער אייגען לעבען, וואס קען אנדערש נאר נישט געמאהלט זיין סיידען דורך איין לשון, דורך איין שטיינער פיהרונג און דורך איין מקום מנוחה. דאס אלסדינג וואס יודען געהט אפ. זיי זענען צוזייעט, צושפרייט, געפינען זיך אומעטום אין דער וועלט און זענען ערגיץ נישט אין דער היים. די אומות העולם האבען קיינמאל קיין עסקים נישט מיט א יודיש פאלק, נאר גלאט עפיס מיט יודען. אין איטליכער אומה ליגט אויסגעדרוקט עפיס א מין אייגענער כאראקטער, וואס נעהמט זיך פונ'ם זיטצען ווי ברידער אינאיינעם אויף איין לאנד. אזוינס איז ביי יודען נישטא און גאר אוממעגליך טאקי, אז אין גלות

זאל אזוינס קענען אנהויבען ביי זיי צוזיין. מיט זייער טבע בכלל זיך צושטרעקען נאך די עקען און נאכטאן אנדערע, איז זיי גאך מעהר גרינגער געווען אנצונעהמען ווילד=פרעמדע מאנירען פון יענע אומות, צווישען וועלכע זיי איז אויסגעקומען פארוואָרפען צו ווערען. און זעהר אפט האבען זיי אפילו זיך אויסגעטאן פונ'ם יודישקייט נאר יענע צוליב. האבען זיך איינגערעדט עפיס זאבענישען, אז נאציעם איז לאו דווקא, מען בעדארף געהערען דער גאנצער וועלט, עפיס אזוינס, וואס איז נישט ניחא געווען אנדערע, און זיך אליין איז אויך גארנישט דערפון ארויסגעקומען. זיי האבען מוחל געווען דעם כבוד פון א אייגענער יודישער נאציע אין דער האפנונג צו ווערען דורכדעם נפש אחת מיט די אנדערע אומות העולם. אבער דברים בטלים, ערגיץ נאך איז זיי נישט געראטען, גערעכענט צווין ביי יענע פון די אומות, מיט וועלכע זיי וואוינען, פאר אמת'ע אייגענע גלייך מיט זיך.

נאר מעהר פון אלע זאכען, וואס האלט די יודען אפ זיך אנטאן א כח צו ווערען אליין פאר זיך א אומה, איז דאס צו אלע צרות, וואס זיי הייבט זיך גאר נישט אן אזעלכס צוגלוסטען. ניין, נאך ערגער, לא. די וואס אזעלכס הייבט זיך זיי נישט אן צוגלוסטען, לייגענען זיי נאך אפ אפילו דאס רעכט, אז אזעלכס זאל זיך גאר מעגען גלוסטען. ביי'ם קראנקען מענשען איז דאס נישט וועלען איהם זיך עסען און טרינקען זעהר נישט קיין גוטער סימן. נישט תמיד געראט עס פון אזא שלאפ[illegible] דעם חולה אויסצוהיילען און מאכען איהם א אפעטיט. און ווען אפ[illegible] עס געראט יא, איז דאך די שאלה, אויב דער קראנקער וועט זיין ביכולת צופארנעהמען די שפייז, צו וועלכע ער האט חשק. אט אין דער דאזיגער מיאוסער לאגע פון אזא קראנקען געפינען זיך די יודען.

הכלל דערפון איז, אז אין דעם, וואס די יודען זענען ביי די פעלקער נישט פאררעכענט פאר א אומה, ליגט צום גרעסטען טייל דער סוד פון זייערע ביטערע צרות, וואס אהן א ברעג. דאס אנגעהערען זיך נאר אליין מיט דעם דאזיגען אונגליקליכען פאלק איז שוין א גענוגער פלעק, מיאוס ביי פרעמדע און א וועהטא'ג פאר זיך אליין, און דאס איז טאקי גאנץ על פי דרך הטבע, אזוי איז דעם מענשענס נאטור.

צווישען די אלע אומות=העולם, וואס ל ע ב ע ן אויף דער וועלט, שטעהען די יודען ווי א טויטע אומה, וואס איז שוין גאנץ לאנג אפגעשטארבען. ווי באלד זיי האבען פארלוירען זייער פאטערלאנד, האבען

זיי אויפגעהערט פאר זיך אליין א קיום צוהאבען און אויף זיי איז געקומען א אויסקריכעניש, אויספאלעניש, וואס אזוינס קען ביי א לעבעדיגען נפש, געזונט אויף אלע אברים, גאר נישט געמאהלט זיין. טיטוס הרשע איז געוועזן זייער מלאך-המות, וואס האט דעם טויט געמאכט זייער לאנד. נאר אבער נאכ'ן צונעהמען ביי דעם יודישען פאלק דאס לאנד — זיין לייב און לעבען — איז פון איהם דאך נישט געווארען א סך-הכל, אינגאנצען תל און עס הערט נישט אויף אין א גייסטיגער געשטאלט צוזיין א אומה אויף דער וועלט. יודען זענען טאקי נישט איין גוף, אבער דאך איין נשמה. די וועלט זעהט אין דעם דאזיגען פאלק דאס מורא-נפשדיגע געשטאלט פון א מת, וואס געהט צווישען לעבעדיגע מענשען ארום אויפ'ן עולם-התועה. אזא מין נפש, א מת פון יענער וועלט, וואס געהט ארום צו חלום א טויט פאלק אהן א לאנד, אהן לייב און לעבען, אהן האק און פאק, וואס איז מעהר נישט פון דעם עולם און בלאנקעט זיך דאך צווישען לעבעדיגע מענשען ארום; אזא מין ווילד פארזעהעניש, וואס זיין גלייבען איז נאך אין די קראניקעס נישט געוועזן און וועט נישט זיין, מוז טאקי מאכען אויך א משונה ווילדען רושם אין דעם כח המדמה פון די אומות, וואס קוקען עס אן. און ווען די מורא פאר רוחות איז דעם מענשען איינגעווארצעלט פון געבוירען אן, היינט וואס איז פאר חידושים, אויב עס געהט אויך איבער אזא גרויל אנקוקענדיג דאס דאזיגע פאלק, וואס נישט טויט נישט לעבעדיג און זעהט אויס ווי א רוח? נאך העט העט פון הונדערטער יאהרען אן איז אין דור דורות בירושה איבערגעגאנגען א שרעקליך חלשות'דיג-מיאוס געפיהל פאר דעם דאזיגען רוח אין דעם געשטאלט פון א יודען. דורכדעם איז ער פון דער לכתחילה אן געווארען אפגעפסלט און דערפון ווידער מיט נאך אנדערע צוגעלעגטע קנייטלעך, פון וועלכע מיר וועלען דא ווייטער אביסעל שמועסען, האט זיך גענומען די ווילדע שנאה צו יודען.

די שנאה צו יודען האט זיך איינגעווארצעלט ביי די אומות העולם גלייך מיט אלע אנדערע מאנקאליעס, שגעונין, שטות'עריען און נארישע איינגערעדטע זאכען. זי איז א מין מאנקאליע, ווי דאס שרעקען-זיך פאר רוחות, נישט דא-געדאכט, און איז איינגענעסען טיף אין דער נשמה. ווי באלד זי איז איינגענעסען אין דער זייל, געהט זי איבער בירושה, און ווי באלד זי איז נאך דערצו אויך א אלטע פארשלעפטע קרייגק זינט א פאר טויזענט יאהר, איז שוין צו איהר נישטא קיין שום רפואה. קורץ גערעדט, דער יוד האט א פנים ווי א רוח, א שווארץ

יאהר, און פאר א רוח גרוילט דאס לייב, מען שפייעט זיבען מאל אויס דערמאהנענדיג זיך גאר אין איהם. דאריבער איז אזוי דער גרויסער האס אקעגען דעם יודישען פאלק, אויף וועלכען מען שפייעט קלעק נאך איידער מען קען איהם רעכט, און מחמת דעם מאכט מען דעם גאנצען כלל יודען חייב פאר אמת'ע אדער פאלשע חטאים פון עטליכע יחידים, מחמת דעם גלויבט מען אויף איהם אלסדינג, וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און מען שטעלט איהם ארויס א פייג גלייך אין פנים אריין.

נאך פון גאנץ לאנג האבען מענשען, אי קלאמפערשט גוטע פריינד אי שונאים, זיך געפרווט צודערקלעהרען אדער גערעכט צוגעבען דעם האס אקעגען יודען דורך אלערליי מיני חטאים, מיט וועלכע זיי האבען די יודישע קינדער בעשולדיגט. יודען זענען שולדיג אין עלילה-דם, האבען סם געווארפען אין די ברונענס, נעהמען גרויס פראצענט אהן א שיעור און נאגען ביי פויערען אויס דעם מארך פון די ביינער. אבער אזעלכע פארברעכען און נאך טויזענטער אנדערע אויף א גאנץ פאלק האבען זיך דערוויזען פאר לויטער פאלשע בלבולים, און דאס אליין טאקי איז שוין דער בעסטער סימן, אז נישטא אין זיי קיין האפס, שטעהען אויף היהנערשע פיסלעך, וואס מען האט געמוזט זיי אנבריינגען גוזמות'וויז, בכדי גרינג צומאכען דאס הארץ פון די שונאי-ישראל, וואס מהוען זיי גרויסע צרות אן, בכדי גערעכט צומאכען די אלע שלעכטע גזרות אויף א גאנצער אומה, בכדי צודערוויזען, ווי שטארק נייטיג ס'איז, אז דער יוד זאל מיט דעם רויך אוועקגעהן צו אלדע שווארץ-יאהר. בריה'ט זיך עמיצער צופיל עפעס צודערווייזען, קוסט אויס צום שפיטץ, אז ער דערוויזט גארנישט. און ווען אפילו אין א טייל זאכען זאל מען אפשר רעכט האבען אקעגען יודען, אבער אלץ זענען דאך די חטאים אויף קיין פאל נישט אזעלכע גרויסע, חלילה, אז צוליב זיי זאל קומען א וויסטער פינסטערער פסק א גאנצער אומה. יא, דאס אלסדינג איז אבער נאר געזאגטע זאכען, אין אמת'ן אריין אבער זעהען מיר פונקט דעם הפך, אז יודישע קינדער, וואס האבען געשעפטען מיט גוים, פארהאלטען זיך מיט זיי גוט, גאר נישקשה'דיג, און זעהר אפט ווערען זיי צווישען זיך חבר, גאנץ גוטע פריינד, זיטצענדיג אינאיינעם אין שכנות. גאנץ קלאהר טאקי, אז די אלע אנגעזאגטע מסירות זענען גלאט אזוי זיך א ממרא, עפיס א אלטע סליחה, א פזמון, גערעדט גלאט אין דער וועלט אריין, אבי געבעבעט. די מסירות ליגען שוין פארטיג אנגעגרייט נאך איידער

די חטאים זענען דאָ, און מאַכט זיך אַמאָל עפּיס חטאים, פאַרזינדיגען זיך דאָך נאָר איינציגע מענשען, אבער נישט דאס גאַנצע יודישע פאָלק, חלילה.

אָט אַזוי געהט עס מיט די יודען שוין פון אייביגע יאָהרען, וואָהין זיי שטעלען אַפּיס לויפט זיי די שנאה נאָך, און געהען תמיד ביידע אינאיינעם ווי מטות-ומסעי. די אומות העולם מעגען זיך מחולק זיין אין פיל אַנדערע זאַכען, אָבער וואָס איז נוגע צו זייער האַס אַקעגען יודישע קינדער זענען זיי יד אחת און האָבען ווענען דעם אַלע איין דעה. אמת טאַקי, דער דאָזיגער האַס דרוקט זיך בײַ איטליכער פון זיי אויס אויף אַ אַנדער מאַניער, אין אַ אַנדער גראַד און געשטאַלט לויט דער שטופּע בילדונג, אויף וועלכער איטליכע אומה שטעהט, אין תוך אַריין אָבער איז ער דאָ אומעטום און תמיד, גאַנץ גלייך, צי ער ווייזט זיך אַרויס גראָב אין רשעות אָדער ער געהט אונטער אַ דעקטיכעל פון רחמנות, ווי אַ שטייגער: טאַ, מען מוז די יודען ליידען, פאָרט אַ צער בעלי החיים. מורא צוהאָבען, יענער זאָל דיך נישט בעגזלענען, אָדער בעדאַרפען אָנצוקומען צו יענעמס הילף דיך אָבצוהיטען נאָר ווייל דו הייסט יוד, איז אַלץ איין גלייכע חרפה, איין גלייכער ווערטיג פאַר די מענשליכע געפיהלען פון די יודישע קינדער.

מילא האָבען מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס, וואָס דאָס יודישע פאָלק איז אָפּגעפּסקעט בײַ די אומות העולם, איז מחמת דעם, ווייל עס האָט אַ פּנים ווי אַ רוח, און דאָס נישט קענען איהם ליידען איז בײַ זיי דעריבער איינגעוואָרצעלט טיף אין דער זייל, ווי אַ גאַנץ אַלטע מאַנקאָליע, וואָס איז לחלוטין אוממעגליך זי פּטור צו ווערען. נאָר אַ חוץ דעם אָבער זענען אייך דאָ נאָך אַנדערע טעמים, פאַר וואָס קען דאָס יודישע פאָלק בשום אופן די זכיה נישט האָבען צו שטעהן גלייך אויף איין מדרגה מיט די אומות העולם. און די דאָזיגע טעמים ווילען מיר באַלד טאַקי מפורש זיין.

בכלל האָט קיין פאָלק אין האַרצען נישט ליב אַ אויסלענדער. דאָס איז שוין אַזוי געשטעלט בײַ די פעלקער אין דער נאַטור און מען קען עס קיינעם נישט פון זיי פאַר אומגוט נעהמען. אַצינד איז די שאלה: איז דאָס דאָזיגע געזעטץ אויף יודען געזאָגט געוואָרען, גלייך ווי אויף אַלע מענשען פון אַנדערע אומות? — אָ, ניין! ס'איז נאָך אַ ווייטער חילוק. דער קאַלטער ברוך-הבא, מיט וועלכען מען נעהמט ערגיץ אַ

אויסלענדער אויף, קען צוריק דאָרט בײַ איהם אין לאַנד זיין אָפּגעגעבען ברויט.

גאַנץ אָפען פראַנק און פריי גיט זיך אָפּ אין דעם אויסלאַנד דער וואָס נישט קיין יודיש קינד מיט זיינע אינטערעסען. קיינעם איז גאָר ערגיץ נישט קשה צוקוקענדיג, ווי ער אַליין אָדער בשותּפות מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע שטעהט שטאָל און אייזען פאַר זיינע אינטערעסען און אַרבייט אָפּ פאַר זיי מעשים. דער אויסלענדער בעדאַרף אין דעם פרעמדען לאַנד נישט זיין קיין דאָרטיגער פּאַטריאָט, אָדער לפנים נאָר פאַר אַזעלכען זיך אויסגעבען. אַקעגען-זשע דער יוד אָבער איז בײַ זיך גופא אין דער היים לא-די וואָס נישט קיין היימישער, ניין, ער איז דאָ, משטיינס-געזאָגט, אויך נישט אפילו קיין אויסלענדער, ער איז פּשוט אַ פרעמדער, טאַקי וואָס פרעמד הייסט, מיט אַלע פּירושים. מען מאַכט זיך אויס איהם נאַרעניש. מען זעהט אין איהם נישט אָן נישט קיין גוטען פריינד, נישט קיין שונא, נאָר גלאַט עפּיס אַ אומבעקאַנטען, פון וועלכען ס'איז בעקאַנט נאָר דאָס אַליין, אַז ער איז אַ גר אָהן אַ היים. אַקעגען דעם אויסלענדער מוז מען יוצא זיין אויפצונעהמען איהם פאַר אַ גאַסט מיט כבוד, וועלכען ער קען צוריק אָפּגעבען. דער יוד אָבער קען אויף אַזאַ שטייגער צוריק נישט מכבד זיין, דעריבער האָט ער קיין פּתחון-פה נישט אויף אַזאַ ברייטען שלום-עליכם. ער איז נישט אַזאַ גאַסט און אַ פּשיטא שוין קיין געבעטענער גאַסט. ניבער איז ער אַ מקבל, וואָס בעט אַ נדבה, און וועלכען מקבל איז מען גערען אָנצוקוקען? ניבער איז ער אַ נצרך אין עפּיס אַ הילף, און וואו איז דער נצרך, וועלכען מען זאָל נישט קענען אין דער הילף, וואָס ער בעט, אויך אָפּזאָגען? די יודען זענען עלענטע, וואָס קענען נישט האָבען זייערען אַ צד אין מיש, פון זיך מיט אַ כח-הרשאה, ווייל וואו האָבען זיי דען אַ אייגען פאָטערלאַנד? און ווייל זיי האָבען טאַקי אַזעלכעס נישט, ווייל די היים זייערע איז ווי דער גלות אָהן אַ גרעניץ, זיי זאָלען קענען דאָרט אויף יענער זייט האָבען פאַר זיך אַ מקום-מנוחה, דעריבער איז זייער ביטערע עלענט אויך אָהן אַ ברעג, אָהן אַ גרעניץ.

יאָ, אַזוי איז עס טאַקי: דער יוד איז ערגיץ נישט אין דער היים, ערגיץ נישט בעטראַכט מען איהם פאַר אַ היימישען, אייגענעם מענשען, און בלייבט אומעטום פרעמד, עלענט ווי אַ שטיין. דאָס וואָס ער אַליין און זיינע עלטערען זענען אין דעם לאַנד געבוירען העלפט איהם נישט דערצו אפילו אויף אַ האָר. על פי רוב בעהאַנדעלט מען איהם אין

דער וועלט ווי א שטיפקינד, עפּיס א אָנגעוואָרפענער, גאָר אין בעסטען אופן שוין איז ער ווי איינער, וואָס מען נעהמט איהם אָן פון מצוה וועגען פאַר א קינד און וועלכען מען קען תמיד הייסען מוחל זיין געהן ווייטער, קיינמאָל אָבער איז ער נישט פאַררעכענט פאַר א אמת־איינען קינד אין דעם לאַנד. דער דייטש, דער ווייגנער, דער וואָלעך וכדומה קען גאָר נישט צוגעבען, אז א יוד, פון ר׳ שם׳ס שענער משפּחה, א קאַטאָוועס, זאָל מיט איהם. סאַמע צימעס, פון יפת׳ס אייניקלעך, שטעהן גלייך גאָר פאַני־בראַטציע. און ווען אפילו דער דייטש וכדומה וועט ווי א געבילדעטער מענש מסכים זיין, אז ס׳איז א יושר דעם יודען געבען אלע פּראַוועס פון א בירגער, דאָך וועט ער בּיי זיך בשום־אופן קיינמאָל נישט פּועל׳ן צופאַרגעסען, אז אין דעם דאָזיגען בירגער ליגט א יוד. גלייכע זכיות מיט אַנדערע צובעקומען מהיכי־תיתא, דאָס איז שוין די העכסטע מדרגה, וואָס דער יוד קען פון דער היינטינער ליכטינער צייט דערוואַרטען, אָבער פון גלייכע זכיות ביז גוט־ברודערשאַפט איז נאָך זעהר וויט. די גלייכע זכיות פאַר יודען נעהמען זיך גאַנץ פּשוט דערפון, וואָס דער שכל, דער יושר און טאַקי די אייגענע אינטערעסען פונ׳ם לאַנד פאָדערען עס אזוי. קיינמאָל אָבער בעדאַרף מען זיי נישט רעכנען פאַר אַזעלכע, וואָס קומען פונ׳ם ריינעם האַרץ און דעם מענשענס שטאַרקע הייסע געפיהלען. און וויל די גלייכע זכיות איז נישט צוליב דעם האַרץ מיט זיינע געפיהלען, דאריבער זענען זיי נאָך ערגיץ נישט ווי עפּיס א גאַנץ זיכערע, קלאָהרע זאַך, וואָס פאַרשטעהט זיך ממילאָ פון זיך אַליין, און אויך ערגיץ נישט נאָך אַייזענפעסט אזוי, אז מען זאָל שוין גאָר פאַרשפּאָרען דערפון צורייידען. נאָר ווי די מעשה איז דאָרטען, אַזוי צי אַזוי, די גלייכע זכיות זענען תמיד נאָר א גרויסע נדבה, וואָס מען גיט אין־ברירה דעם יודישען פאָלק, דעם בעטלער, האָטש מען איז זיינער נישט גערן, וואָרום מען קען פאָרט אין האַרצען נישט ליב האָבען א בעטלער, וואָס האָט נישט קיין היים און שלעפּט זיך תמיד אַרום. דער יוד טהאָר נישט פאַרגעסען, אז די גלייכע זכיות פאַר איהם אין לאַנד איז נאָר טאַקי א געבעטעלט ברויט, וואָס מען מוז עס איהם שיינקען. דאָס שטעמפּעל פון חרפּה, וואָס אויף דעם יודישען פאָלק ליגט און וואָס צווינגט איהם צוהאַלטען זיך אָבגעזונדערט צווישען די אַלע אומות העולם, וועט דורך קיין שום געשיינקטע גלייכע פּראַוועס אין דער וועלט פון איהם נישט אראָבגעהן. כל־זמן עס וועט נישט אויפהערען אלץ ווייטער טאַקי פון זיך ארויס־

צונעבען שלעפּערס אין אַלע עקען וועלט; כל־זמן עס וועט נישט האָבען בּיי זיך א קלאָהרען חשבון: פון וואַנען קום איך און וואוהין געה איך; כל־זמן יודען אַליין וועלען אין אַ געזעלשאַפט מענשען פון אַנדערע אומות זיך שעהמען צוריידען איבער דער גזע, פון וועלכער זיי שטאַמען, און נישט גערען זיין, אז מען זאָל זיי דרינען גאָר דערמאָהנען; כל־זמן מען וועט זיי רודפ׳ן, אָדער קענען זיי ליידען און פון רחמנות וועגען נאָר זיי שיינקען גלייכע זכיות.

א חוץ דעם וואָס דער יוד איז דערנידעריגט בתכלית השפלות, מחמת ער איז אין לאַנד אַ ווילד פרעמדער, איז דאָ נאָך אַ וויכטיגער טעם אין דעם פּראַקטישען לעבען, וואָס דורך דיזם איז זעהר שווער, אז די איינוואוינער פונ׳ם לאַנד זאָלען חבר ווערען מיט יודישע קינדער.

אין דער גאַנצער וועלט איז אַ אייביג גרויס געשלעג פאַר דעם שטיקעל פּרנסה, וואָס איטליכם לעבּדיג נפש וויל מיט אַלע כחות דערהאַלטען זיין לעבען. בּיי די נעבּילדעטע פעלקער, וואָס זייער כבוד שטעהט ניט אָן צורייסען זיך וועגען דעם משונה ווילד, ווי די חיות רעות, איז בהסכם כלם אָבגעמאַכט, צוהאַלטען גערען געוויסע געזעצן, וואָס דורך זיי איז די מלחמה פאַר דער פּרנסה שוין נישט אַזוי מגושם גראָב און בעקומט אַ שעהנעם פּנים. עס הייסט, איינער פאַר׳ן אַנדערען פאַרהאַפּט דעם וועג צופאַרדינען גאָר אין גוטען מוטה. דרינען מאַכען די פעלקער געוועהנטליך אַ חילוק צווישען דעם היימישען און דעם אויסלענדער, האַלטענדיג אין דער סבראָ, אז דער ערשטער איז בּילכער. היינט מאַכט אייך, רבותי, אַ קל־וחומר אַזוי: מה־דאָך אַ אויסלענדער, אַ גלייכער מיוחס מיט אַנדערע, איז בּיי איהם מאַכט מען אַזאַ חילוק, אַ פּשיטאָ שוין אַ יוד, וואָס איז ווילד פרעמד, אַקעגען איהם מוז דאָך שוין דער חילוק זיין גרויס אין צעהן גאָרען! מיט וואָס פאַר אַ האַס מוז מען קוקען אויף דעם בּעטלער, וואָס וואַרפט אַיין אויג אויף יענעמס היים, וואו ער איז גאָר פרעמד, עס איז פון זיין זייט אַזאַ העזה, וואָס מען קען עס איהם נישט מוחל זיין. אַ פרעמדען, אַ בּעטלער, טאָר זיך גאָר אַזוינס נישט גלוסטען, און געראָטה איהם עפּיס אַ נעהם צוטאָן, אָפּצוליזקען אַ בּיינדעל, דענסטמאָל אז אַך־און־וועה איז צו איהם, מען בּרעכט איהם די בּיינער אויף וואָס די וועלט שטעהט. אין יענע ערטער, וואו יודען זענען אָנגעזעצט ווי באָב, מוז זיי גענוג די אויגען פונ׳ם קאָפּ אַרויסקריכען בּיז זיי דערטאַפּען עפּיס אַ פאַרדינסטיל און לעבען, נעבעך,

אין דחקות אָהן אַ שיעור, פונדעסטוועגען הערט מען אַלץ דעם דאָרטיגען עולם שרייענדיג אין איין קול: געוואַלד, נישט אויסצוהאַלטען פון די יודלעך, וואָס חאַפּען אַלסדינג אויס און שטעלען אונז בּדלות!

רעכענען מיר אַצינד צונויף דעם גאַנצען פריהערדיגען צעטעל, קומט אויס בּסך־הכּל אַזוי: פאַר לעבּעדיגע לייט איז דער יוד אַ טויטער, פאַר די היימישע אַ פרעמדער, אַ שלעפּער, פאַר די רייכע, פאַרמעגליכע אַ בּעטלער, פאַר די אָרמע אַ גאָלדשפּינער, אַ מיליאָנער, פאַר פּאַטריאָטען, וואָס קלעפּען אין זייער לאַנד, איז ער אַ גאָרנישט אָהן אַ שום פאָטערלאַנד. און פאַר אַלע קלאַסען מענשען איז ער אַ מיאוסע אַנשיקעניש.

אָט אויף דעם דאָזיגען שלעכטלעבּען צווישען די אומות־העולם מיט יודען איז געבּויעט איינגאַנצען די אַלע טענות אָהן אַ צאָהל, דאָס וערטלען זיך און בּעקלאָגען זיך פון איין צד אויף דעם אַנדערען. די יודישע קינדער, אָנשטאָט בּעסער צופאַרשטעהן זייער איינענע מיאוסע לאַגע און געפינען דערצו עפּיס גוטע מיטעל, בּעקלאָגען זיך נאָר שטענדיג דאַרויף, אַז אין דער וועלט איז נישטאָ קיין יושר אויף אַ האָר, און מיינען, אַז פון דעם שרייען וועט זיי עפּיס אַרויסקומען. ווידער־זשע דער אַנדערער צד אַקעגען, אָנשטאָט דעם, זיך סומך צוזיין, פּשוט איז פּשוט, אויף זיינע גרעסערע הקיפות און אַרויס ריין מיט דער שפּראַכע: געשמייע אייך פאַרפול! וויל ער אַלץ גערעכט מאַכען דאָס קוממיות־זאָגען יודען, דורך אַלערליי מיני עבירות און חטאים, וואָס הייבּען זיך אפילו נאָר נישט אָן. ווער אָבער עס וויל קיינעם נישט נושא־פּנים זיין און קוקט אויף אַלסדינג, וואָס אין דער וועלט געהט פיר, מיט אָפענע אויגען ווי אַ געניטער, ער וועט קיינעם ניט פון די ביידע צדדים בּעשולדיגען פאַר דעם שלעכט־לעבּען צווישען זיך. צו די יודען אָבער וועט ער זאָגען: איהר זענט, כ'לעבּען, שוטים, נמאס־ומאוסע מענשען! שוטים זענט איהר, ווייל איהר שטעהט ווי די אָנגעמאָהלטע גולם'ס, גאָרנישט צוטראַכטען עפּיס פאַר אייך אַליין צוטאָהן און וואַרט אויף דער וועלטס יושר, אַזעלכס וואָס האָט איהר פון תּמיד אָהן געפעהלט; נמאס־ומאוס זענט איהר, ווייל אין אייך איז נישטאָ, משטיינס־געזאָגט, קיין פּיצעל געפיהל פון אייער איינענעם כּבוד און אויך פונ'ם כּבוד פון אייער אומה.

אַ זאָג אַבּיסעל: אַ געפיהל פון איינענעם יודישען כּבוד! פון וואַנען זאָל זיך אַזוינס נעהמען? הערסטו, דאָס איז דאָך טאַקי די גאַנצע צרה

מיט אונזערע אחינו בּני ישראל. וואָס מיר אַלע מאַכען נישט אויס איין פאָלק, וואָס מיר זענען גלאַט נאָר יודען. אַ טשערעדע שאָף זענען מיר, וואָס בּלאָנקעט זיך אַרום צווייעט־צושפּרייעט אויף דער גאַנצער וועלט.

אמת טאַקי, הונדערטער יאָהרען בּסדר ראַנגלען מיר זיך אין דער וועלט מיט אַלע קרעפטען צודערהאַלטען די נשמה, אָבער דאָס איז נישט אַזאַ ראַנגלען זיך פון איין פאָלק פאַר דעם גאַנצען כּלל, נאָר פון צוזייעטע־צושפּרייטע יודען, וואָס איטליכער ווענדט איין אַלע כּוחות נאָר פאַר זיך אַליין. פאַר דעם זינדיגען שטיקעל בּרויט און פאַר אַ חיי־שעה, ער זאָל חאָטש קענען זיפען, עטהמען אַבּיסיל פריי. און אין דעם דאָזיגען מין מלחמה זענען מיר, בּרוך־השם, טרוקען אַרויס. מיליאָנען יודען שלעפּען זיך אַלץ טאַקי ווייטער געזונט און שטאַרק אַרום. מיר האָבּען בּעוויזען גבורות, אַז איטליכער יוד פאַר זיך בּעזונדער קען זיין שטעדטיל בּעשטעהן און זיך האַלטען אויף די פיס, אָבער אינאיינעם האָבּען מיר פאַרלוירען דאָס געפיהל פון כּבוד, וואָס אַ פאָלק פיהלט אין זיך. אינדעם אַז מיר האָבּען איינגאַנצען זיך אָפּגעגעבּען מיט דעם דאגת־הפּרנסה, צודערהאַלטען דאָס לעבּען, זענען מיר זעהר אָפּט גענייטיגט געוועזען דעם כּבוד אין דער זייט אַוועקצולעגען. מיר האָבּען נישט בּעמערקט, אַז דורך אַזאַ מיאוס'ן גאַנג, הגם ער איז נישט מיט אונזער ווילען, זענען מיר נאָך ערגער אַראָפּגעפאַלען בּיי אונזערע פיינד, נאָך מעהר געוואָרען צו לייטיש געשפּעט און חוכא־וטלולות.

דאָס געפיהל פון כּבוד איז בּיי אונז אַזוי ווייט אויסגעוועפּט געוואָרען, אַז מיר זענען מקבּל בּאהבה אַלסדינג, וואָס מען לעגט אין אונז אַריין, און מאַכען נאָך דערבּיי מיט אַ קנייטשעלע: מילאָ, עט, נישקשה. חאַפּען מיר אַ מאָל אַ פּלעם, לעגען מיר צו דער געשוואָלענער בּאַק צו קאַלט וואַסער, און וואַרפט מען אונז אַרויס פון דער שטוב, נעהמען מיר די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויפען ווייט, אַזש וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט ערגיץ, צוזיין דאָרט אין גלות. הערען מיר אויף דעם וועג ווי שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ רופט זיך איינער עפּיס איבּער אונז אָפּ: „שלים־שלימזלדיגע, ס'איז דאָך, כ'לעבּען, אויף אייך אַ צער בּעלי חיים“! צוגעהט זיך אונז פּשוט דאָס האַרץ. אַזוי ווייט זענען מיר בּיי זיך געפאַלען, אַז מיר פאַררייסען די נעז מיט גדלות פאַר גרויס שמחה, ווען אַ קליינער טייל פון אונזער פאָלק איז ערגיץ אין אַ מדינה גלייך מיט לייט געשטעלט געוואָרען דאָרט. דעם וואָס מען

בעדאַרף שוין שטעלען, דער איז, משטיינס=געזאָגט, שלאָף און קוים וואָס ער שטעהט אויף די פיס. קוקט מען נישט דאַרויף, וואָס מיר שטאַמען פון יודישע קינדער און מען בעטראַכט אונז גלייך מיט אַלע אַנדערע מענשען, טהוט עס אונז אין האַרצען משונה הנאָה און מיר דאַנקען דערפאַר זעהר שען. מיר שמועסען איין אי זיך אי אַנדערע, אַ מיר זענען מעהר טאַקי נישט קיין יודען, נאָר עכטע אמתע קינדער פונ'ם לאַנד. אָבער נאַרישע חלומות! איהר מעגט אייך בעווייזען באותות ומופתים, אַז איהר זענט ווי אַלע אַנדערע גלייך געטריי דעם לאַנד, דאָך ווערט מען ביי עפּיס נאָר אַ געלעגענהייט אייך שטאַרק אָנצוהערעניש געבען, אַז איהר זענט יודען, און אַרויספיהרען אייער יחוס פון טאַטענס טאַטען ביז שם'ן דעם עלטער=עלטער זיידען פון אַברהם אָבינו. דאָס האָבען אייך נישט לאַנג זעהר גוט בעוויזען דייטשלאַנד און אונגאַרען.

וואָס איז פאַר אַ וואונדער, אַז אַ פאָלק וואָס האָט, בכדי צוהאָבען חאָטש אַ חיי=שעה, זיך געלאָזט טרעטען מיט די פיס און זיך אויסגעלעהרענט די דאָזיגע פיס נאָך צוקושען, אַז אַזאַ פאָלק איז געוואָרען צו חרפּה און צו לייטיש געשפּעט!

דאָס גורל אונזערס איז אַזעלכס, וואָס אונז איז אוממעגליך נישט צושטאַרבען און נישט צולעבען, שטאַרבען קענען מיר נישט נאָך די אַלע קלעפּ, וואָס מיר חאַפּען, און מיר ווילען טאַקי אויך נישט פונ'ם יודישקייט זיך אָפּצוזאָגען און פון אונז אַליין אַ עק צומאַכען. ווידער=זשע לעבען קענען מיר אויך נישט, ווייל עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס פאַרגינען עס אונז נישט. ווי אַ פאָלק אויף דאָס ניי אָנצוהויבען פאַר זיך לעבען, גלייך מיט אַנדערע פעלקער — אויך דאָס ווילען מיר נישט, ווייל פיל פון אונז, וואָס זענען שטאַרק געטריי דעם לאַנד, מיינען, אַז מען קאָן זיי, חלילה, אַזוינס פאַר אומגוט נעהמען, חאָטש ס'איז גאָר נישט אַזוי די מעשה, אַדרבה ואַדרבה... בפרט נאָך, ווי מיר וועלען ווייטער דער=קלעהרען, איז דאָך אונזער כוונה נאָר, אַז אַ טייל יודען, אָרעמע, נויט=בעדערפטיגע זאָלען זיך ערגיץ בעזעטצען, אַרבייטען און לעבען אינאיינעם. און לא די וואָס אַזעלכס קען קיינעם נישט שאַדען, אַדרבה עס וועט נאָך זיין אַ טובה פאַר אַלע צדדים. מיר האַלטען פאַר נייטיג פריהער עס אַרויסצוזאָגען, בכדי מען זאָל זעהן, אַז אונזער כוונה איז אַ גוטע און פאַרדינט בכל=האופנים, מען זאָל זי מיט ישוב הדעת אויסהערען. דער עיקר איז, וואָס מיר בעטען צופאַרשטעהן אונזער גאַנצען שמועס מיט

דעם אמת'ן, רעכטען און גוטען פּשט און נישט אַריינצולעגען דרינען עפּיס דרשות מיט שאַרפע שפּיטצלעך. אין דער יודישער שלעכטער לאַגע איז קיינער אין דער וועלט נישט שולדיג ווי נאָר זייער פינסטער, ביטער מזל אַליין, אָקעגען וועלכען מיר מוזען עפּיס טאָן עס צופאַר=בעסערן, אַז מיר זאָלען אויפגעריכט ווערען. נאָר דער לאַנגער גלות פון אַ קאַרגע פאָר טויזענט יאָהר האָט ביי אונז צוגענומען אי דאָס גע=פיהל פון כבוד אי דעם מוטה. מיר זענען געוואָרען צו חרפּה צו געשפּעט און מיר ווילען אפילו זיך נישט פּרוּווען, די חרפּה פון אונז אַראָפּצונעהמען.

צו די אַלע צרות איז דאָ נאָך אַ זאַך, וואָס האָט אונז געמאַכט אָפּהענ=דיג צוזאָרגען זיך פאַר אונזער תכלית, ווי=אַרום צו ווערען לייטען גלייך. דאָס איז דער גלויבען אין דעם, אַז מיר קענען אַנדערש נישט אויפגע=ריכט ווערען און בעקומען אַ פּנים פון אַ פאָלק אין דער וועלט סיידען נאָר דורך גרויסע נסים ונפלאות דורך משיח'ן, וואָס ער וועט מיט דעם אויבערשטענס כח קומען אונז אויסלייזען פונ'ם גלות, און ביז דענסמאָל מוזען מיר ליידען, מקבל באהבה זיין אַלע צרות און אָנשיקעניש פון זיין ליבען נאָמען. מיר האָבען דורכדעם אַרויסגעשלאָגען זיך פונ'ם קאָפּ איטליכען געדאַנק פון אַ פאָטערלאַנד. אַזעלכס האָבען מיר נאָך אַלץ מעהר גערן געטאָן, וואָס מעהר איטליכער פון אונז האָט געהאַט צו=זאָרגען פאַר די נייטיגסטע בעדערפניש, ווי אַזוי צודערהאַלטען דאָס לעבען. דערווייל זענען מיר וואָס ווייטער אַלץ נידריגער, נידריגער געפאַלען. איז דען שוין לסוף נישט צייט איינצוזעהן, ווי מיאוס דאָס איז פאַר אונז?

צום גליק אָבער זענען היינט די אומשטענדען אַנדערש אַביסעל ווי פריהער. די רדיפות אין דער לעצטער צייט אויף יודען דאָרט אין דעם געבילדעטען דייטשלאַנד, רומעניען, אונגאַרן וכדומה, האָבען פּועל=יוצא געווען אַזוינס, וואָס אַ סך מעהר ערגערע רדיפות אַ מאָל אין מיטעל=אַלטער זענען נישט ביכולת געווען עס צומאַכען. דאָס פאַרשלאָפענע געפיהל פונ'ם יודישען פאָלק, וואָס האָט דענסטמאָל בשעת די גרויסע צרות זיך אויסגעדרוקט נאָר אין דעם תהלים=זאָגען און אין דעם אום=קומען אויף קידוש=השם, האָט היינט ביי אַ סך יודען אויסגעשאָסען אין אַ שטאַרקען שטופּען זיך קיין ארץ=ישראל. און ווי וועניג נוטצען ס'איז פונ'ם דאָזיגען שטופּען זיך אַהין אַרויסגעקומען, דאָך בעווייזט עס לכל=הדעות, ווי יודען האָבען אָנגעהויבען צופיהלען גאַנץ קלאָהר, אַז מען

מוז האבען א היים. די גרויסע צרות און לייד, וועלכע יודען זענען אויסגעשטאנען, האט אין זיי היינט אויפגעוועקט עפּיס אזוינס, וואס בעטייט שוין גאר אנדערש ווי דאס פריהערדיגע אראפּשלינגען די אלע פורעניות, וואס איז נאר א גזר דין, א שטראף פון גאט.

היינטיגע צייטען, אז אונזערע אחינו בני ישראל האבען אין א טייל לענדער אנגעהייבען פרייער צוערטהמען און קענען שוין מעהר צום הארצען נעהמען די צרות פון זייערע אומגליקליכע ברידער, נעבעך ; היינטיגע צייטען, אז די גרויסע מלכיות האבען חסד געטאן מיט געוויסע אומות, דערנידעריגטע, דערשלאגענע און אפּגעלאזט זיי פריי פאר זיך אליין זייער שטעדטיל צובעשטעהן, בעדארפען אויך מיר קיין איינע נישט זיטצען מיט פארלעגטע הענד און צולאזען די סברא, אז אויף אונז איז אויבען שוין אזוי אנגעחתמעט געווארען, איביג נע־ונד צו זיין גאר אהן א סוף.

אזוי וועניג ווי מיר האבען קיין רעכט צובעקלאגען זיך אויף די אלע אנדערע אומות העולם פאר דער שלעכטער לאגע אונזערער, ווייל דאס איז שוין אזוי בטבע אין אלע מענשען, נישט ליידען צוקענען דעם בעטלער, וואס שלעפּט זיך ארום שטענדיג, און מיר קענען אויף זיי נאר קיין פאראיבעל ניט האבען דערפאר, וואס זיי שטעקען אונז נישט אפּ א נדבה מיט דעם גוטען ווילען, פונקט אזוי וועניג האבען מיר קיין רעכט זיך סומך צוזיין אויף זיי נאר מיט אלסדינג, וואס איז נוגע אונזער גליק, אז זיי אליין זאלען שוין אונזער תכלית פארזארגען. אויף דעם לאנגען, וויטען וועג צו אמת׳ער מענשענליבע, ווען ס׳איז נאר א מעגליכקייט אזעלכם א מאל צודערגרייכען, שטעהען אלע מענשען פון דער וועלט, און מיר אויך צווישען זיי, נאך גאר אין דער התחלה. דאריבער מוזען מיר פונ׳ם קאפּ זיך ארויסשלאגען איינגערעדטע זאכען, אז מיט אונזער פארוואגעלט־זיין אין גלות האבען מיר בהשגחת הבורא גענומען אויף זיך א שליחות די וועלט צופארבעסערען — אזא שליחות, אין וועלכער קיינער גלויבט נישט, אזא כבוד, וועלכען מיר וואלטען, צווישען אונז גערעדט, בשמחה רבה מוחל געוועזן, אויב נאר דערמיט צוגלייך זאל די חרפּה, וואס אין דעם נאמען „יוד", פון דער וועלט אויך פארשווינדען ווערען. לאמיר נישט זוכען אונזער כבוד, אונזער גליק אין חלומות, נאר אין אונזער אחדות און פארבינדען זיך ווי ברידער צו איין פאלק. ביז אהער האבען מיר אין דער וועלט נישט

געגאלטען פאר א זיבערער פירמע און דאריבער האבען מיר קיין רעכטע קרעדיט אויך נישט געהאט.

ווען אנדערע פעלקער עפּיס, וואס זענען פאר אונזערע אויגען ערשט אויסגעוואקסען, ווי א שטיינער, סערביען און באלגאריען, האט מען די מיה זייערע צו אזא מעמד צוקומען געפונען פאר גאנץ רעכט און כשר, היינט א פּשיטא שוין יודען! מעהר פון יענע האבען זיי זייער טייל ארבייט אין דעם לעבען פון די אלע געבילדעטע פעלקער, מעהר פון יענע האבען זיי זיך פארדינט מיט זייער ארבייט לטובה פאר א וועלט מענשען, זיי האבען מעהר פון יענע אויסצווייזען א גרויסע ראליע, וועלכע זיי האבען געשפּילט פארצייטענס, א גאנץ גרויסע געשיכטע, א אלטען יחוס־בריף פון איין ריינער גזע, איין אייזערנעם כח צודערהאלטען זיך אויף אייביגע צייטען ביים לעבען, א פעסטען גלויבען, און א גרויסע מגילה פון אלערליי צרות, וואס קיינער איז נאך אזויפיל אין לעבען נישט אויסגעשטאנען ; מעהר ווי אקענען איטליכער אנדערער אומה האבען די פעלקער זיך אקעגען זיי פארזינדיגט. איז דען דאס אלסדינג נאך קארג אויף־צוגעפינען זיי פאר ווערטה, אז זיי זאלען, נעבעך, שוין אויך אויפגעריכט ווערען? א חוץ דעם בעדארפען דערפון, דאכט זיך, נאך שטארק צופרידען זיין די אלע אומות, אויף וועלכע מיר ליגען ווי א הארב אויף די פּלייצעס.

מען בעדארף, אמת טאקי, נאך באלד אין דער התחלה, גרייט זיין אויף דעם גרויסען געפּילדער איבער אזא אונדערהערטער זאך פון די יודענס זייט. גאנץ געוויס, אז ס׳וועט שרעקליך פיל מיה קאסטען, אפשר נאך איבער דעם מענשענס כח, ביז עס זאל מעגליך זיין אזא שווערע זאך אויסצופיהרען. מען מוז אבער זיך בערעכנען, אז ס׳איז אין־ברירה, קיין אנדער וועג איז נישטא פאר יודען, ארויסצוגעהן פון זייער שלעכטער לאגע און עס וואלט געוועזן א נארישע מורא קיין פוס נישט ארויסצושטעלען אויף אזא וועג נאר דאריבער, ווייל ער איז לאנג, שווער און מסוכן, ווייל ס׳איז נאר א קליינע האפנונג דא אויף דעם וועג עפּיס צודערגרייכען. ווער עס שטעלט נישט איין, נעהמט נישט אויס, און באמת טאקי, וואס האבען מיר דא אנצווווערען? גאר אין ערגסטען פאל בלייבען מיר אויך אויף ווייטער דאס, וואס מיר זענען ביז אהער געוועזן.

ביי אזעלכע שלעכטע אומשטענדען, און וועלכע מיר האבען פריהער געשמועסט און אין וועלכע קיינער פון די אומות איז, חלילה,

נישט שולדיג, נאָר אונזער פינסטער מזל אַליין, זענען מיר געוועזן, מיר זענען אַצינד און וועלען אויך תמיד אין אַלע צייטען זיין אָרעמע מקבלים, מעלערלעקער, וואָס זיטצען ווי אַ משאָ אויפ'ן קאָפּ פון די פעלקער. די אמתע בעלי-הבתים אין דעם לאַנד. אַוודאי וואָלט מען די דאָזיגע משאָ וועניגער געפיהלט, ווען מיר וואָלטען פאַרטיילט געוועזן צווישען די אומות אַזוי, אַז אומעטום זאָלען מיר אויסקומען אַקעגען זיי נאָר אַ מעט. דאַריבער מוז עס טאַקי אויף אונז חל זיין, צוזאָרגען דערפאַר, אַז דער איבעריגער טייל פון אונז, וואָס שטעהט ווי אַ ביין אין האַלז, זאָל מוחל זיין ווייטער צוגעהן און ערגיץ אַנדערש זיך בעזעצען. קיין שום פרעמדער איז גאָר נישט מחויב דערפאַר זיך צזאָרגען, נאָר מיר אַליין. ווען מען וואָלט געקענט די יודען גלייך פאַרטיילען צווישען די אַלע אומות פון דער גאַנצער וועלט, וואָלטען אפשר די היינטיגע שאלות-ותשובות מכח יודישע קינדער גאָר כלל נישט געוועזן. אָבער אַזעלכס קען בשום-אופן נאָר נישט געמאָלט זיין. ניכער מוז מען אָננעהמען אין דער סברא, אַז אפילו אין די העכסט געבילדעטע לענדער וואָלט מען זיך שטאַרק אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזען גאַנצע פאַרטיעס מיט יודען. מיר זאָגען עס אַרויס מיט אַ שווער האַרץ, אָבער דעם אמת מוזען מיר מודה זיין. און פאַר אונז איז עס נאָך שטאַרק נייטיג, ווייל דורכדעם, וואָס מיר וועלען בײ אונז וויסען דעם רעכטען אמת, וועלען מיר אין שטאַנד זיין צוגעפינען די רעכטע מיטעל אונזער שלעכטע לאַגע צופאַרבעסערן. היינט וואָלט עס טאַקי געוועזן אויך גאָר נישט קיין פריידהליכער עסק, ווען מיר זאָלען זיך נישט בענוטצען דערמיט, וואָס די צייט האָט אונז אָנגעלעהרענט אין לעבען.

איינמאָל זענען מיר שוין גוט אָנגעלעהרענט, אַז מיר זענען ערגיץ נישט קיין היימישע מענשען און אַז מיר מוזען דאָך האָבען, ווען נישט קיין איינען פאָטערלאַנד, אָבער פאָרט עפּיס חאָטש אַ שטיקעל היים. ווידער זענען מיר אָנגעלעהרענט, אַז דער שלעכטער סוף, מיט וועלכען דאָס אַוועקלאָזען זיך פון אַ סך יודען אין דער לעצטער צייט האָט זיך געענדיגט, איז נאָר דערפון איינגאַנצען געקומען, וואָס עס איז געשעהן אין איילעניש, און אין דער גרויסער בהלה האָט מען נישט בעזאָרגט פריהער דעם רעכטען עיקר — מען האָט זיך נישט געזאָרגט קודם-כל, נישט פאַר קיין מקום מנוחה און נישט פאַר דעם סדר, מיט וועלכען דאָס אַוועקלאָזען-זיך מוז געשעהען.

ויל מען קוקען אין תוך אַריין, אויפגעריכט צו ווערען אַזוי, אַז

מיר זאָלען אַ שענערען פּנים בעקומען אַ בײ זיך אַליין אַ בײ אַנדערע, בעדאַרפען מיר נישט אָננעהמען דווקא אין ארץ-ישראל ווי אַ מאָל זיך צובעזעצען. אונזער וואונש געהט גאָר נישט אַזוי ווייט. אָהן דעם איז אויך גענוג שווער, אַז ער זאָל דערפילט ווערען. מיר ווינשען אַצינד פאַר אונזערע אָרעמע ברידער נישט מעהר ווי עפּיס אַ שטיקעל אָרט, וואָס זיי זאָלען עס קענען אָנרופען זייער אייגענס און לעבען כדת משה וישראל. וועט אויך נאָר מעגליך זיין אפשר, אַז ארץ-ישראל זאָל ווערען אונזער איינען לאַנד איז אַוודאי זעהר גוט, אָבער דער עיקר, אויף וואָס מען בעדאַרף פריהער פון אַלע זאַכען קוקען, איז אָנצוטרעפען אַזאַ לאַנד, צו וועלכען ס'איז גרינגער צוקומען און פּאַסט טאַקי צוגלייך אויך פאַר יודישע קינדער פון פאַרשידענע מדינות, אַז זיי זאָלען דאָרט קענען זיטצען במנוחה ווי בײ זיך אין דער היים און אַרויסברײנגען דאָס שטיקעל ברויט מיט אייגענער אַרבייט. מיר ווייסען גאַנץ גוט, נישקשה, מיט וואָס פאַר אַ גרויס מיה און שווערקייט עס וועט אָנקומען אונזער וואונש צודערגרייכען, נאָר שווערער פון אַלע אַנדערע זאַכען וועט בײ אונזערע יודען אָנקומען גאָר די ערשטע און נייטיגסטע זאַך, היינו: דאָס אָנטשליסען-זיך דערצו. דען, צווישען אונז גערעדט, זענען מיר גרויסע עקשנים. און עס קען טאַקי גאַנץ גרינג זיך גאָר מאַכען, אַז אַ פּעקיל לייט פון אחינו בני ישראל זאָלען די דאָזיגע זאַך דערשטיקען נאָך גאָר אין דער התחלה, און דענסטמאָל אַז אָך און וועה צו אונזערע טעג און יאָהרען!

מיר זאָגען נאָך אַ מאָל בפירוש אַרויס, די היינטיגע צייט, אין וועלכע מיר לעבען, איז זעהר מסוגל דערצו, אַז אונזער וואונש זאָל דערפילט ווערען. אין די לעצטע יאָהרען האָבען מיר מיט אונזערע אייגענע אויגען געזעהן, ווי אַ סך קליינע אומות זענען אויפגעריכט געוואָרען, וואָס פריהער האָט זיי אַזוינס אפילו זיך גאָר נישט געחלומט. די מלכיות געוועלטיגען היינט מיט חסד און לאָזען די קליינערע פון זיי זיך געהן זייער וועג, אַבי ער פיהרט נאָר צום פרידען און צום גליק פאַר זיך אַליין און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען. גענוג. כ'לעבען, אָנגעוואָרפען צוזיין און ליגען אַלע אַנדערע פעלקער אויף דעם קאַרק ווי אַ שווערער שטיין און דעריבדעם זאָל אַ וועלט מענשען שטענדיג מיט אונז האָבען צוטאָן, צווינגען און צוזאָגען. מענשען לאָמיר זיין, יודישע קינדער! מענשען מיט אַ געפילען און אַ פעסטען כאַראַקטער. לאָמיר אָנהויבען פאַר אונזער תכלית אַליין זיך צוזאָרגען און אַבי מיר

װעלען ערענסט מיינען, װעט גאָט אונז אויך העלפען. אפילו יענע, װאָס זענען אונז אַצינד נישט אַזוי גוט, װעלען אונז, נישקשה, נישט אָפּזאָגען אין זייער הילף מיט װאָס נאָר מעגליך, װען זיי װעלען איינזעהן, אַז מיר זאָרגען זיך באמת פאַר אונזערע אָרעמע ברידער, צוזעצען זיי ערגיץ אין איין אָרט, דאָרט צואַרבייטען און צולעבען װי מענשען. אמת טאַקי, צו אַזאַ גרויסער, וויכטיגער זאַך זענען נייטיג גרויסע לייט מיט אַלע גוטע מעלות, נאָר מיר בעדאַרפען אָבער האָפען, אַז אַזעלכע לייט װעלען מיט דער צייט ביי אונז זיך געפינען, װאָס אַלע אינאיינעם, דער מיט זיין רייכקייט, יענער מיט זיין חכמה, איינער מיט זיין זיס לשון און דער אַנדערער מיט זיין פען, װעלען אין שטאַנד זיין יודען ארויפצופיהרען אויף אַ דרך. זיי װעלען גוטע מליצים זיין פאַר אונז ביי די אַלע מלכיות און מיט גאָטס כח יודען שטעלען אויף די פיס.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיר מיינען דאָ נישט פשוט, אַלע יודען, װאו נאָר זיי געפינען זיך אַצינד, זאָלען פלוצלים זיך פאַרנעהמען און אװעקגעהן קיין ארץ-ישראל, אָדער ערגיץ אַנדערש אין זייערם אַ אייגען לאַנד. חלילה! דאָס ביסעל יודען אין יענע מדינות, װאָס מחמת זיי זענען נאָר אַ מעט אַקעגען די אַלע אַנדערע איינװאױנער, איז זיי דאַריבער טאַקי דאָרט גוט, מעגען זיך געזונטערהייט דאָרט אויף תמיד בלייבען. אויך אין אַזעלכע מדינות אפילו, װאו דער כלל יודען קען אַזוי גרינג זיך נישט דערשלאָגען גלייכע פראַװעס מיט די אַנדערע דאָרטיגע איינװאױנער, מעגען די גבירים, שענע בעלי-הבתים און אַלע פאַרנעהמסטע פון די יודישע קינדער בלייבען טאַקי דאָרט װי פריהער. מען רעדט מיט מעהר פון יענע, אַ סך אַזעלכע אָרעמע, נויטבעדערפטיגע יודען, װאָס לעבען, נעבעך, פון דער לופט, װאָס פאַלען שװער אויף איטליכען װי אַ שרעקליכע משא, זענען גרויס אין די אויגען אי זיך אַליין אי אַנדערע און מחמת זיי קומט ארויס אַל-דאָס ביזו, רדיפות און צרות אויף דעם גאַנצען כלל ישראל. אָט פאַר דעם דאָזיגען איבערבײנדעל איז אַצינד די צייט צוזאָרגען, צוזעצען זיי ערגיץ אין אַ שטיקעל אייגען אָרט, אַז זיי זאָלען מיט זייער ארבייט קענען לעבען דאָרט לייטען גלייך. נאָר מען בעדאַרף די זאַך אַנידערשטעלען פעסט מיט ישוב-הדעת, עס זאָל אין תוך אַריין טאַקי זיין גוט און אַ שען פנים האָבען, נישט גלאַט צונויפנעהמען אויף זיי נדבות װי אויף מקבלים. דערפון װעט קיין גוטס ניט ארויסקומען, אַזוי װי ס'איז גאָרנישט ארויסגעקומען פון די

קאַסע-קאַסאָעס געלט, װאָס מען האָט געקליבען פאַר יענע אומגליקליכע, נעבעך, פון אונזערע ברידער, װאָס האָבען נישט לאַנג בשעת דער בייזער מהומה זיך אין איילעניש, אין חאַפּעניש אװעקגעלאָזט װאָהין די אויגען טראָגען, אַ טייל קיין אמעריקא און אַ טייל קיין ארץ-ישראל. נײן, העלפען בעדאַרפען מיר אויף װייטער אונזער אָרעמען עולם מיט בערעכנונג און מאַכען פון דער התחלה אַלסדינג װי עס געהער צו זיין, אַזוי אַז זיי זאָלען קענען אַ קיום האָבען און לעבען דורך זייער אייגענער ארבייט אין נחת און פריידען. דענסמאָל װען אונזערע אָרעמע דערשלאָגענע ברידער װעלען אויפגעריכט װערען און אין דער װעלט װעט בעקומען נאָר אַ אַנדער פנים, װעלען די אומות העולם דערנאָך אויף אונז אַלע נרדים כבוד לעגען און שוין קוקען אויף אינז אומעטום מיט אַנדערע אויגען.